STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06793

A GESHONKEN LEBN

Leon Blum

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

erty Public Library
erty, N.Y. 12754

ד״ר לעאָן בלום
מיראָן לעשעם

אַ געשאָנקען לעבן

שער־בלאַט געצייכנט:

לעאָן פּאָד

●

רעדאַקטאָר:

משה קנאַפּהיים

●

געזעצט און געדרוקט אין דער דרוקעריי

פון זלאָטאָפּיורא

●

גראַפישער אויסשטאַט:

מעטראָמפּאַזש: **לעאָן לעווקאָוויטש**

לינאָטיפּיסט: **שמעון געצעל**

דרוקער: **Víctor Chiavia**



פאַרלאַג
יידישלאַנד
בוענאָס־איירעס

Dr. LEON BLUM MIRON LESCHEM

Liberty Public Library
Liberty, N.Y. 12754

UNA VIDA

A GUESCHONKEN LEBN

Portada
LEON POCH

IMPRESO EN LA ARGENTINA
Copyright by M. Leschem
Hecho el depósito que marca la ley 11.723
Registro Nacional de la
Propiedad Intelectual
Nº 1099644

EDITORIAL
Idisch Land
BUENOS AIRES

אַ דאַנק דער מאָראַלישער מיטהילף
פון מײַן פרוי הערטאַ
דערזעט דאָס בוך די ליכטיקע שײַן
מ. ל.

מײַן טאָכטער דײבי
מיט ליבשאַפֿט
ל. ב.

א י נ ה א ל ט :

אַריינפיר־וואָרט — מ. ל. — — — — — — — — — — — — 11

ערשטער טייל

קאַפּיטל איינס:
די לעצטע צוויי פון דרײַסיק טויזנט אומגעבראַכטע ייִדן — — — — 15

קאַפּיטל צוויי:
ווו באַהאַלט מען זיך אויס? — — — — — — — — — — — — 20

קאַפּיטל דרײַ:
בײַ אַ פּוילישער פּויערטע אין אַ דאָרף בײַם וואַלד — — — — — — 22

קאַפּיטל פיר:
„בײַ אונדז וועסטו זיך אויסלערנען טרינקען" — — — — — — — 24

קאַפּיטל פינף:
בײַ אַ ווײַסרוסישן פּויער אין שטוב — — — — — — — — — 26

קאַפּיטל זעקס:
פּיעטקע — אַ פּאַרטיזאַן צי אַ רויבער? — — — — — — — — 29

קאַפּיטל זיבן:
דער ייִדישער פּאַרטיזאַן חיים מיט זײַן רייזעלע — — — — — — — 33

קאַפּיטל אַכט:
אַ טאַשן־זייגערל פאַר אַ ביקס מיט אַ גראַנאַט — — — — — — — 36

קאַפּיטל נײַן:
אין לעבעדיקן קבר פון אויסבאַהאַלטענע ייִדן אין וואַלד — — — — 39

קאַפּיטל צען:
צוויי צעטראָטענע ייִדישע בלומען — — — — — — — — — — 42

קאַפּיטל עלף:
אַן אַנטלאָפענע פון אַ מאַסן־עקזעקוציע — — — — — — — — 46

קאַפּיטל צוועלף:
אויפן וועג צו פרײַהייט דורך קאַמף און נקמה — — — — — — — 49

קאַפּיטל דרײַצן:
אַ פּאַרטיזאַנישער טייל אָפּגעריסן פון אָטריאַד — — — — — — — — 54

קאַפּיטל פערצן:
אויפן וועג צום פּאַרטיזאַנישן שטאַב — — — — — — — — — — — 58

צווייטער טייל

קאַפּיטל פופצן:
אַנטלאָפענער פון געשטאַפּאָ ד"ר בלום דערציילט — — — — — — — 63

קאַפּיטל זעכצן:
דער קאָמאַנדיר גיט אויס מיליטערישע סודות — — — — — — — — 68

קאַפּיטל זיבעצן:
אומצוטרוי בײַ די פּאַרטיזאַנער צו אַ ייִדישן דאָקטאָר — — — — — — 70

קאַפּיטל אַכצן:
אַ כירורגישע אינטערווענץ מיט אַ קיכמעסער — — — — — — — — 73

קאַפּיטל נײַנצן:
נקמה אין די שונאים — די פאָן פון די פּאַרטיזאַנער — — — — — — 77

קאַפּיטל צוואַנציק:
אַ פּאַרטיזאַנער־שפּיטאָל געבויט אויף די זומפּן — — — — — — 81

קאַפּיטל איין און צוואַנציק:
זאָרג פאַרן היגיענישן לעבן אין וואַלד — — — — — — — — — — 84

קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק:
קעמפן ביזן לעצטן טראָפּן בלוט! — — — — — — — — — — — — 86

קאַפּיטל דרײַ און צוואַנציק:
קריגגעריכט איבער אַ ייִדישן פּאַרטיזאַן — — — — — — — — — 88

קאַפּיטל פיר און צוואַנציק:
אַ היילמיטל פון געוויקסן וואָס באַווײַזט וווּנדער — — — — — — 91

קאַפּיטל פינף און צוואַנציק:
אַ פּאַרטיזאַנער־גרופּע אויף אַ סאַבאָטאַזש־אַקציע — — — — — — 93

קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק:
ליבע־געשיכטעס וואָס פּאַרטיזאַנער פּלעגן זיך דערציילן — — — — 96

קאַפּיטל זיבן און צוואַנציק:
פּאַרטיזאַנער־שפּיטאָל באַקומט אַ סאַניטאַרקע — — — — — — — — 100

קאַפּיטל אַכט און צוואַנציק:

דער קאָמאַנדיר באַשטעטיקט דעם סאַניטאַר־פּאָסטן — — — — — — 104

קאַפּיטל ניין און צוואַנציק:

פֿאַרשיכורנדיקע ראָמאַנטישע טעג אין וואַלד — — — — — — — — 107

קאַפּיטל דרײַסיק:

איך, עלקע און לאָלעק — — — — — — — — — — — — — — 111

קאַפּיטל איין און דרײַסיק:

אַ באַזוך אויף רײַטפּערד אין אַ צווייטן אָטריאַד — — — — — — 115

קאַפּיטל צוויי און דרײַסיק:

צווישן געראַטעוועטע ייִדן אין וואַלד — — — — — — — — — 118

קאַפּיטל דרײַ און דרײַסיק:

אַמפּוטאַציע פֿון אַ פֿוס מיט אַ וואַלדזעג — — — — — — — — 120

קאַפּיטל פֿיר און דרײַסיק:

אַן אומגעריכטער אָפּזאָג פֿון אַ ייִדישן דאָקטאָר — — — — — — 12″

קאַפּיטל פֿינף און דרײַסיק:

די גרויסע דײַטשע אָבלאַווע אין די פּושטשעס — — — — — — — 126

קאַפּיטל זעקס און דרײַסיק:

די סאָוועטישע אָפֿענסיווע אויף אַלע פֿראָנטן — — — — — — — 128

קאַפּיטל זיבן און דרײַסיק:

אַ נאַכט פֿון געוויין און געבעט און צוריקהאַלט — — — — — — 130

קאַפּיטל אַכט און דרײַסיק:

געפֿאַנגענע דײַטשע זעלנער אין פּאַרטיזאַנישן שטאַב — — — — — 132

קאַפּיטל ניין און דרײַסיק:

מיראָן — אַן אָפּגעפֿונענער קוזין צווישן די פּאַרטיזאַנער — — — — 134

קאַפּיטל פֿערציק:

מיר פֿאָרן אויף מיראָנס לוויה אין וואַלד — — — — — — — — 137

קאַפּיטל איין און פֿערציק:

דער וועג פֿירט קיין בערלין — — — — — — — — — — — — 139

קאַפּיטל צוויי און פֿערציק:

די פּאַרטיזאַנער באַקומען מעדאַלן פֿאַר העלדישקייט — — — — — 141

קאַפּיטל דרײַ און פֿערציק:

אויפֿן פּאָסטן פֿון אַ קרײַזדאָקטאָר נאָך דער באַפֿרײַונג — — — — 143

קאַפּיטל פיר און פערציק:
די געשיכטע פון דער בלעכענער וואַליזקע — — — — — — — — — 145

דריטער טייל

קאַפּיטל פינף און פערציק:
אויף דער טמאדיקער דײַטשער ערד נאָכן חורבן — — — — — — — 151

קאַפּיטל זעקס און פערציק:
אויף דער שיף צום גאָלדענעם לאַנד — — — — — — — — — — 155

קאַפּיטל זיבן און פערציק:
אַ פּאָסטן פון אַ רעזידענץ־דאָקטאָר — — — — — — — — — — 159

קאַפּיטל אַכט און פערציק:
צווישן קאָלעגן דאָקטוירים אין שפּיטאָל — — — — — — — — — 162

קאַפּיטל נײַן און פערציק:
מעדיצין, ספּאָרט און ליבע — — — — — — — — — — — — — 168

קאַפּיטל פופציק:
פרײַנדשאַפט צווישן דאָקטאָר און זײַנע קראַנקע — — — — — — — 173

קאַפּיטל איין און פופציק:
אַ פרוו פון לאָנג־אײַלאַנד און אירע צוויי פּעקינעזער הינטלעך — 178

קאַפּיטל צוויי און פופציק:
אַ דאָקטאָר אַ שדכן צווישן אַ חולה און קראַנקנשוועסטער — — — 182

קאַפּיטל דרײַ און פופציק:
אַן אידעאַל שטעטל נישט ווײַט פון ניו־יאָרק — — — — — — — — 185

קאַפּיטל פיר און פופציק:
אַ יידישער לוקסוס־האָטעל צווישן די בערג — — — — — — — — 191

קאַפּיטל פינף און פופציק:
דער לעצטער נצחון אויפן לעצטן וועג — — — — — — — — — 193

נ אָ כ וו אָ ר ט — — — — — — — — — — — — — — — 198

אַרײַנפֿיר־וואָרט

אַ טייל פֿון דאָזיקן בוך איז געשריבן געוואָרן פֿון אַ מענטש וואָס מיט דער ייִדישער ליטעראַטור פֿאַרבינדט אים נאָר די ליבע צום געדרוקטן ייִדישן וואָרט. דער עיקר־ציל איז געווען פֿאָרצושטעלן דאָס לעבן פֿון איינעם פֿון די נאָבלסטע פּערזאָנען וואָס איך האָב ווען ס'איז באַגעגנט אין מײַן לעבן; אַ דאָקטאָר וואָס האָט זיך געווידמעט דעם מעדיצינישן באַרוף, זיך אָפּגעגעבן דער מעדיצין מיט זײַן גאַנצן לײַב און לעבן; וועמענס האַרציקער שמייכל האָט אָפּגעשפּיגלט זײַן טיפֿע אינערלעכע גוטסקייט און אומבאַגרענעצטע ליבשאַפֿט צום מענטש; אַ דאָקטאָר וואָס זײַן עיקר־מיסיע איז געווען צו היילן דעם קראַנקן און וואָס דער באַגריף פֿון געלט איז אים געווען להלוטין פֿרעמד. מיט איין וואָרט: אַן אידעאַלער דאָקטאָר, אַ זעלטענער מענטש און אַ ראָמאַנטישע פֿיגור.

אין אונדזערע אייגננוציקע מאַטעריעלע צײַטן פֿאַרליבט צו זײַן אין דער מעדיצין און נישט טראַכטן וועגן דעם „וואָס וועל איך האָבן דערפֿון?“ איז אַ הויכע מדרגה, איז עס אַ מאָראַלישער אַטעסטאַט פֿאַר אַזאַ מענטש. אָט דער מאָראַליש־ריינער מענטש האָט געלעבט אָפּגעשלאָסן אין זײַן וועלט, אין וועלכער נאָר זײַן געוויסן איז געווען דער איינציקער וועגווײַזער אין זײַן לעבן, וואָס איז אין די חורבן־יאָרן פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק און פֿאַר אים, ווי אַ געטרײַער זון פֿון זײַן פֿאָלק, קיין מאָל נישט געווען אויסגעבעט מיט קיין טעפּיך פֿון בלומען. פֿאַרקערט, זײַן לעבן איז געווען אַ נאָכאַנאַנדיקער קאַמף פֿאַרן דערהאַלטן דאָס מענטשלעכע אינעם מענטש, זײַנע גײַסטיקע און מאָראַלישע ווערטן — אַנטקעגנגעשטעלט דער טמאדיקער וועלט פֿון רשעות און רציחות וואָס וועט סוף־כל סוף אַליין פֿאַרלענדט ווערן אין די אייגענע פֿלאַמען פֿון האַס און פֿאַרצערנדיקער שנאה.

אָט דאָס איז געווען זײַן געדאַנקענגאַנג. אָט דאָס איז געווען זײַן וועג אין לעבן.

***

דער ערשטער טייל פֿון בוך איז געשריבן געוואָרן פֿון ד״ר בלומען אַליין. די אַנדערע צוויי טיילן זענען געשאַפֿן געוואָרן אויפֿן סמך פֿון

פֿערזענלעכע שמועסן און איבערגעגעבענע פֿאַקטן פֿון זײַנע פֿרײַנד, לעבנגעבליבענע פּאַרטיזאַנער פֿון די פּרוזשענער וועלדער.

איך וועל קיין מאָל נישט פֿאַרגעסן מײַן ערשטע באַגעגעניש אין ישראל מיט איינעם פֿון די פּראָטאַגאָניסטן פֿון דאָזיקן בוך — דעם פּאַרטיזאַן פֿון די ביעלאָוויעזשער און פּרוזשענער וועלדער — לאָלעק.

דאָקטאָר בלום — סמאָלינסקי — איז געווען בײַ די פּאַרטיזאַנער אַ לעגענדאַרע געשטאַלט, און וועגן דער וויכטיקייט און וועדטפֿולקייט פֿון אָט דעם בוך קענען, קודם־כּל, וויסן די וואָס זענען צוזאַמען מיטן דאָקטער בלום געווען אין וואַלד.

ווען איך האָב לאָלעקן דערציילט, אַז דאָקטאָר בלום האָט איבערגעלאָזט אַ טאָכטער וואָס לעבט און שטודירט איצט אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, האָט ער מיר ספּאָנטאַן דערקלערט, אַז ער איז איר גרייט צו געבן די מעגלעכקייטן ווײַטער צו שטודירן און זי אויפֿנעמען ווי אַן אייגענע טאָכטער אויב זי וואָלט געוואָלט קומען קיין ישראל.

די אויפֿריכטיקע ווערטער פֿונעם הײַנטיקן פּשוטן פֿאַבריק־אַרבעטער אין ישראל און געוועזענעם פּאַרטיזאַן פֿון די פּרוזשענער פּושטשעס האָבן אויף מיר געמאַכט אַ טיפֿן רושם און זענען געווען פֿאַר מיר אַ הויכע מאָראַלישע סאַטיספֿאַקציע.

דער ציל בײַם רעאַליזירן דאָס דאָזיקע בוך איז נישט געווען צו שאַפֿן אַ דאָקומענטאַרן ווערק פֿון אונדזער דערשיטערטער צײַט, נאָר פּשוט איבערגעבן געטרײַ, אין אַ פֿרײַער פֿאָרעם, די געשיכטע פֿון אַ געשאָנקען לעבן אויפֿן אומהיימלעכן פֿאָן פֿון אונדזער גורלדיק־טראַגישער און העראָאישער עפּאָכע פֿון מאַסן־אומקום, עקשנותדיקן קאַמף און ווידערשטאַנד קעגן די פֿינצטערסטע אַכזריותדיקסטע כּוחות פֿון אַלע צײַטן וואָס זענען סוף־כּל־סוף באַזיגט געוואָרן און האָבן באַקומען אויסגעמאָסטן דורך דער גערעכטיקייט זייער פֿאַרדינטע שטראָף.

**
*

אַ שווערע אומהיילבאַרע קראַנקייט האָט אים די לעצטע פּאָר יאָר פֿון זײַן פֿול געפּרוּווט לעבן אוממעגלעך געמאַכט צו אַרבעטן בײַ זײַן באַרוף. טראָץ דעם האָט ער זיך אָבער אַ סך געקומערט, נאָך אין דער צײַט, זיך געזאָרגט וועגן דעם געזונט פֿון זײַנע נאָענטסטע און פֿרעמדע.

און איך וועל קיין מאָל נישט פֿאַרגעסן דעם יראת־הכּבֿוד וואָס איך האָב געהאַט און געפֿילט פֿאַר זײַן מענטשלעכער דערהויבענער גרויסקייט אײַנגעהילט אין זײַן גאַנצער באַשיידנקייט.

מ. ל.

ערשטער טייל

קאַפּיטל איינס

די לעצטע צוויי פון דרײַסיק טויזנט אומגעבראַכטע ייִדן

...דאָקטאָר בלום האָט זיך פּאַמעלעך אויפגעהויבן פון דער בלאָטע. ער האָט נישט געוווּסט ווי לאַנג ער איז אַזוי געלעגן: אַ מינוט, אַ שעה, אָדער אַן אייביקייט. ס'איז געווען אַ גראָע, טונקעלע, פײַכטע נאַכט. איינע פון די נעכט וואָס מע טרעפט אָפט אָנהייב ווינטער. ער איז געשטאַנען בײַם ברעג וואַלד, וואָס האָט זיך געצויגן ווײַט אַוועק אין דער אומענדלעכקייט. לינקס האָט זיך בלייכלעך געשלענגלט דער שאָסיי וואָס פאַרבינדט די צוויי גרויסע שטעט באַראַנאָוויטש און סלאָנים אין מערב־ווײַסרוסלאַנד. רעכטס האָבן אַנטקעגן געפינקלט די בלאַסע טונקנדיקע ליכטער פון אַ שטאָט. זײַנע בגדים זענען געווען אויסגעשמירט אין בלאָטע. די האָר אויפן קאָפּ — נאַס, נישט צוגעדעקט מיט קיין היטל. די הענט קלעפּעדיק פון בלאָטע און בלוט.

ער האָט זיך צעטשוכעט און איז געקומען צו זיך צו ביסלעך. ער האָט זיך אָנגעהויבן צוריק דערמאָנען...

⁂

דרײַ מײַל פון אים איז געלעגן די שטאָט סלאָנים, פון וועלכער ער איז נישט לאַנג צוריק אַנטלאָפן. נײַן אַזייגער אין אָוונט זענען זיי געקומען נאָך אים: דער קליינער מייער מיט די קרומע פיסלעך און דער שאָפער האַנס. ביידע פון דער געשטאַפּאָ. זיי זענען צוגעפאָרן מיט אַ שיינעם גלאַנציקן שוואַרצן „מערצעדעס” צום שפּיטאָל, ווו דער דאָקטאָר בלום האָט געהאַט דינסט.

— הער אָבעראַרצט! — האָט מייער לוסטיק מיט אַ שמייכל אים אַ רוף געטון — מיר זענען אײַך געקומען נעמען אין געשטאַפּאָ... איינער פון אונדזערע איז קראַנק.

דאָקטאָר בלום האָט געגעבן אַ לײַכטן ציטער. דער ייִדישער דאָקטאָר האָט נישט קיין רעכט צו באַהאַנדלען קריסטן. עס פלעגט אָבער טרעפן אַז די געשטאַפּאָ האָט גערופן דעם באַקאַנטן דאָקטאָר שטילערהייט צו באַהאַנדלען זייערע קראַנקע. דאָס מאָל אָבער, האָט דאָקטאָר

בלום געפילט, אַז די זאַך איז נישט גלאַטיק. עס זענען שוין ליקווידירט געוואָרן אַלע ייִדן אין שטאָט. און ס'זענען געבליבן נאָר צוויי דאָקטוי-רים... צוויי לעצטע ייִדן פון דרײַסיק טויזנט...

„דאָס מוז זײַן דער סוף״ — האָט ער בײַ זיך געטראַכט.

— גוט — האָט ער לאַנגזאַם און רויִק געענטפערט — איך וועל נעמען דעם מאַנטל.

— ביטע זייער — האָט זיך מייער אָפּגערופן.

ווען ער איז אַזוי געגאַנגען צו זײַן צימער האָט דאָקטאָר בלום נישט געוווּסט וואָס צו טון. אפשר אַרויפלויפן אויפן דאַך און זיך באַהאַלטן אינעם בונקער וואָס די צוויי קראַנקנשוועסטערס יאַנקע און זאָשע האָבן פאַר אים צוגעגרייט? אָבער דאָס איז דאָך לעכערלעך. זיי וועלן קומען מיט שפּורהינט און אים גלײַך געפינען...

ער איז פּלוצעם געבליבן שטיין: פאַרראַט!... איז ווי אַ בליץ איז אים אַדורך אין זײַן מוח — דאָס האָבן אים פּיעטקע און קאַלקע פאַרראַטן...

פּיעטקע און קאַלקע זענען געווען צוויי רוסישע געפאַנגענע זעלנער וואָס דאָקטאָר בלום האָט באַהאַנדלט אין שפּיטאָל. מיט דרײַ שעה צוריק האָט ער זיך מיט זיי אָפּגערעדט צו גיין מאָרגן מיט זיי אין וואַלד צו די פּאַרטיזאַנער. ער האָט זיי געגעבן צוויי ליטער בראָנפן אָנצושיכּורן די צוויי פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן געוווינט נישט ווײַט פון שפּיטאָל, צו-נעמען בײַ זיי דאָס געווער און צוזאַמען אַנטלויפן אין וואַלד. דאָס האָט געזאָלט געשען מאָרגן בײַ נאַכט. און איצטער וואַרטן מייער מיט האַנסן אין האָל... און אפשר איז עס טאַקע אַ קראַנקער?

ער איז אַרײַן צו זיך אין צימער און האָט גענומען דעם מאַנטל.

— וואָס געדויערט עס אַזוי לאַנג? — האָט זיך אָפּגערופן ברוגז דער פּאַרשוין מיט די קרומע פּיס, גייענדיק אים אַנטקעגן.

דער טאָן איז דעם טאָקטאָר בלומען נישט איבעריק געפעלן געוואָרן. ער איז אַרײַן מיט זיי אין אויטאָ: „דאָס איז דער סוף״ — האָט אומעטיק געטראַכט ד״ר בלום — פאַרפאַלן... אַלע זענען אַוועק, און איך מוז אויך גיין דאָרטן, צום גרויסן גרוב, ווו מײַנע טאַטע און מאַמע, שוועס-טער און ברידער זענען לעבעדיקערהייט באַגראָבן געוואָרן...

דער שוואַרצער עלעגאַנטער אויטאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן דער תּפיסה.

— דאָ איז דאָך נישט דאָס געשטאַפּאָ-הויז! — האָט זיך אָפּגערופן ד״ר בלום אַ פאַרוווּנדערטער.

— ניין, ניין — האָט קאַלט געשמייכלט מייער — אָבער דאָ איז דער קראַנקער... נאָר מיר וועלן נאָך צופאָרן צום צווייטן שפּיטאָל און

נעמען דעם דאָקטאָר קרישטאַל. דער פאַל איז זייער אַן ערנסטער, און מיר ברויכן אַ קאָנסיליום — האָט סאַרקאַסטיש געשמייכלט מייער.

דאָקטאָר בלום איז איצט אויף אַן אמת געווען זיכער אַז דאָס איז דער סוף... זיי פאָרן עס טאַקע נעמען אויך דעם צווייטן און לעצטן ייִד פון דער שטאָט... ווען זיי זענען אַרײַנגעפאָרן אין צווייטן שפּיטאָל, איז מייער אַרויסגעשפּרונגען פון אויטאָ און אַוועק רופן דעם דאָקטאָר קריש־טאָל.

ד״ר בלום איז לאַנגזאַם אַרויס פון אויטאָ און געבליבן אַליין מיטן שאָפער. ער איז געווען גרייט צו גיין אין קבר אַרײַן, צו טיילן דעם טרויעריקן גורל פון זײַנע נאָענטע... נאָר פּלוצעם האָט זיך אין אים עפּעס דערוועקט אַ מאָדנע געפיל: וואָס ?! ער וועט זיך לאָזן פירן ווי אַ שעפּס צו דער שחיטה ?! גיין פרײַוויליק צו דער עקזעקוציע און פאַלן אין גרוב אַרײַן, זען דעם העלדישן טריומפירנדיקן שמייכל אויף די פּני־מער פון די פּײַן־דערצויגענע פאַרטרעטערס פון דער העכערער און קול־טורעלער ראַסע? — ניין, ניין און נאָך אַ מאָל — ניין! — האָט עס גע־שריגן אין אים און זײַן האַרץ האָט אים באַפוילן: — גיי צו צום דײַטש און דערשטיק אים! — האָט דער אויפגעוואַכטער נײַער מענטש אין אים גערעדט — דערשטיק כאָטש איין מערדער, באַצאָל פאַרן אומשולדיקן בלוט פון דײַן מישפּחה!... פּלוצעם האָט ער דערהערט שטימען זיך דערנענטערן צו זיי.

— אַנטשולדיקט, האַנס — האָט ער האַסטיק אַ זאָג געטון — איך מוז דער קראַנקנשוועסטער געבן אַ וויכטיקע פאַראָרדענונג בנוגע אַ שווערן קראַנקן, איך וועל באַלד זײַן צוריק...

— אָבער ביטע, — האָט געענטפערט האַנס — הער אָבעראַרצט, ביטע...

דאָקטאָר בלום האָט זיך גיך אָפּגעטראָגן פונעם אויטאָ און נישט אַרײַנגייענדיק אין הויפּט־אַרײַנגאַנג פון שפּיטאָל, האָט ער זיך גיך פאַר־דרייט אין אַ זײַט און זיך דערנענטערט צום הילצערנעם פּלויט פון שפּי־טאָל. דער גוטמוטיקער האַנס מיט די רויטע באַקן האָט זיך אַפילו נישט אומגעקוקט. ס'איז אים גאָר נישט אײַנגעפאַלן אַז דער „אָבעראַרצט״ קען האָבן זײַטיקע כּוונות...

ד״ר בלום האָט געגעבן אַ צי אַ שוואַכן ברעט פון פּלויט. ער האָט גוט געקענט דעם שפּיטאָל פון פריִער, דעם הויף מיטן פּלויט און גע־ווּסט וווּהין ער פירט. ער איז אַרײַנגעשפּרונגען אין צווייטן הויף. דאָס איז געווען אַ גרויסער לאַנגער הויף וואָס האָט זיך געצויגן עטלעכע בלאָקן און האָט געדינט די דײַטשן ווי אַן אַמוניציע־לאַגער. זײַן ערשטער גע־

דאַנק איז געווען אַרײַנצוקריכן אין דער עפּענונג פון אַ גרויסן אַרטילע־רישן האַרמאַט... עס טויג נישט, זיי וועלן מיך געפינען... ער האָט אָנגעהויבן קלעטערן איבערן הויכן פּלויט וואָס איז געווען פאַרצוימט מיט דראָטן, זיך צעשניטן זײַנע הענט ביז בלוט. אָבער ער האָט נישט געקאָנט אַריבער איבערן פּלויט.

פונעם שפּיטאָל־זײַט זענען צו אים דערגאַנגען פאַרשידענע קלאַנ־גען, געשרייען... דאָס זוכט מען מיך — האָט ער אַ טראַכט געטון. נישט האָבנדיק קיין מעגלעכקייט אַרויסצוגיין פונעם הויף, האָט ער באַ־שלאָסן צו גיין צום הויפּט־אַרײַנגאַנג פון געווער־סקלאַד וואָס איז געווען באַוואַכט פון אַ דײַטשן זעלנער. „איך וועל פּרוּוון זיך דורכרײַסן״ — האָט ער געטראַכט — „וועט ער מיך דערשיסן — איז פאַרפאַלן... איך האָב נישט קיין אַנדערן אויסוועג״...

ווען ער האָט זיך גענומען צוגנבענען צום טויער, האָט ער באַמערקט אַז די ברעטער פון פּלויט ווערן שיטערער. ער איז צוגעגאַנגען צו אַ גרויסן ברעט און מיט אוממענטשלעכער קראַפט געגעבן אַ ציי. דאָס ברעט האָט נאָכגעלאָזן מיט אַ סקריפּ. דער דײַטשישער וועכטער האָט עס וואָר־שײַנלעך דערהערט ווײַל ער איז גלײַך אַרײַן אין הויף. דאָקטאָר בלום האָט זיך אַרײַנגעקריגן צווישן צוויי ברעטער און פאַרהאַלטן דעם אָטעם. דער דײַטש האָט זיך געגעבן אַ קער אויף רעכטס, באַטראַכט דעם הויף, פאַררויכערט אַ ציגאַר... נאָר צוויי שריט האָבן אים אָפּגעטיילט פון דײַטש... ווען ער מאַכט נאָך צוויי שריט — זעט ער מיך — האָט ד״ר בלום געטראַכט. ער האָט אײַנגעזאַפּט דעם רויך פון ציגאַר און געוואַרט אין איין טויטשרעק. דער דײַטש איז מיט אַ שפּײַ צוריק אַוועק אויף זײַן פּאָסטן.

ד״ר בלום האָט פרײַער אָפּגעאָטעמט... פּאַמעלעך און פאָרזיכטיק האָט ער אָפּגערוקט דאָס ברעט און זיך דורכגעשטופּט אינעם שכנות־דיקן הויף. דאָס איז געווען אַ קליינער פּריוואַטער הויף מיט אַ נידעריקן פּלויט וואָס ער האָט אים לײַכט אַריבערגעשפּרונגען. און אַזוי, אויס־מײַדנדיק די גאַס, האָט ער זיך געגנבעט צווישן די קליינע פּריוואַטע הייף און איז אַרויס אין פעלד. מיט אַלע כּוחות האָט ער אָנגעהויבן לויפן...

ער האָט הינטער זיך געהערט ווי הינט בילן און מענטשן שרײַען. זיך נישט אומגעקוקט און ווײַטער געלאָפן. ער האָט פאַרשטאַנען אַז יעדע איבעריקע רגע קאָן אים קאָסטן דאָס לעבן. דער באָדן איז געווען זומפּיק. ער האָט זיך עטלעכע מאָל אויסגעגליטשט. ער איז אַרײַנגעקראָכן מיט אַ פוס אין די זומפּן. ער האָט זיך אָבער גלײַך אויפגעהויבן און איז

ווײַטער געלאָפן... אין דער גראָער נאַכט האָט ער ווי אַ שוואַרצן באַנד דערזען פאַר זיך דעם וואַלד. אַהין! — האָט עס געשריגן אין אים — וואָס גיכער אַהין!... דאָרטן וועט ער זיך קאָנען ראַטעווען.

***

שטייענדיק אַזוי בײַם ברעג וואַלד האָט ער זיך עס איצטער נאָך אַ מאָל אַלץ דערמאָנט... קיין סימן פון געיעג נאָך אים האָט ער נישט באַמערקט. אַלץ אַרום איז געווען רויִק און שטיל... זיי זענען דאָרט זיכער געווען, אַז ער געפינט זיך אין שפּיטאָל, און שפּעטער האָבן זיי געמאַכט אַ גרינטלעכע אונטערזוכונג אין גאַנצן הויז... אָט די צײַט האָט אים געגעבן אַ מעגלעכקייט צו לויפן און דערשלאָגן זיך ביזן וואַלד אַריין.

וואָס טוט מען ווײַטער? וווּ גייט מען? וווּ טוט מען זיך אַהין? גיין אין וואַלד אַרײַן האָט ער מורא געהאַט. ער קען פאַרבלאָנדזשען און צוריק אַרויסקומען אין שטאָט. די פּאַרטיזאַנער, פון וועלכע ער האָט געהערט זענען געווען אויף דער אַנדערער זײַט טײַך, און ווי ס'איז לעצטנס געווען באַוווּסט האָבן זיי דעם וואַלד פאַרלאָזן. די גרויסע דײַטשע אַבלאַווע האָט זיי פאַרטריבן אין אַנדערע וועלדער. וווּ וועל איך זיי געפינען? — האָט ער פאַרצווייפלט זיך געפרעגט. ער איז אַליין, אין גאַנצן אַליין, געבליבן איינער... אָן געווער, אָן מיטלען און אַפילו נישט צו וויסן צו וועמען און וווּהין זיך צו ווענדן... אַ דין שאַרף רעגנדל האָט אָן אויפהער געטריפט אויף זײַן געבויגענעם קאָפּ.

קאַפּיטל צוויי

ווי באַהאַלט מען זיך אוים?

דאָקטאָר בלום האָט געגעבן אַ טיפן אָטעם ווי ער וואָלט אויפגע־טײַעט פון גליווער. ער האָט באַשלאָסן צו גיין ווײַטער: וואָס גיכער אַוועק פון דאַנען! — האָט ער געטראַכט — דאָ איז געפערלעך. אפשר אין אַ ווײַטן דאָרף, ווו דײַטשן קומען נישט, וועל איך געפינען אַ מקום־מקלט. אפשר וועט מיך אַ גוטהאַרציקער פויער אויסבאַהאַלטן, ווער ווייס?

ער האָט זיך געלאָזט גיין מיטן וואַלד, האַלטנדיק זיך נאָענט צום שאָסיי, כּדי נישט צו פאַרלירן די ריכטונג... האַלינע ביעלסקאַ — האָט ער זיך פלוצעם דערמאָנט — צו איר וועל איך גיין... זי וועט מיך זי־כער נישט אויסגעבן צו די דײַטשן.

האַלינע ביעלסקאַ איז געווען אַ פוילישע פויערטע אין די מיטעלע יאָרן. מיט צוויי חדשים צוריק האָט ער זי באַהאַנדלט אין שפּיטאָל. זי איז געווען זייער גוט צו אים. נאָך דער באַהאַנדלונג האָט זי אים גע־בראַכט אַ מתּנה: אַ צענדלינג אייער מיט אַ ווײַסן קעז.

— איך ווייס דאָך, אַז אין געטאָ הונגערט איר... עס וועט אײַך צוניץ קומען... עסט געזונטערהייט — האָט זי צוגעגעבן — אויב איר וועט דאַרפן עפּעס, קומט צו מיר אין שטוב אַרײַן. איך ווױן אין דאָרף בייקאָני, אַ צוואַנציק מײַל פון דאַנען מיטן וואַלד.

אַ וואָך שפּעטער איז זי ווידער געקומען אין שפּיטאָל אַרײַן און גע־בראַכט אַ שטיקל פּוטער. זי האָט אים אַרײַנגערוימט אַ סוד, אַז צו איר אין שטוב קומען פּאַרטיזאַנער. דאָרט געפינט זיך אויך אַ יידיש מיידל וואָס קען אים, דאָקטאָר בלומען, זייער גוט. מע האָט זי געבעטן צו ברענגען פאַרשידענע רפואות אין וועלכע זיי נייטיקן זיך שטאַרק.

אויסהערנדיק אירע אַלע רייד איז עס אים אויסגעקומען אַ ביסל פאַרדעכטיק. ער האָט זי אָנגעקוקט דורכדרינגלעך: איז זי נישט אַ מאָל אָנגעשטעלט פון דער געשטאַפּאָ? — האָט ער בשעת־מעשה געטראַכט

און איר גאָר נישט געזאָגט. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז ער צווייפלט אין איר אויפריכטיקייט, האָט זי צוגעגעבן, אויב ער וויל, אויב ער גלייבט איר נישט — קען זי ברענגען אַ בריוו און אַנדערע באַווייַזן פון „דאָרט".

ד"ר בלום האָט דערויף גאָר נישט געענטפערט. אין צוויי טעג אַרום איז זי ווירקלעך געקומען און אים געבראַכט אַ בריוו פונעם יִדישן מיידל מיט פאַרשידענע סימנים וואָס האָבן פולשטענדיק פאַרטריבן זייַן פאַרדאַכט. ער האָט איר געגעבן די נייטיקע רפואות און זי האָט זיך שוין מער נישט געוויזן. פאַר זייַנע אויגן איז איצט געשטאַנען די רירעוודיקע פויערטע מיט אירע גוטע לעבעדיקע אויגן. צו אָט דער פרוי האָט ער באַשלאָסן צו גיין. דער דאָרף בייקאָני איז טאַקע געלעגן אין דער זעלביקער ריכטונג, אַן ערך פופצן מייַל פון אים. מיט מער האָפענונג און גיכע דרייסטע טריט האָט ער פאַרגעזעצט זייַן וועג.

קאַפּיטל דרײַ

בײַ אַ פּוילישער פּויערטע און אַ דאָרף בײַם וואַלד

צוויי גרויסע בלענדנדיקע פֿאַנאַרן האָבן זיך פּלוצעם באַוויזן אויפֿן שאָסיי און באַלויכטן ווײַט פֿאָרויס דעם גאַנצן וועג: אַ דײַטשער אויטאָ! — האָט ד״ר בלום אַ ציטער געגעבן. ער האָט זיך אַ וואָרף געטון אין אַ זײַט, אַרײַנגעקראָכן אין די קוסטעס און זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד. דער אויטאָ האָט זיך שנעל דערנענטערט. ס׳איז געוואָרן אַרום אַלץ ליכטיקער און ליכטיקער. צי האָבן זיי מיך געזען? — האָט זיך ד״ר בלום געטרייסלט אַן אומבאַהאָלפֿענער. דער אויטאָ איז אָבער גיך פֿאַרבײַגעלאָפֿן און האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט. די סכּנה איז אַריבער. מע מוז זײַן פֿאָרזיכטיקער — האָט ער זיך אַליין געמוסרט — מע טאָר נישט זײַן אַזוי נאָענט צום שאָסיי — איז ער קוים מיט צרות אַרויסגעקראָכן פֿון די פֿאַרפּלאָנטערטע קוסטעס.

אין ווײַטערדיקן וועג איז אים אויסגעקומען אויסצומײַדן עטלעכע לאַסט-אויטאָס, פֿאַרשידענע קרייצשטעלן בײַם וועג. ענדלעך איז ער דערגאַנגען צו אַן אָרט, ווו ער האָט געקענט איבערלייענען אין בלאַסן שײַן פֿון דער לבנה-נאַכט — „דאָרף בייקאָני״ — רעכטס, פֿינף מײַל. ער איז אַראָפּ פֿון בערגל און מיט אַ שמאָלן וועג אַרײַן אין וואַלד. די געדיכטע וואַלדביימער האָבן פֿאַרדעקט דעם הימל. ס׳איז דאָ געוואָרן אַ סך פֿינצטערער. אַרום איז געווען טויט שטיל. ד״ר בלום האָט געהערט זײַנע אייגענע טריט וואָס האָבן געשאָרכט אינעם גראָז. ער האָט זיך געפֿילט מיד, פֿאַרמאַטערט. ער איז דאָך אַ גאַנצע נאַכט געלאָפֿן, געגאַנגען, געפֿאַלן, זיך אויפֿגעהויבן און ווידער זיך געשלעפּט איבער די בײַנאַכטיקע וועגן. ער האָט געשפּירט ווי די כּוחות וועלן אים באַלד פֿאַרלאָזן, אַזוי דערשעפּט איז ער געווען. ער מוז אָבער וואָס גיכער אַרײַנגיין אין דאָרף, כּל-זמן ס׳איז נאָך פֿינצטער.

ווידער האָט ער זיך מיט די לעצטע כּוחות געלאָזט אין ווײַטערדיקן וועג. ער האָט געוווּסט אַז ס׳וועט שוין באַלד נעמען טאָגן. עפּעס אַ העלער שימער פּלעגט זיך פֿון צײַט צו צײַט באַווײַזן צווישן די ביימער. ער האָט נישט באַמערקט ווי לאַנג ער איז געגאַנגען. ס׳האָט זיך

אים אויסגעדאַכט אַז ס'געדויערט אַן אייביקייט. דער וואַלד ענדיקט זיך גאָר נישט. ס'נעמט גאָר נישט קיין סוף צו דעם גיין. ענדלעך איז ער אַרויס אויף אַ פרײַען פעלד. אין שוואַכן שימערן ליכט פון באַגינען האָבן זיך פון ווײַטן אויסגעשיילט עטלעכע הײַזלעך וואָס זענען געשטאַנען צעוואָרפן אין פעלד. צו וועלכן הויז זאָל איך גיין? — האָט ער זיך אַליין געפרעגט — אין וועלכן וווינט האַלינע ביעלסקאַ? אפשר וועל איך פונקט אָנטרעפן אויף אַ פּאָליציאַנט אָדער דײַטש? אַן אמתער פויערישער גיהנום — האָט ער גערעדט צו זיך אין גרויס פאַרלעגנהייט.

אין איין הײַזל, וואָס איז געשטאַנען נענטער צום וואַלד, האָט ער באַמערקט אַ פײַערל אין פענצטער. די אַנדערע הײַזער זענען געווען אין גאַנצן פינצטער און פאַרהעמערט. אפשר איז עמעצער דאָרטן קראַנק? — איז אים געקומען אויפן געדאַנק — כ'וועל פּרוּוון צוגיין אַהין. ער איז לאַנגזאַם צוגעקומען צום הויף. אַ גרויסער הונט איז אים אַנטקעגן געלאָפן מיט אַ ליאַרעמדיקן בילן. ער האָט זיך באַהאַלטן הינטערן פּלויט. פון הויז איז אַרויס אַ פרוי מיט אַ לאַמטערן אין האַנט און אויסגערופן אין גראָלעכן חלל אַרײַן:

— קטאָ טאַם? ווער איז דאָרט?

אינעם שוואַכן שײַן פונעם לאַמטערן האָט ד"ר בלום דערקענט אַז דאָס איז זי, האַלינע. ער האָט זיך אָנגענומען מיט כּוח און אויסגעשריגן אַ דערפרייטער:

— דאָס בין איך, דער דאָקטאָר.

זי איז צו אים צוגעגאַנגען נענטער, אָנגעקוקט מיט פאַרוווּנדערונג און אים דערקענט.

— אוי, מײַן גאָט, ווי איר זעט אויס! — האָט זי אויסגעשריגן אויסער זיך — קומט, קומט אַרײַן אין הויז — האָט זי אים פרײַנדלעך פאַרבעטן, ער זאָל אַרײַנגיין. זי האָט אים גענומען בײַ דער האַנט און אַרײַנגעפירט אין שטוב. ווי פון אונטער דער ערד זענען אויסגעוואָקסן פאַר אים צוויי מאָדנע פאַרשוינען, האַלב מיליטעריש געקליידט, און האָבן אים צוגעשטעלט רעוואָלווערן צום ברוסט.

קאַפּיטל פיר

„ביַי אונדז וועסטו זיך אויסלערנען טרינקען“

— ניין, ניין! שיסט נישט! — האָט האַלינע זיך געבעטן ביַי זיי — ווי גאָט איז איַיך ליב, פּיעטקע! — האָט זי אַ צי געטון איינעם פון די פּאַרשוינען, אַ נידעריקן ברייטביַיניקן יונג מיט שוואַרצע געקריַיזלטע האָר און פּעכשוואַרצע פינקלדיקע אויגן — דאָס איז מיַין דאָקטאָר וואָס האָט מיך געראַטעוועט פון טויט... דאָס איז דער זעלבער דאָקטאָר וואָס האָט מיר געגעבן די רפואות פאַר איַיך אַלעמען ווען איר זיַיט געווען קראַנק... געדענקסט נישט?

פּיעטקע האָט אַראָפּגעלאָזן דעם רעוואָלווער און אים אַריַינגעלייגט אין קעשענע. דאָס זעלביקע האָט געטון דער צווייטער פּאַרשוין. זיי האָבן גענומען באַטראַכטן דאָקטאָר בלומען פון אַלע זיַיטן. קענטיק, אַז ער האָט געמוזט מאַכן אויף זיי אַ מאָדנעם איַינדרוק. דאָס פּנים און הענט אויסגעשמירט אין בלוט און בלאָטע. די האָר נאַס און קלעפּיק. און אויפן שמוציקן דורכגעווייקטן מאַנטל איז נאָך אַלץ געווען די צוגע־טשעפּעטע געלע לאַטע וואָס דאָקטאָר בלום האָט זי פאַרגעסן אַראָפּצו־ריַיסן...

אין צימער איז אַריַין אַ דריטער פּאַרשוין, אַ נידעריקער, אַ רויטער מיט אַ יידיש פּנים. ער האָט גאָר נישט געזאָגט. ער איז צוגעגאַנגען צו ד״ר בלומען און אַראָפּגעריסן די לאַטע, דעם טרויעריקן שאַנדפלעק וואָס אַלע יידן האָבן געמוזט טראָגן אין אַלע אָקופּירטע דיַיטשע געביטן. ער האָט אַראָפּגענומען פון אים דעם פאַרבלאָטיקטן מאַנטל. האַלינע האָט געבראַכט אַ שיסל וואַסער און אָפּגעוואַשן די בלאָטע פון זיַין פּנים און פון די הענט.

— לאָמיר ענדיקן די סעודה — האָט פּיעטקע אויסגערופן און פאַר־בעטן ד״ר בלומען צום טיש, וווּ ס'זענען געשטאַנען אַ פּאָר האַלבליידיקע פלעשלעך מיט מוטנעם ברוינעם בראָנפן און אַ הויכער באַרג קאַרטאָפל־לאַטקעס, דורכגעווייקט אין חזיר־שמאַלץ.

— דו וועסט בליַיבן מיט אונדז, אײַ? — האָט זיך פּיעטקע אָפּגע־רופן צו ד״ר בלומען — דו וועסט זיַין מיַינער, כ'מיין, אונדזער — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ קלאַפּ אין פּלייצע. כ'האָב געהערט אַז דו ביסט אַ גוטער דאָקטאָר. איצט וועלן מיר נישט זיַין קראַנק מער — האָט ער אַ

וואָס געטון צום צווייטן חבר און אַ קניפּ געגעבן האַלינען. איך בין דאָ דער קאָמאַנדיר, אַליין אַן אוקראַיִנער, און דאָס איז מײַן געהילף — האָט ער אָנגעוויזן אויפן בלאָנדן שיינעם יונג — ער איז פון לענינגראַד. און דאָס איז מישקע דער פורמאַן — ער איז אַ ייִד, פון דער דערבײַיִקער שטאָט. ער איז אויך אַנטלאָפן פון די דײַטשן פונקט ווי דו.

ער האָט אָנגעגאָסן פולע גלעזער מיטן שמוציקן שטינקענדיקן בראָנפן וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין דאָרף — אַזוי גערופענעם „סאַמאָגאָן”.

— פאַר אונדזער חברשאַפט! — האָט ער אויסגערופן — טרינקט!

דאָקטאָר בלום איז געווען טויט־מיד. דער קאָפּ האָט זיך אים געדרייט. מיט שרעק האָט ער געקוקט אויפן גלאָז בראָנפן. אָבער אָפּזאָגן זיך פונעם כּיבוד האָט ער מורא געהאַט. ער קען נאָך באַליידיקן דעם קאָמאַנדיר. ער האָט אַ זופּ געטון פון גלאָז, זיך פאַרקרימט און פאַרקײַכט. די אַנדערע פאַרשווינען האָבן מיט איין צי אויסגעליידיקט זייערע גלעזער.

— דו מוזסט ענדיקן — האָט דער פיעטקע פריילעך געזאָגט דעם דאָקטער בלומען — נישקשה, בײַ אונדז וועסטו זיך אויסלערנען טרינקען. ער האָט אַ צי געטון האַלינען צו זיך, אַרויפגעזעצט זי אויף זײַן שויס, און אַרומגעמענדיק זײַן געליבטע — גענומען שלינגען די פעטע לאַטקעס... דאָס פעטס איז גערונען איבער זײַן מויל מיט אַ צופרידנקייט און אָנגעזעטיקטקייט פון אַ חיה. האַלינקע האָט געלאַכט אַ פריילעכע. וואַנקע און מישקע האָבן געריבן די לאַטקעס אויףביידע באַקן.

— בײַ אונדז פעלט נישט קיין עסן — האָט פיעטקע געשריגן מיט שטאָלץ און געקושט האַלינען.

דאָקטאָר בלום האָט זיך געפילט זייער שלעכט. ס'האָט אים גענודיעט פונעם בראָנפן און פון די פעטע לאַטקעס — ער איז געווען פשוט קראַנק. ער האָט נישט באַמערקט ווי פיעטקע איז אַרײַן מיט האַלינען אין שלאָפצימער און האָט זיך דאָרט אויסגעשפּרייט אויף דער צעקנייטשטער נאָך וואַרעמער בעט וואָס האָט געטראָגן די שפּורן פון פריִערדיקע ליבע־געשיכטעס...

ד"ר בלום האָט אויך נישט געוווּסט, אַז דער עלטערער גוי מיט די גראָע וואָנסעס, וואָס איז געלעגן די גאַנצע נאַכט אויף דער ערד אין פאָדער־צימער, איז האַלינעס מאַן. ער האָט נעבעך געמוזט שווײַגן און צוקוקן מיט פּחד ווי דער קאָמאַנדיר טרײַבט ליבע־אַרגיעס מיט זײַן ווײַב אין זײַן שלאָפצימער. און אין קיך, אויפן אויוון זענען געלעגן זײַנע צוויי קינדער און געשלאָפן; אַ פופצניאָריקע טאָכטער און אַ זעקסיאָריקער זון.

קאַפּיטל פינף

בײַ אַ װײַסרוסישן פֿויער אין שטוב

אין דרויסן איז געװאָרן העלער און ליכטיקער. די זון האָט געװאָרפֿן די ערשטע שטראַלן אויפֿן שמוציקן טיש מיט די פּוסטע פֿלעשער און גלעזער און אויף אַ פּאָר איבערגעבליבענע לאַטקעס. און װאָס װײַטער געקראָכן אויף דאָקטאָר בלומען װאָס איז האַלב־באַװוסטזיניק געזעסן איבערגעבויגן איבערן טיש.

— הערט, חברה — האָט זיך אויף דער שװעל פֿון צװייטן צימער באַװיזן פּיעטקע — ס׳איז צײַט צו גיין פֿון דאַנען... בײַ טאָג שטייען מיר נישט דאָ — האָט ער דערקלערט דעם דאָקטאָר בלומען — דאָ איז צו נאָענט פֿון װעג. מיר האָבן אַנדערע פֿלעצער, בעסערע... ער האָט אַ װוּנק געגעבן װאַנקען און יענער האָט אַרײַנגעטראָגן אַ פּאָר גרויסע שטיװול מיט אַ גרויסן שעפּסענעם פּעלץ און אַ שװאַרצע פּאַפּאַכע מיט אַ רויטן באַנד.

— טו עס אָן! — האָט ער באַפֿעלעריש געזאָגט צו ד״ר בלומען.

די מעטאַמאָרפֿאָזע אין ד״ר בלומס אויסזען איז אַזוי גרויס געװען, אַז די חברה האָט מיט באַװוּנדערונג באַטראַכט דעם הויכן שטאַלטנעם דאָקטאָר אין זײַנע נײַע מלבושים.

— דו ביסט דאָך אַ גאַנצער אַטאַמאַן! — האָבן זיי אויסגערופֿן.

אָן שום צװייפֿל, אַז די אייגענע מאַמע װאָלט ד״ר בלומען נישט דערקענט אין די הויכע שטיװול און ברייטן לאַנגן שעפּסענעם פּעלץ מיט דער גרויסער שװאַרצער פּאַפּאַכע.

מישקע דער פֿורמאַן האָט אײַנגעשפּאַנט אַ װאָגן און אַלע פֿיר האָבן זיך ברייטלעך צעזעצט אויפֿן שטרוי.

— איר האָט נישט קיין מורא צו פֿאָרן איבער די װעגן אין מיטן העלן טאָג? — האָט ד״ר בלום געפֿרעגט מיט פֿאַרװוּנדערונג — פֿון אונטער דער ערד װאַקסן זיי אויס די דײַטשן.

— וואָס דײַטשן, ווען דײַטשן — האָבן די שיכּורים געענטפערט — מיר גייען נישט צופוס. זיי האָבן אָנגעשטעלט די ביקסן און מיט אַ גרויסן „וויאָ!" און געזאַנג זיך געלאָזן איבערן שמאָלן וועג דורכן וואַלד.

ד"ר בלום האָט שוין גאָר נישט געפילט. ער איז געלעגן אויסגעצויגן אויפן שטרוי און נישט געשפּירט אַפילו ווי דער וואָגן איז געשפּרונגען משוגענערהייט איבער די גריבער און שטיינער אויפן גאַנצן וועג.

נאָך אַ קורצער צײַט איז מען צוגעפאָרן צו אַ גרויסן הויף מיט אַ נײַ הויז וואָס איז געשטאַנען אין מיטן וואַלד. דער באַלעבאָס איז געווען סטעפּאַן, אַ ווײַסרוסישער פּויער אין די מיטעלע יאָרן מיט אַ שטרענג פּנים. ער האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין איבעריקע פרייד ווען ער האָט דערזען די געסט. אָבער געהאָלפן באַהאַלטן פערד און וואָגן אין שײַער, און דערקלערט אַז אין וואַלד איז שטיל. מע זעט נישט קיין דײַטשן. דאָס הויז האָט געהאַט אַ גרויסע קיך מיט צוויי ווינצימערן, מיט בעטן פול מיט קישנס און פּערענעס. אַ טיפּיש דאָרפהויז פון אַ מיטלרײַכן פּויער.

— דאָ וועלן מיר טאָגן — האָט געזאָגט פּיעטקע — און דו, דאָקטאָר, גיי לייג זיך שלאָפן. דו ביסט דאָך זיכער מיד.

ד"ר בלום האָט אַראָפּגעצויגן די שטיוול, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם פּעלץ און זיך אַרײַנגעוואָרפן אין בעט אַרײַן. ער איז געווען מיד, דער־שעפּט. דער קאָפּ האָט זיך אים געדרייט פון די לעצטע געשעענישן און פונעם שלעכטן סאַמאָגאָנקע־בראָנפן. דער שלאָף איז אָבער נישט גע־קומען. ער האָט זיך געפינען אין אַ צושטאַנד פון אַ נערוון־שפּאַנונג און איבערמידקייט ווען מע קאָן נישט שלאָפן. ער האָט האַלב געדרעמלט און איז האַלב געווען וואָך, און ווי פון חלום האָט ער געהערט ווי פּיעט־קע איז נישט געווען צופרידן מיט עפּעס. ער האָט זיך געקריגט מיטן באַלעבאָס און מיט וואַנקען, דאַכט זיך וועגן בראָנפן. זיי האָבן געמאַכט פּלענער וווהין צו פאָרן, גערעדט וועגן צוגעראַבירטע זאַכן און נאָך פאַר־שידענע דאגות וואָס ד"ר בלום האָט גאָר נישט פאַרשטאַנען וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. ער האָט געהערט פון שלאָף דעם גראַמאָפאָן וואָס האָט געשפּילט אָן אויפהער פאַרשידענע רוסישע פאָלקסלידער, געהערט די חברה זינגען און נאָך אַ פּאָר אומבאַקאַנטע פרויען־שטימען. אַלץ האָט זיך געדרייט צוזאַמען ווי אין אַ קאַליידאָסקאָפּ.

ס'איז שוין געווען שפּעט נאָך מיטאָג ווען ד"ר בלום איז אַראָפּ פון בעט און אַרײַן אין קיך זיך וואַשן. דאָרט האָט ער באַמערקט אַ הויכע

דאַרע פרוי וואָס האָט געקאָכט אַ גרויסן טאָפּ קאַרטאָפל, צוגעפּראַוועט מיט אַ פּאָר חזירישע גריוועס. אויפן בענקל האָט זיך געשפּילט אַ ווייסהאָריק צווייייאָריק קינד. זי האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין שום איבּ־טערעס צו ד״ר בלומען. מעגלעך אַז זי האָט אים געקענט אָדער געהערט פריִער וועגן אים. איר פּנים איז געווען שטרענג, ערנסט, אָן מורא און האָט אויסגעדריקט אַן אומצופרידנקייט — קענטיק, אַז דאָס קאָכן פאַר דער חברה האָט איר קיין פאַרגעניגן נישט פאַרשאַפט. מ׳האָט עס געזען דײַטלעך. ס׳איז געווען אַן אַרויפגעצוווּנגענע גאַסטפרײַנדלעכקייט וואָס האָט זיך געהאַלטן אויף ביקסן און רעוואָלווערן.

— מיר האָבן שוין באַלד נישט וואָס צו קאָכן — האָט זי געשטאַמלט אין דער שטיל.

פּיעטקע און וואַנקע האָבן אויך נישט געהאַט קיין איבעריקע הנאה פון דער וועטשערע. קיין בראַנפן איז נישט געווען. אָפּגעגעסן, האָבן די חברה יונגען באַשלאָסן — צו דער פרייד פון די באַלעבאַטים — צו פאַרלאָזן דאָס הויז.

קאַפּיטל זעקס

פּיעטקע — אַ פּאַרטיזאַן צי אַ רויבער?

אין דרויסן איז שוין געווען גוט טונקל. זיי זענען אַרויסגעפאָרן פון הויף און האָבן זיך געלאָזן מיט אַ שמאָלן וואַלדוועג אין דער טיפער פינצטערניש. ד״ר בלום האָט גאָר נישט געזען פאַר זיך און באַוווּנדערט מישקען, דעם פורמאַן, ווי ער טרײַבט אָן שנעל דאָס פערד אויף פאָרויס. מע קאָן דאָך דאָ געהרגעט ווערן — האָט ד״ר בלום געטראַכט — זיי פאָרן ווי די שדים, מע זעט דאָך נישט אַפילו די ביימער. ווי קען מען דאָ געפינען דעם ריכטיקן וועג? דערצו מוז מען האָבן אַ פאַרשאַרפטן חוש, אפשר גאָר אַ געבוירענעם טאַלאַנט. און דעם טאַלאַנט האָט טאַקע געהאַט דער רויטהאָריקער מישקע, דער פורמאַן.

אַרויספאָרנדיק פון וואַלד איז מען צוגעקומען צו אַ דאָרף און: — צו גריגאָריען! — האָט אַ קאָמאַנדעווע געגעבן פּיעטקע — דאָרט וועלן מיר קריגן אַ טרונק בראָנפן.

מיט אַ קנאַק מיט דער בײַטש איז מען אַרײַנגעפאָרן צום פּויער גריגאָריען, וואָס איז אַנטקעגן געלאָפן מיט אַ שמחה אַז ער האָט פאַר זיי אַ פלאַש בראָנפן, אַ גוטן שנאַפּס. די חברה האָט זיך געזעצט צו מאַכן אַ כּוסה, און ד״ר בלום האָט זיך פאַררוקט אין אַ ווינקל אין דער קיך. ער האָט נישט געוואָלט טרינקען. זיך סתּם געפילט שלעכט. אָנ־געשפּאַרט זײַן קאָפּ אויף דער האַנט — האָט ער זיך פאַרטראַכט. אַ טרו־קענע הויכע פּויערטע מיט צוויי גרויסע גראָע אויגן איז צוגעגאַנגען צו אים:

— אַנטשולדיקט מיר, קאָמאַנדיר — האָט זי זיך אָפּגערופן — איך זע אַז דו ביסט עפּעס אַנדערש ווי יענע דאָרט — האָט זי אָנגעוויזן אויפן צווייטן חדר, ווו ס׳איז געווען רוישיק און פריילעך — דו ביסט זיכער דער עלטסטער דאָ (ד״ר בלומס אויסזען ווי אַן אַטאַמאַן האָט, ווי ס׳ווײַזט אויס, געמאַכט אויף איר אַזאַ אײַנדרוק).

ד״ר בלום האָט געגעבן אַ שאָקל מיטן קאָפּ און געוואָלט זאָגן אַז ער איז נישט דער עלטסטער, אָבער זי האָט אים נישט געלאָזט רעדן:

— אויב נישט — איז זי צוגעשטאַנען צו אים — בעט איך דיך, דו זעסט אויס צו זײַן אַזאַ גוטער, אַן אויפריכטיקער... גיב איבער אײַער פירער, אַז מע זאָל מיר אָפּגעבן צוריק מײַן זונטיקדיק קלייד און די פאַרהאַנגען מיט די שפּיצן, וואָס זיי האָבן עס בײַ מיר צוגענומען לעצטע וואָך... זעסט — האָט זי געוויזן — דאָס איז מײַן לעצטע ספּודניצע... מער פאַרמאָג איך נישט, און כ׳האָב נישט וואָס אָנצוטון צו גיין זונטיק אין קלויסטער אַרײַן — האָט זי ממש געוויינט — און מײַנע פאַרהאַנגען! איך האָב דאָך זיי אַליין געניית דרײַ יאָר צײַט! צו וואָס דאַרפן זיי עס? איך פאַרשטיי — האָט זי געטענהט — זיי האָבן צוגענומען מײַן מאַנס הויזן און שטיוול... זיי דאַרפן עס האָבן. ס׳איז קאַלט און נאָס ווינטער אין וואַלד. אָבער צו וואָס דאַרפן זיי מײַנע פאַרהאַנגען און מײַן איינציק זונטיק-קלייד? און אפשר האָבן זיי עס פאַרקויפט פאַר בראַנפן?

— האָט זי מיט שרעק אויסגערופן — איך בעט דיך, זאָג מיר צו, טו מיר די טובה, אפשר זענען די זאַכן נאָך דאָ בײַ אײַך און איך וועל זיי צוריק באַקומען... זע, פאַרשרײַב עס אין ביכל בײַ דיר, מאַך אַ נאָטיץ, דו זאָלסט נישט פאַרגעסן — האָט זי זיך געבעטן בײַ אים.

ד״ר בלום איז געזעסן ווי אַ צעמישטער. ער האָט גאָר נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר. ער האָט זי געוואָלט אַרויספירן פון טעות און איר דערציילן, אַז ער איז גאָרנישט-מיט-גאָרנישט; אַז ער ווייס נישט פון קיין שום זאַכן; אַז ער איז דאָ דעם ערשטן טאָג אין וואַלד. אָבער אַ קוק געבנדיק אין איר פּנים, פול מיט טיפן טרויער און יאוש, האָט ער איר געענטפערט:

— גוט, איך וועל דיר העלפן צו געפינען די זאַכן... גיב מיר דײַן גענויען אַדרעס...

אין הארצן אָבער האָט ער זיכער געוווסט אַז די זאַכן זענען שוין אַוועק פאַר בראָנפן, אָדער פאַר אַ געשאַנק צו איינער פון פּיעטקעס געליבטע. ער האָט נישט געהאַט דעם מוט עס צו זאָגן דער איינפאַכער אומגליקלעכער פויערטע, און האָט איר צוגעזאָגט צו רעדן מיטן „עלטסטן״. די פרוי איז אַוועק אַ באַרויקטע. אָבער בלום איז געבליבן זיצן אַן אומרויִקער, אַ צעטראָגענער: וואָס קומט דאָ פאָר? — האָט אים געמאַטערט אַ געדאַנק — פאַר וואָס ראַבירן זיי? פאַר וואָס טרינקען זיי אַזוי פיל בראָנפן? איז דאָס דער פאַרטיזאַנען-קאַמף מיט די דײַטשן? און ווער איז דאָ דער עלטסטער? איז דאָ איבער הויפּט פאַראַן אַזאַ מין מענטש אין וואַלד?

אין אַנדערן צימער זענען דערווײַל די קולות געגאַנגען העכער און העכער:

— גריגאָרי, — האָט פּיעטקע געשריגן — גיב נאָך אַ פלאַש בראַנפן!

— אָבער איך האָב נישט — האָט זיך געבעטן דער פויער.

— זע, מאַך נישט קיין פוילע שטיק — האָט פּיעטקע זיך געריסן דעם גאַרגל — דו וועסט געבן צי נישט? אַ ניט מאַך איך פון דיר אַ קאַט־לעט! און האָט פאַרענדיקט מיט אַ לאַנגן רוסישן „מי שברך״.

דאָס דינגען זיך און שרײַען איז אָנגעגאַנגען אַזוי לאַנג ביז וואַנען גריגאָרי האָט טאַקע געבראַכט אַ צווייטע פלאַש בראַנפן:

— די לעצטע — האָט ער זיך געשווירן אויף אַלע הייליקסטע.

צופרידן מיטן נצחון האָבן די חברה צוזאַמען מיטן דאָקטאָר פאַר־לאָזן דאָס הויז.

— און איצט צו די נקבות! — האָט באַפוילן פּיעטקע — נאָר פריִער מוזן מיר אײַנאָרדענען אונדזער דאָקטאָר. דאָס בעסטע אָרט פאַר דיר — האָט ער זיך געווענדט צו בלומען — וועט זײַן בײַ דער אַלטער מאַ־רוסיע... דאָס איז אַרום אַ מײַל פון האַלינען, טיף אין וואַלד... דאָרט וועסטו מאַכן פאַר אונדז דײַן אַמבולאַטאָריע. אויב עמעצער וועט ווערן קראַנק, אָדער פאַרוווּנדיקט — וועט ער קומען צו דיר. דו מוזסט באַ־זאָרגן די נייטיקע רפואות און הייל־אינסטרומענטן.

ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צו שיקן האַלינען מאָרגן אין שטאָט אַרײַן מיט אַ בריוו פון ד״ר בלומען צו זײַנע פרײַנד צו באַקומען די נייטיקע זאַכן. דער געדאַנק, אַז ער וועט זײַן אַליין און נישט דאַרפן מיטמאַכן די הוליאַנקעס פון דער חברה, איז ד״ר בלומען ביז גאָר געפעלן געוואָרן און ער האָט צופרידן אײַנגעשטימט און צוגעזאָגט צו גרינדן אַ קליינעם שפּיטאָל אין וואַלד.

די אַלטע בלינדע מאַרוסיע האָט געלעבט מיט איר אַלטן טויבן מאַן אין אַ קליינער כאַטע וואָס איז באַשטאַנען פון צוויי צימערן. אין ערשטן איז געשטאַנען אַ גרויסער לײמענער אויוון, צוויי צעבראָכענע הילצער־נע בעטן מיט שטרוי, אַן בעטצײַג, באַדעקט מיט אַלטע שמוציקע סאָל־דאַטסקע קאָלדרעס. אין מיטן איז געשטאַנען אַ הילצערנער טיש מיט אַ באַנק. די פאָדלאָגע איז געווען אַ לײמענע פול מיט לעכער. דאָס פענצ־טערל איז געווען קליין ווי אין אַ טורמע. דער צווייטער צימער איז שוין געווען גרעסער און האָט געדינט פאַר אַ שײַער מיט אַ שטאַל צוזאַמען.

דאָס איז געווען איינע פון די ערגסטע כאַטעס וואָס ד״ר בלום האָט געזען אין זײַן לעבן.

מאַרוסיע מיט איר מאַן האָבן נישט קיין מורא געהאַט נישט פֿאַר פּיעטקען און נישט פֿאַר די דײַטשן. זיי זענען געווען זייער אָרעם און האָבן נישט געהאַט וואָס צו פֿאַרלירן. זיי האָבן ממש געהונגערט. ווען פּיעטקע פֿלעגט דאָרט קומען און ברענגען צום עסן, זענען די רעשטלעך פֿון טיש געווען פֿאַרן אַלטן פּאָרפֿאָלק די גרעסטע סעודה. מאַרוסיע האָט ד״ר בלומען אויפֿגענומען מיט האַרציקייט. אַזאַ גאַסט האָט זי נאָך קיין מאָל נישט געהאַט אין איר כאַטע. זי האָט אָנגעצונדן אַ שטיקל ליכט און אויפֿגעקלאַפּט דאָס שטרוי אויפֿן בעטערן בעט. אויסגעקליבן די בע־סערע קאָלדרע און געמאַכט פֿײַער אין אויוון, ס׳זאָל זײַן וואַרעמער אין שטוב.

די חברה האָט גיך פֿאַרלאָזט דאָס הויז צוזאָגנדיק צו קומען מאָרגן. ד״ר בלום האָט זיך געלייגט אויפֿן האַרטן געלעגער און איז אַרײַנגע־פֿאַלן אין אַ טיפֿן שלאָף.

קאַפּיטל זיבן

דער ייִדישער פּאַרטיזאַן חיים מיט זײַן רייזעלע

ס'איז שוין געווען גוט ליכטיק ווען ד"ר בלום האָט געעפנט די אויגן. דער קאָפּ איז אים געווען שווער. אין מויל האָט ער געפילט אַ ביטערן טעם. און דיביינער האָבן אים ווי געטון פונעם האַרטן געלעגער. די שמוציקע סאָלדאַטסקע קאָלדרע האָט געהאַט אַ שטינקענדיקן פאַרשימלטן טוכלען ריח. דאָס קישן איז געווען איבערגעצויגן מיט אַ גראָ ציכל פול מיט קליינע רויטע פלעקן — שפּורן פון פליי און וואַנצן. ער איז האַסטיק אַרויס פונעם צעבראָכענעם בעט. דער ערשטער געדאַנק זײַנער איז געווען זיך וואַשן. קיינער איז אָבער נישט געווען אין שטוב: וווּ זענען די באַלעבאַטים? — האָט ער געטראַכט. ער האָט זיך אומגעדרייט און אַ קוק געגעבן אין אַנדערן בעט. דאָרט זענען געלעגן און פעסט געשלאָפן אַ יונגע פּאָר. ער, אַ שיינער שוואַרצער בחור אין מיליטערישע בגדים, און זי, אַ יונג קינד — האַלב פרוי, האַלב קינד. זי איז געשלאָפן מיט אַן אָפן מויל, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף זײַן אַקסל, האַלטנדיק אַרומגענומען זײַן האַלדז מיט אַ קליין קינדעריש הענטל.ביידע זענען זיכער געווען ייִדן. דאָס האָט מען געקענט אַרויסלייענען פון זייערע פּנימער — פול מיט טיפּיש־ייִדישן חן און פאַרוואָלקנט פון די לעצטע טרויעריקע געשעענישן. ווער זענען זיי? — האָט געשטוינט ד"ר בלום — ווי אַזוי קומען זיי אַהער?... ער האָט באַטראַכט די ביקס, וואָס איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אין בעט, די גראַנאַטן וואָס זענען געלעגן צוקאָפּנס פונעם יונגן מאַן און אויך די צוויי פּאָר שטיוול — אַ פּאָר גרויסע און אַ פּאָר קליינע — וואָס זענען געלעגן לעבן בעט.

דער יונגער מאַן האָט זיך געגעבן אַ ציִ, אַ געניץ און געעפנט די אויגן.

— גוט מאָרגן, דאָקטאָר! — האָט ער זיך אָפּגערופן, באַמערקנדיק ווי בלום קוקט אויף אים מיט גרויס פאַרווונדערונג — עפּעס גוט געשלאָפן? מאַרוסיע האָט מיר אַלץ דערציילט וועגן אײַך. איך האָב אײַך נישט געוואָלט וועקן בײַ נאַכט. איך בין חיים זעט. פון דער שטאָט באַראַנאָוויטש, און דאָס איז מײַן רייזעלע. אַגב אויך מײַן קרובה. זי איז

נאָך נישט קיין זיבעצן יאָר אַלט. אָבער זי איז העלדיש און מאַכט אַלץ מיט מיר מיט אין וואַלד.

רייזעלע, מיטן קליינעם בלאַסן חנעוודיקן פּנימל האָט זיך אויפגעוועקט. זי איז אַראָפּגעקראָכן פון בעט. זי האָט געפינען אַן עמער וואַסער און אַ שיסל. אַרויסגענומען אַ שטיקל זייף פון איר סאָלדאַטסקן רוקזאַק און זיך גענומען וואַשן הינטערן אויוון. נאָך איר איז חיים געגאַנגען זיך אָפּוואַשן און האָט פאַרבעטן ד״ר בלומען, ער זאָל נאָכטון זײַן בײַשפּיל.

— שעמט זיך נישט — האָט ער געזאָגט — נעמט אַראָפּ דאָס העמד און וואַשט זיך גוט אָרום. דאָס שטיקל זייף האָט נאָך רייזעלע פון שטאָט. דאָ קאָן מען נישט קריגן קיין זייף אַפילו פאַר אַ רפואה.

נאָכן וואַשן האָט זיך רייזעלע גענומען פּאָרען בײַ דער קיך, גרייטן דעם פרישטיק. ס׳איז געווען זונטיק און די באַלעבאַטים זענען אַוועק אין צוויי טן דאָרף אין קלויסטער אַרײַן. זי האָט געפינען אין קרעדענצל אַ פּאָר אייער און אַ שטיקל קעז, עטלעכע קאַרטאָפל, און אַ שטיקל חזיר־פעטס האָט זי אַרויסגעקריגן פון איר רוקזאַק:

— ס׳וועט זײַן אַ פרישטיק — האָט זי פריילעך אויסגעשריגן — כּיד־המלך!

ד״ר בלום איז דערוווּסט געוואָר געוואָרן פון חיימען די גאַנצע געשיכטע זײַנע. ס׳איז געווען אַ טיפּישע געשיכטע וואָס איז פאָרגעקומען טאָג־טעגלעך אין יענער צײַט. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די שחיטות אין געטאָ. אַ גרופּע ייִדן, אָרום צען פערזאָן, האָבן פאַרלאָזן דעם געטאָ און זענען אַוועק אין וואַלד. דאָס זענען געווען מענטשן וואָס האָבן גוט געקענט די אַרומיקע וועלדער. זיי האָבן שטענדיק געהאַט צו טון מיטן וואַלד. חיים אַליין קען אויסגעצבונדן אַלע וועגן אין די וועלדער. זײַנע עלטערן זענען אומגעקומען. אָבער אירע עלטערן, רייזעלעס, מיט נאָך אַ פּאָר פרײַנד געפינען זיך אין וואַלד. ער, חיים, אַן אויסגעדינטער זעלנער, האָט אַ ביקס און גראַנאַטן. ער קען זיך פרײַ באַוועגן אין וואַלד. אָבער זיי באַהאַלטן זיך אין פאַרשיידענע גריבער און לעכער. דאָס עסן קויפן זיי בײַ די נאָענטע אַרומיקע פויערן אין דער נאַכט, אָדער חיים ברענגט זיי עס צו — אַניט וואָלטן זיי געשטאָרבן פון הונגער. זייער לאַגע איז אַזוי אויך זייער אַ געפערלעכע: זומער אין וואַלד איז נאָך אַ האַלבע צרה, אָבער אַז ס׳קומט אָן דער ווינטער, און דער שניי וועט לאָזן סימנים נאָך יעדן טריט, וועט מען זיי זיכער אויסגעפינען. דערצו זענען פאַראַן אַ סך קריסטן וואָס וואַרטן אויף דער מצווה אָנצוזאָגן די דײַטשן ווו די ייִדן באַהאַלטן זיך אוים.

ער האָט אים אויך דערציילט, חיים, וועגן פּיעטקען און זײַן גע־

הילף, זייער העלדישקייט באַשטייט אין שיכּורן, הולטייען און לעבן אַ גוטן טאָג...

אויסער דעם איז פאַראַן אין זעלביקן דאָרף אַן אַנדערע גרופּע גע־וועזענע זעלנער. דאָס זענען פינף פאַרשווינען וואָס הוליען און מאַכן אַ לעבן פאַר זיך. ער קען אויך אַן אַנדערע גרעסערע גרופּע פון זעכצן פּער־זאָן וואָס שטייען אין וואַלד. דער אָנפירער איז ניקאָליי, אַ גרויסער שוואַר־צער יונג, וואָס איז באַוווסט, אַז ער קאָן אויסטרינקען פינף ליטער בראָנפן איינער אַליין. די גרופּע האָט פאַרשידענע כּוונות צו קעמפן מיט די דייטשן. דערוויל אָבער טוט זי גאָר נישט. מע טרינקט און מע הו־ליעט. וואָס שייך פּיעטקען — האָט חיים פאַרענדיקט — איז ער זייער גוט צו ייִדן. ער האָט אַפילו אַ גרויסע גרופּע אין וואַלד, וואָס ער האָט באַהאַלטן, אַרום צוואַנציק ייִדן, און ער ברענגט זיי עסן.

ד״ר בלום האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט די אַלע פאַקטן און גע־וואָלט וויסן וואָס מער:

— צו וואָס באַדאַרף פּיעטקע די ייִדן? — האָט ער געפרעגט אַ ניי־געריקער — צו וואָס האַלט ער זיי דאָרטן?

— איך ווייס אַליין נישט — האָט חיים געענטפערט — פּיעטקע, ווי יעדער זעלנער, וויל זיין אַ קאָמאַנדיר. אָבער ער איז נאָר מיט זיין גע־הילף בלויז און מיט מישקען דעם פורמאַן. מער האָט ער נישט קיינעם. און ער דאַרף האָבן מענטשן. פון דער אַנדערער זייט אָבער, וואָסערע פּאַרטיזאַנער קענען זיין אַלטוואַרג, און פרויען אַן געווער? דאָרט זענען דאָ אַ פּאָר יונגע מיידלעך און פּיעטקע לעבט מיט זיי אַ גוטן טאָג. אפשר דערפאַר האַלט ער זיי אויס.

— ער האָט דאָך האַלינען? — האָט ד״ר בלום איבערגעשלאָגן.

— יאָ, אָבער דאָס איז נישט גענוג פאַר פּיעטקען. וויפל ווייבער ער זאָל נישט האָבן האָט ער אַלץ ווייניק און זוכט נאָך. ער קאָן זיך גאָר נישט אָנזעטיקן מיט די ווייבער. איר וועט עס נאָך זען. איך קען עס נישט פאַרשטיין: צי איז עס אַ מין קראַנקייט אָדער סתם אַ קרענק־לעך געפיל פון אַ נידעריקע חיה וואָס האָט זיך אין וואַלד באַפרייט פונעם מענטש אין אים.

— און דאָס זענען די פּאַרטיזאַנער, פאַר וועלכע די דייטשן האָבן אַזוי מורא? — האָט זיך געוווּנדערט ד״ר בלום — און ווו זענען די טויזנ־טער פּאַרטיזאַנער וואָס האָבן מיט אַ פּאָר חדשים צוריק פאַרנומען דאָס שטעטל ביטען און פאַרטריבן פון דאָרט די דייטשן? דאָס איז געשען זומער 1942 — צוויי טויזנט מייל הינטערן פראָנט.

קאַפּיטל אַכט

אַ טאַשן־זייגערל פאַר אַ ביקס מיט אַ גראַנאַט

חיים האָט געוווּסט גענוי די גאַנצע געשיכטע: אינעם פאַרנעמען דאָס שטעטל האָבן זיך באַטייליקט אַרום אַכט הונדערט פּאַרטיזאַנער, וואָס זענען געווען אָרגאַניזירט אין פאַרשידענע גרופּעס, אין אַזוי גערופענע אָטריאַדן. מערסטנס זענען עס געווען רוסישע זעלנער, וואָס זענען אַנטלאָפן פון דער דײַטשישער געפאַנגענשאַפט, אָדער געוואָרן צעשפּרייט דורך דער דײַטשער אינוואַזיע. זיי זענען זיך רויִק געזעסן אין די דערפער ביז ס׳איז געקומען אַ דײַטשער באַפעל אַז זיי זאָלן זיך מעלדן אין שטאָט, ווו זיי וועלן אינטערנירט ווערן. וויסנדיק גוט דעם טעם פון דײַטשישן לאַגער און דײַטשישער „מענטשלעכער” באַציִונג, האָבן זיי אַלע באַשלאָסן אַוועקצוגיין אין די וועלדער. דאָרט האָבן זיי זיך אָרגאַניזירט און באַוואָפנט. קיין ביקסן און אַמוניציע האָט זיי אין אָנהייב נישט געפעלט. די דערפער און וועלדער זענען געווען פול מיט די רעשטלעך וואָס די רויטע אַרמיי האָט איבערגעלאָזן אויף איר וועג ווען זי איז אָפּגעטראָטן פון די ערטער. דער גאַנצער אײַנפאַל צו פאַרנעמען אַ שטאָט צוויי טויזנט מײַל הינטערן פראָנט, ווען די דײַטשן זענען געווען אין קרים און קאַווקאַז, איז געווען דורכוים פאַלש און נוצלאָז. אמת, מע האָט טאַקע דעם קליינעם דײַטשישן גאַרניזאָן פאַרטריבן, און פאַרנומען דאָס שטעטל, אָבער נאָר אויף איין טאָג. די דײַטשן האָבן געשיקט עטלעכע דיוויזיעס און פאַרטריבן די פּאַרטיזאַנער, מאַכנדיק אָבלאַוועס אין וואַלד. דער גרעסטער טייל פּאַרטיזאַנער איז אַוועק טיף אין די בלאָטעס און זומפּן, און איניקע רעשטלעך דרייען זיך אַרום אין די דערפער. דאָס טרויעריקסטע איז אָבער דאָס, וואָס אין דער אָבלאַווע זענען אומגעקומען אַ סך הונדערטער יִדישע נפשות וואָס זענען אַנטלאָפן פון די שחיטות און האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין וואַלד און דאָ האָט זיי דערגרייכט די מערדערישע האַנט פונעם דײַטש־רוצח.

ד״ר בלום האָט פון דעם אַלעם גאַנץ גוט געוווּסט. זײַנע בעסטע פרײַנד און זײַנע קרובים זענען אומגעקומען אין דער צײַט פון דער וואַלד־אָבלאַווע.

— און וואָס רעכנסטו צו טון? — האָט ד"ר בלום געפרעגט חיימען
— ס'איז דאָך געפערלעך צו זײַן אַליין אין וואַלד. פאַר וואָס שליסטו זיך נישט אָן אין אַ גרופּע? ס'וועט דאָך זײַן זיכערער. צי דען ווילן זיי דיך נישט האָבן בײַ זיך? צי ביסטו בײַ זיי אָן איבעריקער?

— איך לעב דאָ מיט זיי אין בעסטן שלום — האָט חיים געענטפערט — זיי קענען מיך אַלע און קיינער פון זיי טשעפּעט מיך נישט. ניקאָלײַס גרופּע האָט מיך געוואָלט נעמען צו זיך, ווײַל איך בין מיליטעריש אויסגעבילדעט און איך קען אויסגעצייכנט די וועגן אין וואַלד. אָבער וואָס וועט זײַן מיט רייזעלען? זיי ווילן האָבן נאָר מענער אין זייער גרופּע. אויסער דעם מוז איך העלפן אירע עלטערן און מײַנע פרײַנד. איך בין דאָ דער איינציקער וואָס האָט געווער, און פאַר געווער האָט מען אַ שטאַרקן דרך־ארץ. איך וועל זי קיין מאָל נישט פאַרלאָזן — האָט ער צוגעגעבן און מיט אַ טיפן האַרציקן בליק געקוקט אויף רייזעלען.

ד"ר בלום האָט מיט באַגײַסטערונג און באַוווּנדערונג און נישט אָן שטאָלץ געקוקט אויפן שטילן יידישן העלד.

רייזעלע האָט דערווײַל אָפּגעוואַשן דעם הילצערנעם טיש און געשטעלט פרישטיק פאַר אַלע.

— פאַרגעס נישט איבערצולאָזן פאַר מאַרוסיען מיט איר מאַן — האָט זיך אָפּגערופן חיים צו רייזעלען — זיי וועלן זיכער באַלד קומען צו גיין פון קלויסטער.

— האָסט נישט קיין מורא אַז זיי קענען איבערגעבן די דײַטשן וועגן אונדז — האָט ד"ר בלום אים געפרעגט — אַרויסכאַפּן זיך פאַר עמעצן מיט אַ וואָרט? ס'איז דאָך אַן עלטער פאַרפאָלק.

— ניין, די בלינדע מאַרוסיע איז זייער אַ גוטע, זי איז אַ פּשוטע פויערטע און זי וועט עס נישט טון. זי האָט פײַנט די דײַטשן, און די אַנדערע שכנישע פויערן, די וואָס וואָלטן עס יאָ געוועט געטון, האָבן מורא פאַר די פּאַרטיזאַנער וואָס קומען שפּעטער צו גיין און דערשיסן פאַר יעדער קליינער מסירה. נאָר אין די דערפער, וואָס ליגן אויסערן וואַלד און נענטער צו דער שטאָט, טרעפט אָפּט אַז די פויערן זאָגן אָן די דײַטשן ווו די פּאַרטיזאַנער געפינען זיך. דאָרט גענישן זיי מער פון דער דײַטשער שוץ און שטאָטישער פּאָליציי. אין אַלגעמיין איז די לאַגע פון די פויערן דאָ גאָר נישט קיין אײַנגענעמע. פון איין זײַט ציטערן זיי פאַר די דײַטשן און ווילן זײַן לאָיאַל צו זיי און שטעלן זיי צופרידן, פון דער אַנדערער זײַט אָבער האָבן זיי מורא פאַר די פּאַרטיזאַנער און פאַר זייער נקמה.

דער גרעסטער טייל רײַכערע פּויערן האָט פאַרלאָזט די דערפער, אָדער אָוועקגעשיקט זייער האָב-און-גוטס אין שטאָט אַרײַן.

— נאָך דעם וואָס כ׳האָב נעכטן געהערט פון אַ פּויערטע פּאַרשטייט איך איצט וואָס ס׳קומט דאָ פאָר — האָט ד״ר בלום באַמערקט, און דערציילט חיימען ווי די פּויערטע האָט אים געבעטן, ער זאָל זען צו פועלן, אַז מע זאָל איר צוריקגעבן אירע פאַרהאַנגען מיטן זונטיקדיקן קלייד.

חיים האָט נאָר געשמייכלט. אַזעלכע זאַכן האָבן שוין אויף אים נישט געמאַכט קיין שום אײַנדרוק. ס׳איז נישט דאָס ערשטע מאָל וואָס ער הערט וועגן אַזעלכע עוולות וואָס גרענעצט זיך פּשוט מיט רויבערײַ.

נאָכן אָפּעסן דעם פרישטיק זענען זיי אַלע דרײַ אַרויס פון שטיבל.

— איר מוזט זען צו קריגן פאַר זיך געוווער — האָט אים חיים געזאָגט — ס׳איז נישט אַזוי לײַכט ווי איר מיינט אפשר. געוווער איז דאָ אַ סך, אָבער מע מוז דערפאַר גוט באַצאָלן.

— קיין געלט האָב איך נישט — האָט ד״ר בלום אומעטיק געענטפערט — דאָס איינציקע וואָס איך פאַרמאָג איז אַ טאַשן-זייגערל, אַ „לאָנדזשין״.

— אָ, דאָס איז גאָר אַ וואַזשנע סחורה — האָט חיים אויסגערופן — פאַר אַ זייגערל קענט איר דאָ באַקומען מער אַפילו ווי פאַר בראָנפן. אויב איר ווילט, וועל איך איבעררעדן מיט אַ באַקאַנטן חברה-מאַן, וואָנקע הייסט ער, און איך וועל זען וואָס איר קענט באַקומען פאַרן זייגערל.

ד״ר בלום האָט אים האַרציק באַדאַנקט, געגעבן דעם זייגער און זיך אָפּגערעדט צו טרעפן מאָרגן אויף דער נאַכט בײַ מאַרוסיען אין שטוב.

קאַפּיטל נײַן

אין לעבעדיקן קבר פון אויסבאַהאַלטענע ייִדן אין וואַלד

ער איז אַליין געגאַנגען צוריק דורכן וואַלד. ער האָט ווידער באַטראַכט דעם וועג וואָס פירט צו האַלינעז, דעם גרויסן וואַלד וואָס האָט זיך געצויגן ביז צום האָריזאָנט, און דעם קליינעם וועלדל וואָס איז געלעגן פאַר אים און דורך וועלכן ס'האָט זיך געשלענגלט אַ שמאָלער וועג צו מאָרוסיעס שטיבל. דער גרויסער וואַלד — האָט ער געטראַכט בײַ זיך — איז שיטער, אָבער דער קליינער איז זייער געדיכט. ער איז נישט העכער פון מײַן קאָפּ, אָבער מע קאָן זיך דאָ גוט באַהאַלטן.

ער האָט זיך אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון פון זײַן סיטואַציע און פאַרשטאַנען אַז ער איז דאָ מיאוס אַרײַנגעפאַלן: צו זײַן מיט פּיעטקען צוזאַמען איז פאַר אים אוממעגלעך, ער איז דאָך נישט קיין באַנדיט. זיי זענען דאָך פּשוטע כוליגאַנעס וואָס רופן זיך אָן פּאַרטיזאַנער. אַנטלויפן ווידער פון זיי — איז געפערלעך. פּיעטקע וועט אים שיסן פאַר פאַרראַט, אָדער די דײַטשן וועלן אים פאַקן. דאָס בעסטע איז צו געפינען די ריכטיקע קעמפערס, זיך אַנשליסן אָן זיי און פירן אַ קאַמף מיט די דײַטשן ביזן סוף: דאָס איז מײַן איינציקער ציל — האָט ער צו זיך אַליין גערעדט אין געדאַנק — אָבער ווו געפינט מען זיי? ווו קומט מען צו זיי צו? צי זענען זיי בכלל דאָ פאַראַן אין וואַלד? דערווײַל מוז מען בלײַבן מיט פּיעטקען — האָט ער ווײַטער געטראַכט — זיכער וועט זיך געפינען אַ געלעגנהייט צו אַנטלויפן. יעדן פאַל וועט ער אויסמײַדן אַלע זייערע הוליאַנקעס — האָט ער בײַ זיך באַשלאָסן — ס'איז פּשוט אַ גליק וואָס ער האָט אַן אָרט פאַר זיך אַליין בײַ דער אַלטער מאָרוסיע.

ווען ער איז צוריק געקומען האָט ער געטראָפן אין הויז פּיעטקען מיט דער חברה, האַלינעז מיט די באַלעבאַטים וואָס זענען שוין געהאַט צוריק געקומען פון קלויסטער. פּיעטקע האָט געבראַכט אַ שטיק פלייש פאַרן דאָקטאָר. ער האָט פאַר אים אויך געהאַט אַ פלעשל בראָנפן. אָבער אויפן וועג האָבן זיי נישט אויסגעהאַלטן דעם יצר־הרע און די פלאַש בראָנפן איז אויסגעליידיקט געוואָרן ביז דנאָ.

— נישקשה — האָט געטענהט פּיעטקע — כ'וועל דיר ברענגען אַ

צווייטן מאָל און איצט לאָמיר פאָרן צו מײַנע ייִדן אין וואַלד אַרײַן.

ד״ר בלום האָט אָנגעשריבן צו זײַנע גוטע באַקאַנטע אין שפּיטאָל, געגעבן עם האַלינען, וואָס האָט געזאָלט מאָרגן אין דער פרי אַוועקפאָרן אין שטאָט אַרײַן און אים ברענגען די נייטיקע מעדיצינישע מכשירים און רפואות. פיר מענער האָבן זיך געזעצט אינעם וואָגן און זענען אַוועק ווי די שדים דורכן וואַלד. נאָכן אָפּפאָרן אַ קורץ שטיקל וועג האָט מען זיך אָפּגעשטעלט און צוגעבונדן דאָס פערד צום בוים. מ׳האָט אָנגעהויבן קריכן דורך די געדיכטע קוסטעס און ביימער. ווי אַזוי טרעפן זיי דעם וועג? — האָט זיך ד״ר בלום געוווּנדערט. פאַר אים זענען אַלע קוסטעס און ביימער געווען גלייך. פּיעטקע האָט זיך אָפּגעשטעלט און אַ רוף געטון:

— דאָ איז עס!

ד״ר בלום האָט צום ערשט נישט באַמערקט קיין שום פאַרדאַכטיקע זאַך. באַלד אָבער האָט זיך אים אויסגעדאַכט ווי עפּעס אַ שאָטן וואָלט זיך באַוועגט אונטער די צווײַגן. פּיעטקע האָט אַ פײַף געטון און דער שאָטן האָט זיך באַוויזן אין זײַן פולער געשטאַלט. ס׳איז געווען אַ קליי־נער דאַרער ייִד מיט אַ פאַרוואַקסענעם שמוציקן פּנים וואָס האָט שוין לאַנג קיין וואַסער נישט געזען. זײַנע בגדים זענען געווען אויסגעשמירט אין בלאָטע. זײַן קול ציטעריק און הייזעריק:

— אוי, מיר האָבן געהערט פאָרן און געמיינט אַז ס׳זענען דײַטשן. אָבער גאָט צו דאַנקען — דאָס זײַט איר, קאָמאַנדיר — האָט דער ייִד געשטאַמלט מיט גרויס הכנעה.

מ׳איז צוגעגאַנגען צו אַן אָרט, ווו ס׳איז געלעגן אַ גרויסער אײַנ־געפאַלענער בוים, און געפונען אַ לאָך, ווו ס׳איז געווען אַרונטערגעלאָזט אַ לייטער. אַרום דער עפענונג זענען געלעגן צעבראָכענע צווײַגן וואָס האָבן מאַסקירט דעם אַרײַנגאַנג אינעם אונטערערדישן „פאַלאַץ".

אַראָפּגעלאָזן זיך מיטן לייטער אין גרוב אַרײַן, האָט ד״ר בלום צום ערשטן גאָר נישט געזען. אין גרוב איז געווען פינצטער און אין נאָז האָט געהאַקט אַ מין פײַכטער געדיכטער ריח פון שימל, מענטשלעכן שווייס און שמוץ. ער האָט געהערט פאַרשידענע צעשראָקענע שטימען וואָס האָבן ציטעריק זיך געטרייסלט אין דער געדיכטער לופט און גע־האָט אַן אָפּקלאַנג ווי פון יענער וועלט.

לאַנגזאַם האָט ער זיך צוגעוווינט צו דער פינצטערניש און אָנגע־הויבן באַטראַכטן דעם לעבעדיקן קבר. אין שוואַכן שײַן האָט ער דער־זען אַ גרוב, צוועלף אויף אַכט פוס די גרייס, אונטערגעשפּאַרט מיט קליי־נע רונדע קלעצער. דאָרט זענען געווען אַכצן פּערזאָנען וואָס זענען

געלעגן אויף שטרוי אין צוויי רייען פון ביידע זײַטן. דעם ערשטן האָט ער באַמערקט אַ קליין בחורל וואָס איז געלעגן מיט קראַנקע פיס באָר־וועס אויפן שטרוי. פיעטקע האָט אים געבראַכט ד"ר בלומס שטאָטישע שיך. דאָס בחורל איז ממש משוגע געוואָרן פאַר פרייד, נישט וויסנדיק ווי צו דאַנקען פאַר דער גרויסאַרטיקער מתנה. דאָרט זענען געווען עלטערע פרויען און מענער, און עטלעכע מיידלעך — אַלץ אומבאַקאַנטע פּנימער, ייִדן פונעם שכנותדיקן שטעטל ביטען. ס'האָבן אויף אים געקוקט בלאַסע אָפּגעצערטע פּנימער, צעשראָקענע, פול מיט אומענדלעכן טרויער און יאוש. האַלב הונגעריקע און פאַרשמאַכטע האָבן זיי געקוקט אויף אים אָן האָפענונג און אָן וועלכן ס'איז באַגער. לאַנגע וואָכן אין לעבעדיקן קבר האָבן געענדערט זייער אויסזען. באַוואָקסן, שמוציק און פאַרלײַזיקט האָבן זיי ביסלעכווײַז אָנגעהויבן צו פאַרלירן יעדן מענטשלעכן געפיל. זיי האָבן זיך אַ וואָרף געטון בשעת־מעשה אויפן ברויט וואָס פיעטקע האָט געבראַכט. אָבער שפּעטער זענען זיי צוריק געוואָרן אַפּאַטיש. די פאָר יונגע מיידלעך האָבן מיט פרעגנדיקע בליקן געקוקט אויף פיעטקען — אפשר וועט ער זיי הײַנט אַרויסנעמען...

ד"ר בלום איז געשטאַנען אָן אויפגעציטערטער. ס'האָט אים געשטיקט די שרעקלעכע לופט און נאָך מער דער פּײַן פון זײַנע אומגליקלעכע ברידער און שוועסטערס וועמענס ליידן זענען אַזוי שרעקלעך און גרויזאַם. ס'האָט אים אויך געשטיקט זײַן אייגענע אומבאַהאָלפנקייט — נישט קענען העלפן יענעם און זיך אַליין אויך נישט.

מ'איז אַרויס פון גרוב, אַוועקגעגאַנגען פון דאָזיקן אָרט, זיך געזעצט פאָרן. פאַר מײַנע אויגן אָבער זענען לאַנג געשטאַנען די פּנימער פון די אומשולדיק־אומגליקלעכע מענטשן — כמעט לעבעדיק באַגראָבענע. און אַזוי פאָרנדיק מיט פיעטקען האָט ד"ר בלום אָנגעהויבן קוקן אויף אים אין גאַנצן אַנדערש. ס'האָט זיך דערוועקט אין אים אַ שטיקל סימפּאַטיע צום דאָזיקן ווילדן שיכּור. דאָס געבראַכטע ברויט פאַר זיי און די פאָר שיך פאַרן באָרוועסן ייִנגל האָבן באַלויכטן פיעטקען אין אַ גאַנץ אַנדער ליכט. ס'איז פאַר אים געווען נישט קלאָר, וואָס אַזוינס ס'קומט פאָר אין דאָזיקן ברייטן נידעריקן שאַרבן, און אין זײַן האַרץ — אָבער אַ וואָרעמער און פרײַנטלעכער געפיל צו פיעטקען האָט אים דורכגענומען ביזן ביין. און ווען פיעטקע האָט זיך מיט אים געזעגנט בײַ מאָרוסיעס כאַטע, צוזאָגנדיק צו קומען מאָרגן — האָט ד"ר בלום אים שטאַרק געדריקט זײַן האַנט און אים געשאָנקען אַ גוטהאַרציקן שמייכל. זיי זענען געוואָרן באַפרײַנדט.

קאַפּיטל צען

צוויי צעטראָטענע ייִדישע בלומען

דער אַנדערער טאָג איז דעם דאָקטאָר בלומען אַוועק אין שטודירן דעם וואַלד אַרום מאַרוסיעס כאַטע און מאַכן פּלענער ווי אַזוי צו אַנטלויפן אין פאַל פון אַ סכּנה. ס'איז אים אײַנגעפאַלן אַ געדאַנק אויסצוגראָבן אַ גרוב אין מיטן פונעם געדיכטן וועלדל און דאָרט טאַקע צו בלײַבן, נישט ווינען אין דער כאַטע. ער האָט געשפּירט אַז פריִער אָדער שפּעטער וועלן די דײַטשן זיכער קומען אין דאָרף אַרײַן.

ער האָט אָפּגעגעסן אַ מיטאָג וואָס מאַרוסיע האָט אים אָפּגעקאָכט פונעם נעכטיקן פלייש. אויסגעהערט דרײַ מאָל איר לעבן־געשיכטע און האָט זיך זייער דערפרייט דערזעענדיק שפּעט אין אָוונט האַלינען מיט דער חברה. זי האָט אים געבראַכט אַ גרוים פּעקל פון שטאָט. דאָס האָט אים געשיקט אַ באַקאַנטע קראַנקנשוועסטער פון שפּיטאָל. ער האָט דאָרט געפונען אַ סוועטער, אַ פּאָר ווויליקעס מיט קאַלאָשן, עטלעכע שטיקלעך זייף, צוויי העמדער און נאָך אייניקע קליינקייטן. פון מעדיצינישע מכשירים איז געווען: אַ קליין אָפּעראַציע־מעסערל, אַ שערל, דרײַ פּינצעטן, אַ ניינאָדל, אייניקע באַנדאַזשן, יאָדינע און אַספּירין — דאָס אַלץ. די קראַנקנשוועסטער האָט צוגעזאָגט האַלינען אַז די אַנדערע וואָך וועט זי באַזאָרגן מער רפואות.

ד"ר בלום האָט זיך אויך דערוווּסט פון האַלינען, אַז די דײַטשן האָבן אים לאַנג געזוכט אין שפּיטאָל נאָך זײַן אַנטלויפן. זיי האָבן אַרעסטירט עטלעכע קראַנקנשוועסטערס, גלייבנדיק, אַז יענע האָבן אים באַהאַלטן. זײַן חבר, דער לעצטער ייִד פון שטאָט, ד"ר קרישטאַל, איז דערשאָסן געוואָרן אין יענער נאַכט.

די חברה איז אַוועק. אָבער ד"ר בלום איז לאַנג געזעסן אויף דער באַנק און האָט זיך טיף פאַרטראַכט. דער טויט פון זײַן חבר קרישטאַל האָט אויף אים קיין אײַנדרוק נישט געמאַכט. ער האָט שוין אַלעמען סײַ ווי סײַ פאַרלוירן. אַלע ליבסטע זענען אַוועק. איינער מער, איינער ווייניקער, וואָס איז דער אונטערשיד? ער האָט אָבער נישט געקענט פאַרשטיין פאַר וואָס איז ער געבליבן לעבן? פאַרוואָס האָט דער גורל

אים אַרויסגעראַטעוועט פון טויט אַזוי פיל מאָל? ער האָט זיך דערמאָנט אין דער דײַטשער טורמע, ווו ער איז געלעגן אַכט טעג אָן עסן און טרינקען, ווי אַלע דאָרט זענען אַוועק, נאָר ער איז געבליבן. ער האָט דורכגעמאַכט אַלע שחיטות אין געטאָ, באָמבעס, שיסערײַען. ער האָט געזען דעם טויט אַזוי נאָענט פאַר זײַנע אויגן און אַזוי פיל מאָל — אָבער ער לעבט נאָך ווײַטער... פאַר וואָס איז אים דאָס לעבן אַזוי פיל מאָל געשאָנקען געוואָרן? דאָס קען דאָך נישט זײַן נאָר אַ צופאַל. וואָס איז דער זין פון דעם? צו וואָס? און ווער ווייס וואָס ס׳וועט נאָך געשען מיט אים? — האָט ער ווידער און ווידער געטראַכט.

שפּעט אין אָוונט האָט זיך באַוויזן חיים און האָט אַרויסגערופן ד״ר בלומען שטילערהייט פון דער כאַטע. אין וועלדל האָבן זיי געטראָפן וואַנקען, וואָס האָט אים געבראַכט אַ ביקס, אַ גראַנאַט און הונדערט קוילן — דאָס אַלץ פאַרן זייגערל. די טראַנזאַקציע איז גלײַך געשלאָסן געוואָרן און ד״ר בלום האָט מיט ציטערדיקע הענט אַוועקגעטראָגן דאָס געווער אין שטוב אַרײַן. אין ליכט פון אויוון האָט ער גענוי באַטראַכט דעם אוצר וואָס ער האָט נאָר וואָס באַקומען. די ביקס איז געווען שטאַרק פאַרזשאַווערט, אָבער פון אַ נײַעם מאָדעל, און חיים האָט אים פאַרזיכערט אַז זי איז זייער אַ גוטע ביקס.

שעהען לאַנג איז נאָך ד״ר בלום געזעסן און נישט אויפגעהערט באַטראַכטן די ביקס פון אַלע זײַטן, געדרייט און געשמעקט צום גראַנאַט און געציילט די קוילן. איצט קאָן ער זיך פאַרטיידיקן, אַזוי לײַכט וועט מען אים נישט כאַפּן — האָט ער געקלערט — אין פאַל פון אַן אָבלאַווע וועט ער אויסניצן דעם גראַנאַט אויף צו פאַרטיידיקן זיך און הונדערט קוילן איז נישט קיין קלייניקייט. אין ערגסטן פאַל — קאָן ער זיך אויפרײַסן אָדער דערשיסן. לעבעדיקערהייט וועלן זיי אים נישט נעמען! און זיך לייגנדיק שלאָפן אויפן האַרטן געלעגער — האָט ער די ביקס צוגעטוליעט צו זיך און צוגעבונדן צו דער האַנט. די נאַכט איז ער געשלאָפן זיכערער און רויִקער.

אויף מאָרגן האָט ער אַ גאַנצן טאָג פאַרבראַכט מיט זײַן ביקס, מיטן גראַנאַט און מיט די קוילן. ער האָט געקריגן אַ ביסל קעראָסין צו רייניקן — האָט ער פונאַנדערגענומען די ביקס און שטודירט יעדן טייל באַזונדער, און געפּוצט מיט אַזאַ התמדה ביז די ביקס האָט געגלאַנצט ווי אַ נײַע. ער האָט יעדע קויל באַזונדער אַרומגעריבן מיט זאַמד, נאָכגעזען צי זיי פּאַסן, און מיט פרייד באַמערקט אַז דער שלאָס פונקציאָנירט זייער גוט. ער האָט אַרויפגעוואָרפן די ביקס אויף דער פּלייצע, אָנגעהאַנגען דעם גראַנאַט אויף דער ברוסט און צוגעבונדן ס׳זעקל קוילן צום גאַרטל.

ער איז אַרויס מיט זיכערע טריט פון דער כאַטע. אָפּגייענדיק אַ שטיקל וועג האָט ער געטראָפן פּיעטקען מיט דער חברה וואָס זענען געפאָרן צו אים.

— איך האָב דיך גאָר נישט דערקענט — האָט פּיעטקע געשריגן פון דער ווײַטנס — דו זעסט אויס ווי אַ העלד! פון וואַנען האָסטו דאָס געוווער?

די חברה האָט גענומען באַטראַכטן די ביקס, אויסגעשאָסן אַ פּאָר מאָל און מיט צופרידנקייט דערקלערט אַז זי איז גוט.

— ווייסט — האָט זיך פּיעטקע אָפּגערופן — כ׳האָב געפונען צוויי יידישע מיידלעך אין וואַלד. זיי קומען פון דײַן שטאָט. זיי קענען דיך... קראַסאַוויצעס, זאָג איך דיר... איינע איז צוויי און צוואַנציק יאָר אַלט. דעם מאַן האָבן די דײַטשן דערשאָסן מיט אַ צוויי חדשים צוריק. אירקע הייסט זי. די אַנדערע איז אַלט נײַנצן יאָר, אַ בלאָנדינקע. זי הייסט מירקע. נאָך אַן אומשולדיקע. אַ בלימל, זאָג איך דיר. מע זעט עם גאָר נישט.

ער האָט זיך פאַסמאַקעוועט און באַלעקט די גראָבע ליפּן מיט דער צונג...

— איך האָב זיי גוט אײַנגעאָרדנט דאָ אין אַ כאַטע, און הײַנט בײַ נאַכט... אוי, וועט דאָס זײַן אַ נאַכט!... און פאַר דיר האָב איך אַ מתנה, אַ גרויסע מתנה. דו ווייסט, דאָס יידישע בלאָנדע מיידל, וואָס האָט צו דיר געשריבן דעם בריוו... זי גיב איך דיר אַוועק... דו זאָלסט ווּיסן וואָס פּיעטקע איז. מײַן בעסטע געליבטע פאַר מײַן בעסטן פרײַנד. זי איז נישט אין גרוב. איך האַלט זי אין אַן אַנדערער כאַטע, און דו קענסט צו איר גיין נאָך אַפילו הײַנט...

ד״ר בלום האָט איידל און העפלעך דערקלערט פּיעטקען אַז ער וויל נישט קיין פרויען און ער דאַנקט אים זייער פאַר זײַן גוט האַרץ...

— ווי דו ווילסט — האָט פּיעטקע אומעטיק געענטפערט — ווילסט נישט מײַן מתנה — דאַרף מען נישט — האָט ער מיט אַ שטילן כּעס צוגעגעבן, קענטיק, ער האָט זיך באַליידיקט. אָבער ער האָט זיך רויִק געזעגנט און ד״ר בלום איז אַליין צוריקגעגאַנגען אַהיים.

די נאַכט איז אַריבער אַ רויִקע.

באַלד באַגינען איז פּיעטקע ווידער געקומען צו פאָרן און געשריגן צו ד״ר בלומען:

— קום, וועל איך דיר ווײַזן די קראַסאַוויצע וואָס כ׳האָב הײַנטיקע נאַכט געהאַט...

ער האָט אים אַוועקגעשלעפּט צו אַ פּוסטער כאַטע בײַם ברעג

וואלד. דער הויף, דאס הויז און דער שייער האבן געטראגן שפורן פון פארוויסטונג — קענטיק, די באלעבאטים האבן שוין לאנג, מיט חדשים צוריק פארלאזן דאס הויז.

ארויפגייענדיק אויפן צעבראכענעם בריקל האט מען געעפנט די טיר און מ׳איז אריינגעגאנגען אין א פוסטע פארלאזענע קיך. פון גרויסן אויוון זענען אראפגעשפרונגען צוויי יונגע פרויען און צוגעלאפן צו פיעטקען. זיי האבן אים אנגעכאפט פאר די ארעמס און זיך צוגעטוליעט צו אים פון ביידע זייטן.

ד״ר בלום האט געוווסט ווער די מיידלעך זענען: ער האט באטראכט די אומשולדיקע יונגע מירעלע מיט די בלאנדע האר וואס האט זיך אזוי ליבלעך געדריקט צו פיעטקען. אירע שיינע ברוינע אויגן האבן אויסגעדריקט אזוי פיל ליבע און צערטלעכקייט, אז ד״ר בלום האט פשוט געשטוינט: איז עס מעגלעך — האט ער געטראכט — אז די ערשטע ליבענאכט אין איר לעבן, פארבראכט אויפן שמוציקן אויוון, און געטיילט מיט איר חברטע, האט געקאנט דערוועקן אין איר אזא ווארעמען ליבעגעפיל צו דעם פיעטקען, וועלכן זי האט נאך נעכטן גאר נישט געקענט? אדער איז עס אפשר נאר א שפיל פון איר זייט כדי צו געווינען זיין סימפאטיע און הילף אין איר איצטיקער לאגע?

די צווייטע, אירקע, איז געווען מער צוריקגעהאלטן. אייגנטלעך האט זי געדארפט שפילן די ליבע צו פיעטקען — זי האט דאך געהאט דערפארונג... אבער נישט מירקע. זי איז דאך נאך אזא אומדערפארן קינד.

— ווי געפעלן זיי דיר? — האט זיך פיעטקע אפגערופן — איך זאג דיר, די פינגער צו לעקן. און זי איז טאקע געווען אן אומשולדיקע — האט ער אנגעוויזן מיט שטאלץ אויף מירקען.

ד״ר בלום האט זיך געפילט נידערגעשלאגן. ס׳האט אים ווי געטון דאס הארץ פאר די צוויי שיינע יידישע בלומען, צעטראטן אין דער שמוציקער פארוויסטער כאטע. ער האט עס נישט געקאנט צוזען מער און איז ארוים אין הויף. אבער באלד האט ער זיך צוריקגעקערט צו שענקען זיי א ווארעמען בליק פון א ברודער וואס איז נאענט צו זיי און פארשטייט זייער פיין. ער האט זיך געזעגנט און איז פאמעלעך אוועק צוריק צו דער אלטער מארוסיע.

קאַפּיטל עלף

אַן אַנטלאָפֿענער פֿון אַ מאַסן־עקזעקוציע

ס׳זענען אַריבער עטלעכע טעג. שטיל און רויִק איז געווען אין מאַרוסיעס כאַטע. די חבֿרה איז אַזועקגעפֿאָרן עפּעס אין אַן אַנדערן דאָרף נאָך בראָנפֿן און נאָך אַנדערע זאַכן. האַלינע פֿלעגט אים באַזוכן פֿון צײַט צו צײַט און דערציילן וואָס ס׳קומט פֿאָר אין שטאָט און אין די אַרומיקע דערפֿער. איין מאָל האָט זי אים דערציילט אַז נעכטן זענען בײַ איר אײַנגעשטאַנען עפּעס פֿרעמדע פּאַרטיזאַנער. זיי האָבן געהאַלטן דראָטן, מאַשינען. זיי האָבן נישט געטרונקען קיין בראָנפֿן.

— גאָר אַנדערע מענטשן, נישט ווי די אונדזערע — האָט זי דערקלערט — זיי האָבן מיר געזאָגט אַז זיי וועלן אין גיכן ווידער זײַן בײַ מיר.

— איך וואָלט זיי געוואָלט זען און רעדן מיט זיי — האָט איר ד״ר בלום געזאָגט — טו מיר אַ טובֿה, האַלינקע — האָט ער זי געבעטן — ווען דו וועסט זיי נאָך אַ מאָל זען, זאָג עס מיר אָן וואָס שנעלער. אָבער פּיעטקע טאָר פֿון דעם נישט וויסן. כ׳וועל עס דיר קיין מאָל נישט פֿאַרגעסן, האַלינקע, — האָט ער זיך אָנגעבעטן בײַ איר.

זי האָט אים פֿאַרלאָזן, און ד״ר בלום איז געבליבן מיט אַ האָפֿענונג און צווייפֿל צוזאַמען. זי וועט זאָגן פּיעטקען? — האָט ער געטראַכט — ניין, זי וועט עס נישט טון, און אפֿשר? . . .

די נאַכט האָט ער נישט געקאָנט שלאָפֿן. ער האָט געהערט אַן אויפֿרײַס פֿון אַ באָמבע ווײַט איבערן וואַלד און האָט מיט אומגעדולד געוואַרט אויפֿן מאָרגנדיקן טאָג.

האַלינע האָט זיך נישט געוויזן. ווען ס׳איז געוואָרן טונקעלער האָט ער באַשלאָסן צוגיין צו איר. דערנענטערנדיק זיך צו איר הויז האָט ער דערהערט פֿאַרשידענע שטימען און געשרייען פֿון דער ווײַטנס. ער האָט געהערט ווי אַ פֿרוי האָט יאָמערלעך געוויינט און זיך געבעטן . . . און פּיעטקעס שטימע וואָס האָט גערופֿן:

— נעם זי אין וואַלד אַרײַן און דערשיס זי, די שפּיאָנקע, גיכער, דו הערסט? . . .

אַ הויכע שלאַנקע פרוי אין די מיטעלע יאָרן, אין האַלב צעריסענע בגדים און צעלאָזענע ברוינע האָר האָט זיך באַוויזן אויפן בריקל.
— איך בין נישט קיין שפּיאָנקע — האָט זי מיט געוויין זיך גע־בעטן — שיסט מיך נישט...
ד"ר בלום האָט זיך דערנענטערט. ער האָט זי דערקענט: דאָס איז געווען אַ יידישע פרוי פון סלאָנים.
— פיעטקע — האָט ער אַ רוף געטון — וואָס קומט דאָ פאָר?
— מיר האָבן געכאַפּט אַ שפּיאָנקע און מיר גייען זי פּאַרטיק מאַכן — האָט אים פיעטקע געענטפערט.
— אָבער ס'איז נישט ריכטיק — האָט ד"ר בלום דערקלערט — זי איז נישט קיין שום שפּיאָנקע, איך קען זי.
די ווערטער האָבן פיעטקען אַ ביסל באַרויִקט.
— דו קענסט זי? — האָט ער אַ פרעג געטון — די שכנים האָבן מיר געזאָגט אַז זי איז אַ שפּיאָנקע. זי שלעפּט זיך דאָ אַרום און זאָגט אָן די דײַטשן וועגן אונדז.
— נישט ריכטיק — האָט ד"ר בלום געענטפערט — איך קען די פרוי, זי איז אַן ערלעכע און נישט קיין שפּיאָנקע. זי איז זיכער אַנט־לאָפן פון דער דײַטשער שחיטה.
די פרוי האָט דערהווײַל דערקענט, ווי ס'ווײַזט אויס, דעם דאָקטאָר בלומען מער נאָך דער שטימע ווי נאָכן אויסזען.
— אוי, דאָקטאָר טײַערער, ראַטעוועט מיך... זיי גלייבן מיר נישט — האָט זי מיט טרערן אין די אויגן געיאָמערט.
די סיטואַציע איז געווען אַ פּײַנלעכע. פיעטקע האָט זיך אַנטשלאָסן:
— אויב אַזוי, וועלן מיר זי נישט שיסן, און גיב איר אַוועק אירע זאַכן און געלט — האָט ער באַפוילן זײַן געהילף. דער לעצטער האָט, ווײַזט אויס, נישט געהאַט קיין חשק אַוועקצוגעבן די פּאָר טויזנט רובל וואָס מ'האָט בײַ איר געפונען. ד"ר בלום האָט געמאַכט אַ פּשרה אַז דאָס געלט זאָל בלײַבן בײַם קאָמאַנדיר. נאָר דעם מאַנטל זאָל מען איר צוריקגעבן ווײַל ס'איז קאַלט אין וואַלד. די פרוי האָט מיט פרייד צו־געשטימט צו שענקען דאָס געלט דעם קאָמאַנדיר און די אַטמאָספערע איז געוואָרן אַ לײַכטערע, אַן אָנטשפּאַנטע.
— דאָס איז אויף דײַן פאַראַנטוואָרטלעכקייט — האָט פיעטקע גע־זאָגט ד"ר בלומען — וווּ וועט זי זײַן די נאַכט?
— איך וועל זי נעמען צו מאַרוסיען אויף איבער נאַכט און ווײַטער וועלן מיר זען — האָט ער רויִק געענטפערט.
— ווי דו ווילסט — האָט פיעטקע געגעבן אַ קוועטש מיט די פּליי־

צעס. ער האָט נישט געקענט פאַרשטיין דעם ד״ר בלומען: זיך אָפּזאָגן פון דער יונגער און זײַן בעסטער געליבטע און נעמען זיך צו אַזאַ אַלטע יידענע... קענטיק, ער האָט נאָך אַלץ נישט פאַרגעסן דעם אָפּזאָג...

— טוט אָן דעם מאַנטל און קומט מיט מיר — האָט ד״ר בלום געזאָגט צו דער פרוי. און זיי זענען ביידע אַרוים אויפן וועג.

— ווען נישט איר — וואָלטן זיי מיך דערשאָסן, אַ דאַנק דעם אייבערשטן — האָט זי געשטאַמלט. זי האָט אים דערציילט אַז די דײַטשן האָבן זי אַרײַנגעוואָרפן לעבעדיקערהייט אינעם גרויסן קבר צוזאַמען מיט די איבעריקע יידן. זי איז געווען פון אויבן, און צופעליק נישט פאַרווונדיקט. ווען ס׳איז געוואָרן פינצטער איז זי אַרויסגעקראָכן פונעם זאַמד און אַנטלאָפן. און אַזוי שלעפּט זי זיך אַרום איבער די דערפער ביז מ׳האָט זי דאָ געכאַפּט ווי אַ שפּיאָנקע.

— באַרויִקט אײַך, מע וועט אײַך נישט שיסן — האָט ד״ר בלום זי געטרייסט — ס׳איז גוט וואָס איר האָט זיי אָוועקגעגעבן דאָס געלט. דאָ אין וואַלד איז געפערלעך צו האָבן געלט אָדער אַנדערע ווערטפולע זאַכן. דאָ קאָן מען דערשאָסן ווערן צוליב דעם אַליין.

קומענדיק צו מאַרוסיען האָט די אַלטע גוטע פויערטע געמאַכט פאַר איר אַ שטרוייענעם געלעגער אויף דער ערד און אָוועקגעגעבן איר די לעצטע קאָלדרע.

קאַפּיטל צוועלף

אויפן וועג צו פרייַהייט דורך קאַמף און נקמה

ד"ר בלום האָט לייַכט געדרעמלט ווען ער האָט פּלוצעם דערהערט אַ קלאַפּ אין פענצטער. אַן אויפגעציטערטער איז ער אויפגעשפּרונגען פון געלעגער, אָנגעטאַפּט אין דער פינצטערניש די ביקס און גראַנאַט, און אָנגעלאָדן. ס'האָט זיך דערהערט אַ צווייטער קלאַפּ אין פענצטערל און אַ מענער־שטימע האָט זיך אָנגערופן אין רוסיש:

— עפנט.

ד"ר בלומען איז געקומען אויפן געדאַנק: פּאָליציי. וואָס טוט מען? אַרויסלויפן — וועט מען אים דערשיסן. די אַלטע מאַרוסיע האָט מיט אַ ציטערדיקער שטימע געפרעגט:

— ווער איז דאָרטן?

— עפנט — האָט זיך דערהערט פון דער אַנדערער זייַט — האָט נישט קיין מורא.

מאַרוסיע האָט אָנגעצונדן אַ ליכטל. ד"ר בלום האָט זיך אוועקגע־שטעלט הינטערן אויוון מיט דער אָנגעלאָדענער ביקס און איר געהייסן עפענען די טיר. ס'איז נישט געווען קיין אַנדערער אויסוועג. זי איז צו־געגאַנגען און האָט געעפנט די טיר. דרייַ פּאַרשוינען, פאַרשאָטן אין שניי, מיט רעוואָלווערן אין די הענט זענען אַרייַנגעגאַנגען אין צימער. זיי האָבן אָנגעשטעלט די רעוואָלווערן אויף ד"ר בלומען:

— איר זייַט ד"ר בלום — האָט זיך איינער פון זיי אָנגערופן — אונדז האָט דאָ געשיקט האַלינע.

ד"ר בלום האָט לייַכטער אָפּגעאָטעמט און אַראָפּגעלאָזן די ביקס. די דרייַ פּאַרשוינען האָבן אַרייַנגעשטעקט די רעוואָלווערן אין די קעשע־נעס און אַראָפּגענומען פון זיך די פאַרשנייטע פּעלצן. דער געשפּרעך איז געווען אַ קורצער. ד"ר בלום האָט זיי דערקלערט אַז ער וויל זיך אָנ־שליסן אין דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג צו העלפן פירן דעם קאַמף קעגן די דייַטשן. זיי האָבן אים אויסגעפרעגט ווער און וואָס ער איז. צי קען ער עמעצן אין וואַלד? ער האָט זיי געענטפערט אַז ער האָט פריִער גע־

האָט פאַרבינדונגען מיט די פּאַרטיזאַנער און ער קען אַ דאָקטאָר פּיין. אָבער ער ווייס נישט ווו ער איז. די פּאַרטיזאַנער האָבן געשמייכלט:

— וואָס, איר קענט דעם דאָקטאָר פּיין און ער קען באַשטעטיקן ווער איר זײַט? — האָבן זיי אים געפרעגט.

— זיכער — האָט ד״ר בלום געענטפערט. פאַר אים זענען געזעסן דרײַ שיינע רוסישע יונגען מיט גוטע פּנימער, מיט אַ האַרציקן שמייכל. ער האָט דערפילט אַ סימפּאַטיע צו זיי פון ערשטן בליק.

— מיר קענען אײַך אין דעם מאָמענט נישט נעמען — האָט דער עלטערער פון זיי געזאָגט — מיר מוזן נאָך עפּעס דערליידיקן. מעגלעך, אַז נאָך די נאַכט וועלן מיר זײַן צוריק און מעגלעך אַז אין אַ וואָך אַרום. איך מוז נאָך רעדן מיטן עלטסטן וועגן אײַך. יעדן פאַל וועלן מיר אײַך צונעמען פון דאַנען. איר טאָרט אָבער גאָר נישט זאָגן פּיעטקען. מיר זענען דאָ צוועלף מאַן. מיר וואָלטן אײַך געקענט צונעמען מיט כּוח. אָבער מיר ווילן נישט אָנהייבן קיין שיסערײַ און פאַרלירן מענטשן. פּיעטקע איז אַ דעזערטיר פון אונדזער אָטריאַד. און ער וועט באַקומען באַצאָלט פאַר דעם. איר בלײַבט שטיל ביז וואַנען איר וועט פון אונדז הערן. אונדזער סימן איז דרײַ קלעפּ אין פענצטער. געדענקט! — באַטראַכטנדיק דאָס הויז מיטן גרעלעגער האָט ער צוגעגעבן מיט אַ שמייכל:

— מיר שלאָפן נישט אונטער אַ דאַך. אונדזער אָטריאַד שטייט אונטערן פרײַען הימל און מיר שלאָפן אין וואַלד אויף דער קאַלטער ערד.

זיי האָבן זיך אויפגעהויבן, אָנגעטון די פעלצן און אַרויסגעגאַנגען. ד״ר בלום איז אַרום זיי באַגלייטן. ער האָט געזען ווי זיי האָבן זיך אַרײַנגעזעצט אין אַ קליינעם דאָרפישן שליטן און גיך זיך אָפּגעטראָגן פון דאָרף. דער הימל איז געווען מוטנע־מילכיק און פון אויבן איז געפאַלן אַ געדיכטער שניי און האָט באַדעקט דעם וואַלד, דעם וועג און די שפּורן פון די פּאַרטיזאַנער. מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ פול שפּאַנונג איז ער צוריק אַרײַן אין דער כאַטע — געדולדיק צו וואַרטן וואָס דער גורל וועט אים ברענגען אין די נאָענטסטע שעהען און טעג.

אין שטיבל האָט זיך צוריק צעלייגט אַ געמיטלעכע רויִקייט און שטילקייט. די אַלטע מאַרוסיע איז אַרײַנגעפאַלן אין אַ טיפן שלאָף נאָך דער אויפרעגונג וואָס זי האָט נאַרוואָס דורכגעלעבט. אַ לײַכטער כראָפּ מיט אַ קורצן פײַף איז פון צײַט צו צײַט דערגאַנגען פון איר געלעגער. די אומגליקלעכע יידישע פרוי האָט זיך געוואָרפן און אומרויִקן שלאָף אויפן אויסגעשפּרייטן שטרוי אויף דער ערד, אַ טיפער קרעכץ פלעגט זיך צײַטנווײַז אַרויסרײַסן פון איר קעל און לאַנג זיך אָפּזעצן אין דער געדיכטער לופט.

ד"ר בלום איז נישט געשלאָפן. ער האָט געוואַרט. אפשר וועלן זיי קומען צוריק נאָך די נאַכט? — האָט אין אים געבויערט אַ שפּיציקער געדאַנק — ווי וועט ער דאָ קאָנען אויסהאַלטן נאָך אַ גאַנצע וואָך? און טאָמער קומען זיי איבערהויפּט נישט? און וואָס וואָלט געווען ווען פּיעט־קע וואָלט זיך דערוווּסט וועגן דעם? ער וואָלט אים זיכער נישט גע־שאָנקען: אַ קויל אין קאָפּ און דאָס וואָלט געווען דער סוף.

אַ גרויסער אויפרייַס האָט זיך פּלוצעם דערהערט איבערן וואַלד און ווי אַ דונער זיך אַוועקגעקייקלט איבער דער גאַנצער געגנט. אַ לאַנגער עכאָ האָט אים אָפּגעענטפערט צוריק. די קליינע כאַטע האָט געגעבן אַ ציטער וואָס האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג אין ד"ר בלומס האַרצן.

דאָס האָבן זיכער די פּאַרטיזאַנער אויפגעריסן אַ באַן — האָט ד"ר בלום געפרוווּט טרעפן — דאָס האָבן אוודאי געמאַכט די זעלביקע וואָס זענען דאָ נישט לאַנג געווען.

ס'זענען פאַרבייַ עטלעכע שעה און ד"ר בלום האָט זיך געקליבן אַרייַנפאַלן אין אַ קליינעם דרעמל ווען ער האָט דערהערט דרייַ קלעפּ אין פענצטער: דאָס זענען זיי!... ער איז אויפגעשפּרונגען מיט אַן אַרומגעכאַפּטער פרייד און אַרויסגעלאָפן עפענען די טיר.

אין דער כאַטע זענען אַרייַנגעגאַנגען די זעלביקע דרייַ פּאַרטיזאַנער.

— מיר זענען געקומען אייַך נעמען — האָבן זיי אים דערקלערט — אייַלט זיך אונטער, חבר דאָקטאָר, ס'איז שוין דרייַ אַזייגער און מיר מוזן פון דאַנען אַוועקגיין כּל־זמן ס'איז נאָך פינצטער.

ד"ר בלום האָט זיך שנעל גענומען אָנטון און זיך גרייטן אין וועג אַרייַן. מאַרוסיע האָט מיט שפּאַנונג געקוקט וואָס דאָ קומט פאָר, נישט פאַרשטייענדיק וווהין דער דאָקטאָר קלייַבט זיך אַוועקצוגיין. די ייִדישע פרוי האָט אָנגעהויבן צו קלאָגן:

— דאָקטאָר טייַערער, ווו גייט איר? לאָזט מיך נישט איבער! נעמט מיך מיט זיך! כ'האָב מורא דאָ צו בלייַבן איינע אַליין. וואָס וועט זייַן מיט מיר? — האָט זי געוויינט.

ד"ר בלום האָט אומבאַהאָלפן געקוקט אויף דער פרוי און אויף די דרייַ פּאַרטיזאַנער. יענע האָבן אַראָפּגעלאָזן די אויגן:

— לײדער קאָנען מיר זי נישט נעמען — האָט דער עלטסטער דערקלערט — זי מוז דאָ בלייַבן.

ד"ר בלום האָט זיך באַמיט זי צו באַרויִקן. ער האָט געבעטן מאַ־רוסיען אויפצופּאַסן אויף איר און צוגעזאָגט צו קומען צוריק אַזוי גיך ווי ס'וועט נאָר זייַן מעגלעך.

— איך וועל זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיטן קאָמאַנדיר און איך וועל זען אײַך מיט די אַנדערע יידן אוועקצונעמען פון דאַנען — האָט ער איר שטיל געזאָגט — האָט נישט קיין מורא. ס׳וועט אײַך דאָ קיין שלעכטס נישט געשען. און כ׳האָף אין קורצן אײַך צו קענען העלפן. היינט בין איך אוממאַכטיק און מוז טון וואָס מע הייסט מיר.

די יידישע פרוי האָט קענטיק פאַרשטאַנען און איז אַנטשוויגן געוואָרן. ד״ר בלום האָט אָנגעטון דעם פעלץ, גענומען די ביקס, דעם גראַנאַט און די קוילן און ס׳קליינע פעקל מעדיצינישע מכשירים.

— זײַט געזונט, טײַערע מאַדוסיע, איך דאַנק אײַך פאַר אַלץ און האָף אײַך אין קורצן ווידער צו זען — האָט ער האַרציק איר געדריקט די האַנט — און זײַט גוט צו איר — האָט ער צוגעגעבן אָנווײַזנדיק אויף דער יידישער פרוי.

ער איז אַרויס מיט די פּאַרטיזאַנער און האָט זיך געזעצט אינעם קליינעם דאָרפישן שליטן. דער שניי איז אַלץ געפאַלן מיט גרויסע שטיקער און האָט באַדעקט די גאַנצע געגנט ווי מיט אַ גרויסער ווײַסער קאָלדרע. דער שליטן האָט זיך גיך געטראָגן איבערן טיפן שניי, אונטערסקריפּנדיק בײַ יעדן האָסטיקן באַוועג. זײַן פּנים און האַלדז זענען געוואָרן נאַס. די אויגן האָבן געטרערט פון קאַלטן שניי, אָבער ער האָט עס נישט געפילט. אין זײַן האַרצן איז אַרײַן עפּעס אַן איינציקאַרטיק געפיל פון רויִקייט, זיכערקייט און זעלבסטווערדע — אַ געפיל וואָס ער האָט שוין לאַנג געהאַט פאַרלוירן און האָט עס איצט צוריק געפונען. ער האָט טיף אַרײַנגעאָטעמט אין זײַן ברוסט די קאַלטע לופט און דאָס געפיל פון פרײַקייט האָט מיט גליק אָנגעפילט זײַן גאַנצן קערפּער. צום ערשטן מאָל פאַר די לעצטע פאַר יאָר האָט ער זיך געפילט גליקלעך. אין זײַן פאַנטאַזיע האָט ער שוין געזען פאַרשידענע בילדער פון קאַמפן מיט די דײַטשן, אויפגעריסענע באַנען, און דרייסטע שריט קעגן שונא פול מיט נצחונות... ער האָט שטאַרקער געדריקט צו זיך די נאַסע און קאַלטע ביקס...

אַזוי גליטשנדיק זיך איבערן שניי האָט דער שליטן פאַרלאָזן דאָס קליינע וועלדל און אויסמײַדנדיק פאָרזיכטיק האַלינעם הויז זיך פאַרקערעוועט צום ברייטן וועג. ער האָט געוואָרפן זײַן לעצטן בליק אויף האַלינעם שטוב אַ פאַרשאָטענע מיט שניי. דאָרט איז געווען פינצטער. ער האָט נישט געוווסט אַז ער געפינט זיך דאָ צום לעצטן מאָל אין זײַן לעבן. דאָס בילד וועט ער קיין מאָל מער נישט זען, נישט די שטוב, נישט האַלינען און נישט די גאַנצע געגנט. ער האָט זיך דערמאָנט אין די איבערגעבליבענע יידן און ווידער בײַ זיך פעסט באַשלאָסן זיי צו העלפן

אוועקנעמען פון דאַנען. ס'האָט זיך אים אָבער גאָר נישט געחלומט אַז דער גורל שפּילט מיט אים ווידער קאַטאָוועס און גרייט פאַר אים אַ שפּאָגל נײַעם שפּיצל.

עטלעכע טעג שפּעטער איז אַ געוויסע פּאַרטיזאַנער־גרופּע געקומען אין דאָרף אַרײַן און דערשאָסן פּיעטקען מיט זײַן געהילף. מישקע דער פורמאַן און אַלע איבעריקע ייִדן זענען אוועקגענומען געוואָרן צו דער „פאַמיליע־גרופּע" פונעם גרויסן „פּאַוולאָווס אָטריאַד", אינעם שכנות־דיקן וואַלד. חיימען האָט מען נישט געפונען. ער האָט זיך באַהאַלטן טיף אין וואַלד מיט זײַן רייזעלען און מיט זײַן קליינער גרופּע איז ער שוין דאָרט געבליבן. האַלינע און איר טאָכטער זענען פאַרשלעפּט געוואָרן צו „פּאַוולאָווס אָטריאַד", און איר מאַן, דער עלטערער גראָער פויער מיט די וואָנסעס איז אַנטלאָפן מיטן זון אין שטאָט, ווו ער האָט זיך איבער־געגעבן צו די דײַטשן.

אַ פּאָר חדשים שפּעטער איז האַלינע און איר טאָכטער דערשאָסן געוואָרן פון „פּאַוולאָווס" פּאַרטיזאַנער. ד"ר בלום האָט קיין מאָל נישט געקענט דערגיין פאַרוואָס. מ'האָט אים געזאָגט: — פאַר פאַרדאַכט אין פאַרראַט און פרוּוון אַנטלויפן פון לאַגער... ווער ווייס וואָס דאָרטן איז פאָרגעקומען? דאָס הפקר־לעבן אין וואַלד איז דאָך געווען אַזוי פיל מיט אויסטערלישע און שרעקלעכע געשעענישן.

אָבער דאָס אַלץ האָט זיך ד"ר בלום דערוווּסט אַ סך שפּעטער.

דערווײַל איז ער געזעסן אינעם קליינעם שליטן און צוזאַמען מיטן ווינט און שניי געפלויגן אַהין צו פרײַהייט, קאַמף און נקמה.

קאַפּיטל דרײַצן

אַ פּאַרטיזאַנישער טייל אָפּגעריסן פון אַטריאַד

די פּאַרטיזאַנער אין שליטן האָבן די גאַנצע צײַט געשוויגן. עס האָט אָנגעהויבן צו טאָגן. דער שניי האָט אויפגעהערט פאַלן. אַ וווּנדערלעכער פּראַסטיקער ווינטערטאָג איז געגאַנגען אַנטקעגן. די פעלדער, ביימער און שטיבער זענען באַדעקט געווען מיט ווײַסקלאָרן פינקלענדיקן שניי אין וועלכן ס'האָבן זיך נאָך אָפּגעשפּיגלט די ערשטע רויטלעכע זונשטראַלן. עס האָט אויסגעזען ווי מיליאַרדן בריליאַנטלעך און רובינען וואָלטן באַדעקט די גאַנצע ערד און געבליצט און געמיניעט מיט פאַרשידענע פאַרבן און בלינצן.

אָן אַ וואָרט איז מען צוגעפאָרן צו אַ כוטאָר וואָס האָט זיך געפונען אין מיטן וואַלד ווײַט פון יעדן דאָרף. אויפן בריקל איז געשטאַנען אַ באַוואָפנטער פּאַרטיזאַן אויף וואַך. שווײַגנדיק איז מען אַרײַן אין שטוב. דאָרט זענען געווען די איבעריקע נײַן פּאַרטיזאַנער פון דער זעלביקער גרופּע. אייניקע פון זיי זענען געלעגן אויף דער פּאָדלאָגע מיט זייערע פעלצן צוקאָפּנס און געשלאָפן. אַנדערע האָבן געריייניקט זייערע ביקסן, זיי זאָלן נישט פאַרראָסטע ווערן.

— דאָס איז „דאָקטאָר בלום" — האָבן די אַרײַנגעקומענע אים פאָרגעשטעלט פאַר סאַשקען, דעם עלטסטן פון דער גרופּע.

סאַשקע, אַ יונגער אונטעראָפיציר פון דער רויטער אַרמיי מיט אַ קינדישן ווײַסן פּנים, קליינע אייגעלעך, און שמאָלע פאַרביסענע ליפּן האָט באַטראַכט דעם דאָקטאָר בלומען און געגעבן זײַן צושטימונג:

— גוט, לאַדנאָ.

מער גאָר נישט. קיין גרויסן אינטערעס צום פריש-אָנגעקומענעם דאָקטאָר האָט ער נישט אַרויסגעוויזן. די פּאָר וואַכע פּאַרטיזאַנער האָבן געקוקט מיט מער אינטערעס און נײַגער אויף בלומען. זיי האָבן אָבער גאָר נישט גערעדט. זיי האָבן נישט געפרעגט פון וואַנען ער איז און וואָס ער איז.

ניקאָלײַ, דער פּאַרטיזאַן, וואָס האָט אים געבראַכט, האָט אים אָנגעוויזן אויף אַ ליידיקן ווינקל אין שטוב און אים געזאָגט:

— מאַך זיך דאָ באַקוועם. מיר וועלן דאָ שטיין אַ גאַנצן טאָג.

ד״ר בלום האָט אויפגעהאַנגען זײַן פעלץ אויף אַ האָקן, ער זאָל זיך אויסטריקענען. זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד און זעענדיק ליגן אַ טרוקענע שמאַטע לעבן נאָענטן שכן, האָט ער זי גענומען און אָנגעהויבן רײַבן און טריקענען די נאָסע ביקס. נאָך דעם האָט ער זיך אויסגעצויגן אויף דער הילצערנער שמוציקער פּאָדלאָגע און אָנשפּאַרנדיק זײַן קאָפּ אויפן פּעקל גענומען באַטראַכטן די פּאַרטיזאַנער.

דאָס זענען אַלע געווען יונגע בחורים אין מיליטערישן עלטער. אַלע זיכער געוועזענע מאָביליזירטע רעקרוטן פון דער רויטער אַרמיי. די קאַלטקייט מיט וועלכער זיי האָבן אים אויפגענומען איז געווען פאַר אים אומדערוואַרט און אומאַנגענעם. דער איינציקער, וואָס האָט צו אים געשמייכלט און געקוקט מיט גוטע האַרציקע אויגן, איז געווען ניקאָלײַ, דער זעלביקער וואָס האָט אים מיט די אַנדערע צוויי פּאַרטיזאַנער אַרויסגענומען פון מאַרוסיעס כאַטע. ער איז קענטיק געווען דער עלטסטער פון אַלעמען אין יאָרן און איז געווען אָפיציעל סאַשקעס פאַרטרעטער.

די מערסטע פון זיי האָבן געהאַט אָפענע אויפריכטיקע פּנימער, אַ סך ערנסטער פאַר זייער נאָך יונגן עלטער. אייניקע האָבן געהאַט געזיכטער פון שלעכטע קינדער, פאַרעקשנטע און קאַפּריזנע, און צוויי פון זיי האָבן געהאַט טיפּישע שטריכן פון קרימינעלע פאַרברעכערס.

דאָקטאָר בלום האָט זיך נישט געוואָלט מיט זיי באַקענען נענטער. ער האָט נישט געהאַט קיין איבעריקן חשק זיי אויסצופרעגן ווער זיי זענען און וואָס זיי זענען געווען פריִער. ער וואָלט סײַ ווי סײַ פון זיי גאָר נישט דערגאַנגען. די פּאַרטיזאַנער בכלל זענען געווען שווײַגנדיקע און וואָלטן פון זיך גאָר נישט דערציילט, נאָך דערצו אַזעלכן וואָס זיי זעען אים צום ערשטן מאָל.

די קאָנספּיראַטיווע אַרבעט פון די פּאַרטיזאַנער האָט שטענדיק פאַרלאַנגט פון זיי פאַרזיכטיקייט בנוגע צו נײַע פּערזאָנען און אַ געוויסע צוריקגעהאַלטנקייט.

דאָקטאָר בלום האָט זיך שפּעטער דערוווּסט אַז ניקאָלײַ איז אַ געוועזענער רוסישער פאָלקסלערער. ער האָט טאַקע געמאַכט אַ בעסערן אײַנדרוק אויף אים. און דאָקטאָר בלום איז געווען מיט אים שטענדיק מער באַפרײַנדט ווי מיט די אַנדערע.

סאַשקע, דער פירער פון דער גרופּע, האָט מיט זײַן פאַרביסענעם שמאָלן פּנים און די קליינע אייגעלעך קיין מאָל קיין איבעריקע סימפּאַטיע בײַ דאָקטאָר בלומען נישט געפונען. אַלע צוזאַמען האָבן געמאַכט אַן אײַנדרוק פון אַ גאַנצער קערפּערשאַפט מיט אַ באַשטימטן ציל און

דיסציפּלין. ס׳איז געווען אַ מיליטערישע איינהייט וואָס האָט געהאַט צו דערפילן אירע אויפגאַבעס.

דאָקטאָר בלום האָט געפּרוווט כאַפּן אַ דרעמל. ער איז דאָך די גאַנ־צע נאַכט נישט געשלאָפן. אָבער ס׳איז אים נישט געלונגען אײַנצושלאָפן אויפן האַרטן געלעגער. ער האָט געזען ווי סאַשקע איז געזעסן איבער אַ קאַרטע און צוזאַמען מיט ניקאָלײַען און אַ פּאָר אַנדערע געמאַכט פּלענער שטילערהייט ווי אַזוי דורכצוגיין צום שטאַב פון זייער אָטריאַד. ער האָט פון זייערע רייד פאַרשטאַנען, אַז זיי זענען נישט זיכער ווו דער אָטריאַד זייערער געפינט זיך אין דעם מאָמענט, ווײַל צוליב דער אַב־לאַווע האָט ער שוין עטלעכע מאָל געביטן דעם וואַלד. ער האָט אויך פאַרשטאַנען אַז די גאַנצע גרופּע האָט זיך נישט געאײַלט אַהיים, ווײַל דאָרט האָט מען געמוזט שלאָפן אונטערן פרײַען הימל און דאָ אין וועג האָבן זיי געהאַט יעדן טאָג אַ דאַך איבערן קאָפּ.

ענדלעך האָט מען באַשלאָסן צו פאָרן „אַהיים״, וואָס איז געלעגן אַ דרײַסיק מײַל פון דאַנען און אַז מע וועט עס מאַכן אין צוויי נעכט. קיין באָמבעס אויפצורײַסן באַנען זענען מער נישט געבליבן און זיי זע־נען סײַ ווי שוין אַ פּאָר וואָכן אָפּגעריסן פון אָטריאַד.

נאָכן באַשלוס האָט מען זיך דערמאָנט אין עסן. מ׳האָט אויפגע־וועקט צוויי פאַרטיזאַנער און זיי אַרויסגעשיקט אין דרויסן. דאָקטאָר בלום האָט געזען דורכן פענצטער ווי יענע האָבן געקוילעט אַ קליין ווײַס שעפעלע, אָפּגעשונדן די פעל און צוגעגרייט דאָס פלייש צום קאָכן. דאָס שעפעלע איז געבראַכט געוואָרן פון אַן אַנדערן פויער פון דאָרף. ס׳איז געווען אײַנגעשטעלט אַז מע פלעגט קיין מאָל נישט עסן דאָס פלייש ביי דעם זעלביקן ווירט ווו מ׳האָט צוגענומען זײַן פי.

אַ שעה שפּעטער האָט מען אַרויפגעשטעלט דאָס גאַנצע שעפעלע, אָן אָפּגעבראָטנס מיט קאַרטאָפל, אויפן טיש. און חברה האָט זיך גענו־מען צום עסן. יעדער פון זיי האָט געהאַט אַ לעפל אין שטיוול, אָבער מערסטנס האָט מען זיך באַנוצט מיט די פינגער.

אַ פּאָר שטימען האָבן זיך אָפּילו אָנגערופן אַז אַ גלעזל משקה וואָלט נישט געווען שלעכט צו זופּן. אָבער קיין בראַנפן איז נישט געווען און מ׳איז יוצא געווען אָן משקה.

נאָכן עסן איז אין שטוב אַרײַן די באַלעבאַסטע, אַ מיטלוווּקסיקע פויערטע מיט אַ צעקנייטשטן פּנים און נישט רעדנדיק קיין וואָרט צו־גענומען די רעשטלעך פון טיש.

דאָקטאָר בלום האָט שפּעטער געזען ווי אין צווייטן חדר האָט אַ גאַנצע כאַפּטע הונגעריקע קינדער אין פאַרשידענעם עלטער זיך אַ וואָרף

געטון אויפן פלייש און האַסטיק געכאַפּט פון דער שיסל און געשלונגען. פלייש איז אין יענער צײַט געווען אַ זעלטענער מאכל אין דאָרף.

דאָקטאָר בלום איז אַרויס אויפן הויף. ס'איז געווען אַ קליינער פּוי־ערשער הויף מיט אַ לאַנגן הילצערנעם ברונעם, אַ שטאַל און אַ שײַער צוזאַמען. אַ רויך האָט זיך געצויגן איבערן גרויסן וואַלד, ס'איז געווען אַ שטילער זוניקער ווינטערטאָג. די ביימער זענען געשטאַנען אומבאַוועג־לעך באַלאָדן מיטן ווײַסן פּוכיקן שניי. אַ געשריי פון אַ וואָראָנע און אַ סקריפּ פון אַ ווײַטן ברונעם פלעגט איבעררײַסן פון צײַט צו צײַט די טויטע שטילקייט.

פאַר דער מילחמה האָט דאָקטאָר בלום אָפט פאַרבראַכט זײַנע וואַ־קאַציעס אין וואַלדיקער געגנט. ער האָט ליב געהאַט דעם וואַלד. אָבער זייער זעלטן פלעגט אים אויסקומען צו זײַן אין וואַלד ווינטערצײַט. איצט איז ער געשטאַנען און האָט באַוווּנדערט די וואַלדיקע געדיכטעניש אין דער פולער ווינטערפּראַכט. עפּעס האָט זיך דאָ נישט געוואָלט גלייבן אַז אויף יענער זײַט וואַלד גייט אָן אַ שרעקלעכע מילחמה, שרעקלעכע שחיטות און מערדערײַען. ער האָט געגעבן אַ לײַכטן ציטער בײַם דער־מאָנען זיך די טרויעריקע גרויליקע בילדער, וואָס ס'טוט זיך דאָרט אָפּ אין די אַרומיקע שטעטלעך. ער איז צוריק אַרײַן אין דער כאַטע.

קאַפּיטל פֿערצן

אויפֿן וועג צום פּאַרטיזאַנער־שטאַב

דער קורצער ווינטערטאָג האָט זיך גענומען טונקלען און די פּאַרטיזאַנער האָבן פֿאַרלאָזט ס'הויז. זיי זענען געזעסן אין פֿינף דאָרפֿישע שליטלעך איינגעשפּאַנט יעדער אין איין פֿערד. יעדער שליטן איז געווען אָפּגערוקט פֿון צווייטן אויף אַ הונדערט מעטער. אין ערשטן זענען געזעסן צוויי פּאַרטיזאַנער. דאָס איז געווען די ראַזוויעדקע, די אויסשפּירערס, וואָס האָבן געהאַט די אויפֿגאַבע אויסצוגעפֿינען צי דער וועג איז פֿרײַ. נאָך זיי האָט געצויגן דער צווייטער שליטן מיט די פּאַרטיזאַנער. אין דריטן די פֿירערס פֿון דער גרופּע און אַזוי ווײַטער. אין לעצטן שליטן איז געווײַנטלעך געווען דער פּולעמיאָטשיק מיטן מאַשין־געווער. ער איז געפֿאָרן דער לעצטער כּדי אין פֿאַל פֿון אַ סכּנה האָבן אַ מעגלעכקייט צו עפֿענען אַ פֿײַער און דעקן די פּאַרטיזאַנער.

דאָקטאָר בלומען האָט מען מכבד געווען מיט אַן אָרט אין לעצטן שליטן מיט סעריאָזשקען, דעם פּולעמיאָטשיק. ער איז געווען אַ גרויסער העלבלאָנדער יונג, זייער אַ שיינער און אַ קרעפּטיקער. ווי מיט אַ שפּילכל פֿלעגט ער זיך אַרומטראָגן מיטן שווערן פּולעמיאָט. ער האָט פֿאַרדעקט דעם מאַשין־געווער מיט היי אין שליטן, זיך געזעצט מיט דאָקטאָר בלומען אין פֿראָנט, אונטערגעפּײַפֿט אַ פֿריילעכע מעלאָדיע און אונטערגעטריבן דאָס שטאַרקע פֿערדל. זיי זענען געפֿאָרן די לעצטע פֿון דער גרופּע.

שטיל און שנעל האָבן זיך די שליטנס געצויגן איבער די שמאָלע געדרייטע וועגן ביז מ'איז צוגעפֿאָרן צו אַ גרויסן דאָרף. ס'איז געווען אַ גוט באַקאַנטער דאָרף, וואָס האָט געהאַט מער ווי דרײַ מייל אין דער לענג און דורך וועלכן ס'איז געגאַנגען אַ גרויסער ברייטער שליאַך וואָס האָט געפֿירט צום שאָסיי.

אַלע פֿינף שליטנס זענען צוזאַמען אַרײַנגעפֿאָרן אין דאָרף אַרײַן. דער וועג האָט פּשוט געווימלט מיט פֿאַרשידענע אַנדערע שליטנס און שליטלעך מיט אַנדערע פּאַרטיזאַנער.

— קטאַ טאַקאַי? ווער איז עס דאָרט? — האָט זיך דערהערט די פּראַ־גע פון ערשטן שליטן אין דער פינצטערניש.

— פּאָלטאַוויצע — האָט עמעץ געזאָגט דעם פּאַראָל.

די באַלעבאָסטע פון דער כאַטע, אַנאַ סעמיאָנאָוונאַ, פלעגט דערזען אין נאַכטיקן חושך ווער ס׳קומט אָן פון דער אַנדערער זײַט. יעדער אַטריאַד האָט געטראָגן אַ נאָמען נאָך זײַן פירער אָדער נאָכן וואַלד וווּ ער איז אײַנגעשטאַנען. אַזוי פלעגן זיך באַגעגענען די פּאַרטיזאַנער און פאָרן ווײַטער, אָדער בלײַבן שטיין אויף אַ ווײַלע און כאַפּן אַ שמועס, געוווייער ווערן וואָס ס׳הערט זיך אין די פאַרשידענע פונקטן אין די וועלדער.

אין יעדער שטוב האָט געברענט פײַער און פון אומעטום זענען דער־גאַנגען שטימען, געזאַנגען און אָפּרופן. דער דאָרף האָט געלעבט מיט אַ פולן טעמפּאָ. ס׳האָט אויסגעזען ווי ס׳וואָלט דאָ געווען אַ צוזאַמענפּאָר פון פאַרשידענע פּאַרטיזאַנער־גרופּעס, אָדער אַ שטאַב פון זעלנער אין דער צײַט פון אַ מילחמה. ס׳איז פּשוט געווען נישט פאַרצושטעלן זיך, אַז כּך־הכּל צוואָנציק מײַל פון אָט דעם דאָרף געפינט זיך אַ שטאָט וואָס ראַיעט זיך מיט דײַטשן, געשטאַפּאָ און זשאַנדאַרמעריע.

און מערקווערדיק — האָט געשטוינט דער דאָקטאָר בלום — איך וואָלט זיך קיין מאָל נישט פאָרגעשטעלט אַז אַזאַ זאַך איז מעגלעך, אַז די ווידערשטאַנד־כּוחות וואָס ברענען די דײַטשן די טריט און טוען אים אָן געברענטע צרות, אַז אָט די קעמפערישע פּאַרטיזאַנער־טײלן געפי־נען זיך טאַקע דעם דײַטשן אָקופּאַנט אונטער זײַן נאָז און פאַרשאַפן אים אַזעלכע גרויסע פאַרלוסטן טאָג און נאַכט, נאָך אַנאַנד אויף אַלע וועגן און שטעגן, וווּ ער שטעלט נאָר אַ טראָט. און זײַן האַרץ האָט שטאַרקער געגומען קלאַפּן פול מיט פרייד, זיכערקייט, מיט אַ שטאָלצ־קייט און אַ האָפענונג צוזאַמען.

צווייטער טייל

קאַפּיטל פופצן

אַנטלאָפענער פון געשטאַפּאָ ד״ר בלום דערציילט

פאַרטאָג, ווי נאָר ס׳האָט אָנגעהויבן בלאָען, זענען מיר אָנגעקומען אינעם שטאַב פון דער בריגאַדע. דער שאַלאַש, דאָס פרימיטיווע שטאַב־געצעלט, איז געווען באַדעקט מיט סכך און אַרומגערינגלט מיט אַ ספּעציעלער וואַך. יעדער אָטריאַד, וואָס האָט אויסגעפירט אַ שלאַכט־אויפטראַג, האָט זיך גלייך געדאַרפט מעלדן אין דער אָפּעראַטיווער גרופּע פון דער בריגאַדע און איבערגעבן אַ באַריכט פון דער דורכגעפירטער אַקציע.

ניקאָליי, וואָס כ׳האָב זיך מיט אים אויך שפּעטער נישט איין מאָל געטראָפן, האָט מיר איצט פאַרטרויליך דערקלערט אַז אַלע פאַרטיזאַנישע קאַמף־אָטריאַדן, וואָס האַלטן זיך אויף אין דער פּרוזשענער פּושטשע, ליגן אונטער דעם שטאַב. חוץ דעם געפינען זיך נאָך דאָ עטלעכע פאַמיליע־גרופּעס, וואָס באַשטייען אין גרעסטן טייל פון עלטערע מענטשן וואָס האָבן קרובים אין די שלאַכט־אָטריאַדן.

פאַר מיר איז עס געווען אַן אומבאַקאַנטע וועלט. אונטער דער נאָז פון די דייטשן האָבן די פאַרטיזאַנער אויפגעבויט קאַמף־פעיִקע מיליטערישע איינהייטן, שלאַגפאַרטיקע, ווי רעגולערע אַרמיי־אָפּטיילן, מיטן בלויזן אונטערשיד, וואָס זייערע אָפּעראַציע־מעגלעכקייטן זענען געווען אומגעהייער־שווערערע און גענוג באַגרענעצטע און האָבן געהאַט זייערע באַזעס אין די געדיכטענישן פון די טיפע וועלדער.

סאַשקע האָט אַריינגעפירט אונדזער גרופּע אינעם שטאַב פון דער בריגאַדע „פּאַנאָמאַרענקאָ״. דער קאָמאַנדיר, קאַפּיטאַן באָבקאָוו — אַ טיפּישער פּאָניע, אַ הויכער, אַ ברייטפּלייציקער מיט אַ קײַלעכיקן פּנים און אַ פּאָר ביסטרע שטעכיקע אויגן — האָט אונדז אָנגעקוקט מיט אומצוטרוי. אין אַ מיליטערישן טאָן האָט אים סאַשקע געמאָלדן:

— דאָס איז ד״ר סמאָלינסקי — האָט ער אָנגעוויזן אויף מיר מיט דער האַנט — כ׳האָב אים געבראַכט אַהער אין שטאַב אויפן באַפעל וואָס כ׳האָב באַקומען.

דער קאַפּיטאַן באָבקאָוו האָט מיך אָפּגעמאָסטן מיט זײַן שאַרפן

בליק פון קאָפּ ביז פיס. ס׳איז אים נישט איבעריק געפעלן, זעט אויס, מײַן ביקס, די גרויסע רוסישע פּאַפּאַכע, וואָס כ׳האָב געטראָגן אויפן קאָפּ, און דער פּולשובאַק, די פּוטערנע קורטקע מיט די הויכע וואַלינקעס אויף די פיס. נאָך אַ ווײַל באַטראַכטן מיך האָט ער זיך אָנגערופן לאַקאָניש:

— לאַדנאָ!

ער האָט מיר געגעבן אַ צייכן כ׳זאָל פאַרלאָזן דעם שאַלאַס. כ׳האָב פאַרשטאַנען, לויט זײַן ווײַזן מיט דער אָפענער האַנט אין דער ריכטונג פונעם אַרויסגאַנג, אַז כ׳בין דאָ אָן איבעריקער, כ׳האָב דאָ גאָר נישט וואָס צו טון בעת די פּאַרטיזאַנער דאַרפן איבערגעבן דעם קאַפּיטאַן באַבקאָוו זייער באַריכט. כ׳בין אָן אַ וואָרט אַרויס אין דרויסן און געבליבן וואַרטן פאַרן געצעלט פונעם שטאַב. נישט ווײַט פון דאַנען האָב איך באַמערקט געשטאַלטן פון באַוואָפנטע פּאַרטיזאַנער. זיי האָבן נישט גערייכערט און נישט גערעדט צווישן זיך. וואָרשײַנלעך האָבן זיי געהערט צו דער גרופּע וואָס האָט באַוואַכט דעם שטאַב. אַ בולטער סימן פון דער הערשנדיקער מיליטערישער דיסציפּלין.

נישט געקוקט אויף מײַן מידקייט, כ׳האָב געמיינט אַז כ׳פאַל פון די פיס, האָב איך מיט אַ געפיל פון שטאָלץ, געמישט מיט אַ זיכערקייט אין זיך באַטראַכט די פעסטונג וואָס ס׳האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דער גאַנצער פּאַרטיזאַנער-לאַגער. כ׳האָב פאַרגעסן אין פּיעטקען מיט זײַנע אָרגיעס און געמיינע שטיק און אַפילו אין מײַנע אומגליקלעכע ברידער, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די טיף-אײַנגעגראָבענע וואַלדנאָרעס, אָדער סתּם זיך אַרומגעוואַלגערט אין דער טונקעלער וואַלד-געדיכטעניש הונגעריקע און דורכגעפרוירענע. כ׳בין געווען זיכער אַז דאָ וועל איך זיך געפינען אויפן ריכטיקן אָרט. און נאָר פון דאַנען וועט פירן דער וועג צו נקמה — דער איינציקער געדאַנק און באַגער וואָס האָט מיך אויסגעפילט אין גאַנצן און געגעבן אַ זינען מײַן לעבן.

פונעם לאַנגן וואַרטן האָב איך געפילט אַ בײַסיקע דורכנעמעדיקע קעלט אין די ביינער. פון די אַרומיקע הויכע סאָסנעס, צעטרייסלטע פונעם שנײַדיקן ווינט, איז אַראָפּגעפאַלן דער שניי אין פלאַכטעס וואָס האָט מיך אין גאַנצן באַדעקט.

בכדי זיך אַ ביסל צו דערוואַרעמען האָב איך גענומען טרעטן פון איין פוס אויפן צווייטן. כ׳האָב זיך נישט דערוועגט צו פיל צו דערווײַטערן פונעם שטאַבשאַלאַס. ביסלעכווײַז האָבן זיך מײַנע אויגן אָנגעהויבן צוגעוויינען צום שוואַכן וואַלדיקן טאָגשײַן וואָס האָט אַרײַנגעדרינגען אַהער דורך די געדיכטע ברייטצעצווײַגטע ביימער. פון דער

ווײַטנס האָט איך באַמערקט אַ שלאָס אַרום וועלכן ס'האָבן זיך דאָרט פֿון צײַט צו צײַט באַוויזן פּרויען־געשטאַלטן. ס'איז אַוודאי די שטאַבקיך — האָב איך בײַ מיר געקלערט. אַ שפּאָר ביסל ווײַטער אָפּגערוקט אין אַ זײַט איז געשטאַנען אַ צווייטער געצעלט. נאָר דאָרט אָבער האָב איך קיינעם נישט באַמערקט, נישט עמעצן אַרײַנגיין און נישט אַרויסגיין.

נאָכן וואַרטן אַזוי געדולדיק אַ גוטע שעה צײַט איז אַרויסגעקומען צו מיר אַ קאָמאַנדיר. די פּאַרטיזאַנער האָבן נישט געטראָגן קיין שום אָפּצייכנס פֿון זייערע ראַנגעס. נאָר נאָך זײַן באַפֿעלנדיקער שטימע האָב איך דערקענט אין אים אַן עלטסטן:

— דאָקטאָר — האָט ער זיך געווענדט צו מיר — איר ווערט צו־געטיילט צום דמיטראָווסקי אָטריאַד. ער שטייט נישט ווײַט פֿון דאַנען.

ער האָט זיך אָפּגעקערט פֿון מיר און צוגערופֿן איינעם פֿון די וואַכ־לײַט וואָס באַוואַכן דעם שטאַב און אים באַפֿוילן, ער זאָל מיך באַגלייטן אַהין, צו יענעם פּאַרטיזאַנער־טייל.

— דאַווײַ פּײַדיאָם! — האָט מיר דער יונגער בחור צוגעוואָרפֿן אַ קורצן „קום, וועלן מיר גיין" און מיר האָבן זיך אין צווייען געלאָזט אין וועג אַרײַן. מיר זענען אָפּגעגאַנגען אַזוי אַ שיינע פּאָר שעה מיטן קרום־געדרייטן נישט אויסגעטרעטענעם טונקעלן וואַלדוועג ביז מיר זענען ענדלעך אָנגעקומען אויפֿן באַשטימטן אָרט.

כ'האָב באַמערקט אַ ריי שלאָסן ווי דאָרט אין שטאַב. בײַ איינעם אַזאַ געצעלט האָבן מיר זיך פֿאַרהאַלטן:

— וואַרט דאָ צו אויף מיר — האָט מײַן באַגלייטער מיך געלאָזט אַליין אין דרויסן — כ'קום באַלד אַרויס.

ער איז אַרײַן אין שטאַבשלאָס און נאָך אַ קורץ שטיקל צײַט איז אַנשטאָט מײַן באַגלייטער אַרויסגעקומען אַ יונגער רוס:

— דמיטריעוו הייס איך — האָט ער וואַרעם געדריקט מײַן האַנט — איך בין דער קאָמאַנדיר פֿונעם אָטריאַד.

שוין פֿון ערשטן אויגנבליק איז ער מיר געפֿעלן געוואָרן. ער האָט אויסגעזען צו זײַן אַ סימפּאַטישער מענטש. אַ נידעריקער מיט העלע אויגן האָט ער מיר חבריש געקלאַפּט אין פּלייצע און גלײַך מיך אַרײַנ־געפֿירט צו זיך אין געצעלט פֿון צווייגנגעפֿלעכט וואָס איז פֿון אויבן געווען איבערגעדעקט מיט סכך.

— ביסט דאָ אַראָפּגעפֿאַלן ווי אַ דעסאַנט פֿון הימל אַראָפּ — האָט ער גערעדט צו מיר מיט אַן אָפּנהאַרציקייט און אַ ברייטער צופֿרידענער שמייכל האָט זיך צעלייגט אויף זײַן פּנים:

— אונדזער אָטריאַד — האָט ער נאָך אַ ווײַל נאָכטראַכטן פאַרגע־זעצט — האָט נישט קיין דאָקטאָר, און יעדער מאָל, ווען מיר נייטיקן זיך אין אַ מעדיצינישער אינטערווענץ, מוזן מיר זיך ווענדן צום דאָק־טאָר אין שטאָב. און ביז ער קומט צו אונדז ווערט דער קראַנקער דער־ווײַל געזונט, אָדער ער טראָגט זיך אָפּ אויף יענער וועלט זיך נישט־דערוואַרטנדיק אויף דער הילף.

— וואַנקע! — האָט ער אַ געשריי געגעבן — ברענג פאַר אונדזער דאָקטאָר עפּעס צו עסן!

איידער וואָס־ווען האָט ער דערווײַל אַרויסגעצויגן פון שטיוול אַ פלעשל בראָנפן און מיר דערלאַנגט:

— נאַ, נעם, טרינק! — האָט ער אַ קלאַפּ געטון ס׳פלעשל אין דער האַנטפלאַך אַז ס׳קאָרקל זאָל אַרויסשפּרינגען און עס מיר דערלאַנגט — ביסט אַוודאי מיד פון וועג איז נעם ערשטנס צו זיך דאָס „פּערציקסטל״ זיך צו שטאַרקן אַ ביסל. נאָך דעם וועסטו אָפּעסן און זיך לייגן שלאָפן.

כ׳האָב געטון אַ טיפן שלוק בראָנפן. דאָס שאַרפע געטראַנק האָט מיר איצט גאָר אַנדערש געשמעקט ווי בײַ פּיעטקען כאָטש ס׳איז געווען דער זעלבער סאַמאָגאָן. אַן אײַנגענעמע וואַרעמקייט האָט מיך אַרומ־גענומען און איז זיך צעגאַנגען איבער אַלע אברים.

באַלד האָט זיך באַוויזן וואַנקע מיט אַ קאָכעדיקע קאַרטאָפל־זופּ מיט אַ שפּאַרער פּאָרציע פלייש אויפן טעלער. אויף אַזאַ סעודה האָב איך זיך אין גאַנצן נישט געריכט. אַן אויסגעהונגערטער האָב איך זיך צו־געכאַפּט און געגעסן מיט גרוים אַפּעטיט.

נאָך דעם ווי כ׳האָב געהאַט אָפּגעגעסן איז צו מיר צוגעקומען דער קאָמאַנדיר:

— דאָס איז וואַנקע, מײַן אַדיוטאַנט — האָט דער קאָמאַנדיר דמיט־ריעוו מיר אָנגעוויזן אויפן הויכן בלאָנדן פּאַרטיזאַן מיט אַ טיפּיש רוסי־שער ברייטער נאָז און ווענדנדיק זיך צו יענעם מיך פאָרגעשטעלט — דאָס איז אונדזער דאָקטאָר פון אָטריאַד — האָט ער מיט שטאָלץ אויס־געשטרעקט זײַן האַנט אין מײַן זײַט — מיר האָבן אים שוין לאַנג אויס־געקוקט און קוים זיך דערוואַרט צו האָבן אַן אייגענעם דאָקטאָר אין אָטריאַד.

וואַנקע האָט מיך גענוי באַטראַכט. ווײַזט אויס אַז כ׳האָב בײַ אים נישט צו פיל נושא חן געווען. ער האָט מיר געגעבן די האַנט און מיך באַגריסט מיט אַ קרעפּטיקן דריק אַז כ׳האָב געמיינט, ער צעברעכט מיר די פינגער און נישט ריידנדיק קיין וואָרט אונדז פאַרלאָזט.

דער קאָמאַנדיר האָט עס אַ סברה באַמערקט יענעמס שטאַרקן האַנט־דרוק און ווי נעמענדיק אים אין שוץ פאַרענטפערט:

— ער איז אַ גוטער יונג, וואַנקע, אַן אויסגעצייכנטער פּאַרטיזאַן — האָט זיך דמיטריעוו אַ ביסל געקווענקלט — יאָ, נאָר קיין ייִדן האָט ער, דעם אמת זאָגנדיק, נישט איבעריק ליב.

דער קאָמאַנדיר האָט געגעבן אַ מאַך מיט דער האַנט ווי איינער זאָגט: ווייס איך וואָס, נעם זיך נישט צו פיל איבער, נישטאָ וועגן וואָס צו רעדן... נו, איצט דערצייל, ווי אַזוי האָסטו, אייגנטלעך, צו אונדז געטראָפן?

כ'האָב זיך שוין ביסלעכווייַז געהאַט צוגעוווינט צו די אָפּגעהאַקטע רייד און קורצע זאַצן פון די פּאַרטיזאַנער. נישט אַרייַנלאָזנדיק זיך אין קיין לאַנגע געשיכטעס האָב איך אים בקיצור דערציילט ווי אַזוי כ'בין אָנגעקומען אין וואַלד און האָב שפּעטער געטראָפן צו די פּאַרטיזאַנער. אינטערעסאַנט, אַז ער האָט מיר אָנגערופן עטלעכע נעמען וואָס כ'האָב אים אַפילו נישט דערמאָנט וועגן זיי. וואָרשייַנלעך האָט דער אינפאָר־מאַציע־דינסט פון די פּאַרטיזאַנער אין וואַלד אויסגעצייכנט פונקציאָ־נירט. מ'האָט געוווּסט וועגן אַלץ וואָס ס'קומט פאָר אין וואַלד.

קאַפּיטל זעכצן

דער קאָמאַנדיר גיט אוים מיליטערישע סודות

זעט אוים אַז כ'האָב געוווּנען בײַם קאָמאַנדיר דעם פולן צוטרוי. ער האָט מיך געהייסן זיך צורוקן נענטער צו זיך און זיך אָנגערופן:

— דו ביסט דאָך שוין, זע איך, אַן אונדזעריקער, אַזוי צו זאָגן, כאָטש דו האָסט נאָך בײַ אונדז קיין פּולווער נישט געשמעקט. דאָך וועל איך דיר דערקלערן קורץ און שאַרף אונדזער טאָפּאָגראַפישע לאַגע. אַלע אונדזערע אָטריאַדן געפינען זיך נישט ווײַט איינער פון צווייטן. אונדזער נאָענטסטער שכן איז דער קיראָווסקי-אָטריאַד. דרך-אַגב האָט ער בײַ זיך אַ מישפּחה-גרופּע. אין צענטער געפינט זיך דער שטאָב פון דער פּאַנאָמאַרענקאָ-בריגאַדע פון וואַנען דו ביסט איצט געקומען. דער שטאָב קאָן זיך לײַכט פאַרבינדן מיט יעדער אָטריאַד. נאָר בלויז פון איין זײַט. הינטער אַלע אָטריאַדן ליגן אויסגעשפּרייט די בלאָטעס. דאָרט אַהין ציִען מיר זיך צוריק אין פאַל פון אַ דײַטשער אַבלאַווע. ביז איצט האָבן מיר נאָך אַזאַ גרויסע אַבלאַווע נישט געהאַט. די דײַטשן וואָלטן געמוזט אָפּציִען אַ סך זעלנער פון פראָנט בכדי אַרומצורינגלען דעם ריזיקן שטח פון דער פּושטשע וואָס ציט זיך אַוועק אויף לאַנגע צענדלינגער קילאָמעטערס. אָבער ווי ס'זאָל נישט זײַן זענען מיר אויף אַזאַ פאַל צוגעגרייט.

ער האָט מיך באַטראַכט פון אַ זײַט ווי צו זען וואָסער אײַנדרוק ס'האָבן געמאַכט אויף מיר זײַנע פּאַרטרווילעכע רייד און לסוף צוגעגעבן:

— אונדזער אָטריאַד ציילט אַן ערך הונדערט און זיבעציק פּאַרטיזאַנער. איך האָב עס דיר אַלץ אין גאַנצן אָפנהאַרציק דערקלערט כאָטש ס'איז, פאַרשטייסטו מיך, אַ מיליטערישער סוד, און פאַר אַרויסגעבן מיליטערישע סודות, ווייסטו דאָך געווים, וואָס ס'קומט דערפאַר — מיר און דיר,ביידע — אַ קויל אין קאָפּ. אָבער ווי כ'האָב געזאָגט, האַלט איך דיך שוין פאַר אַן אמתן פּאַרטיזאַן און במילא דאַרפסטו עס וויסן, ווי יעדער פון אונדז, בכדי זיך צו אָריענטירן אין געהעריקן מאָמענט און צו וויסן ווי צו האַנדלען אין אַ נויטווענדיקן פאַל.

כ'בין געווען שטאַרק גערירט פון זײַן אויפריכטיקייט און אָפנהאַר-

ציקייט; פאַר זײַן אַרויסגעוויזענעם צוטרוי צו מיר. כ'האָב אים געדאַנקט מיט אַ וואַרעמען האַנטדרוק. די פאַרהעלטענישן צווישן אונדז זענען פון דער ערשטער מינוט אָן געווען האַרציקע און חברישע און האָבן זיך אויך ווײַטער ביזן סוף נישט געענדערט:

— טאָוואַרישטש קאָמאַנדיר — האָב איך זיך אויפגעהויבן פון אָרט — אויב איר האָט נישט דאַקעגן וואָלט איך איצט געוואָלט אונטערזוכן די שווערערע קראַנקע, אַ קוק געבן ווי ס'האַלט מיט זיי.

— גוט, אַדרבא — האָט ער מיט אַ האַרציקן שמייכל מסכּים געווען — כ'האָב דיר אָבער פאַרגעסן צו זאָגן אַז אונדזער גאַנצער מעדיקאַ־מענטן־זאַפּאַס באַשטייט פון: אַספּירין, ספּירט און ריוואַנאָל, אַ דעזינ־פעקציע־מיטל. ווי דו זעסט, קען איך שוין פון אויסנווייניק ס'גאַנצע אַפּטייקל אונדזערס, אַליין וואָס מיר פאַרמאָגן צו אונדזער דיספּאָזיציע — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ טרויעריקן שמייכל — וואָס שײַך רפואות זענען מיר אין גאַנצן אומבאַהאָלפן. מיר האָבן זיי נישט פון וואַנען צו קריגן.

כ'האָב אים גאָר נישט געענטפערט דערויף, נאָר בלויז אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, ווי איינער זאָגט: מע וועט זיך שוין מוזן אָן עצה געבן מיט דעם וואָס מיר האָבן.

— איר ווייסט וואָס, דאָקטאָר — האָט ער זיך געטון אַ כאַפּ — איך וועל אײַך באַגלייטן אַהין. בײַ אונדז האָט מען ווייניק צוטרוי צו אַ פרעמדן מענטש, צו איינעם וואָס מע קען אים נאָך נישט.

מיר האָבן צוזאַמען פאַרלאָזן זײַן געצעלט און זיך געלאָזט גיין מיטן אויסגעטרעטענעם וועגל.

קאַפּיטל זיבעצן

אומצוטרוי בײַ די פּאַרטיזאַנער צו אַ ייִדישן דאָקטאָר

אויפן גאַנצן וועג האָט מיך געהאַלטן אין איין מאַטערן דער געדאַנק: נאָך וואָס האָט ער מיר דערציילט, דער קאָמאַנדיר, די אַלע פּרטים וועגן די פּאַרטיזאַנער-לאַגערם. ס׳זענען דאָך טאַקע פּאַרטרױילעכע מיליטערישע סודות. ער איז דאָך גערעכט וואָס ער זאָגט אַז דערפאַר קומט צו שיסן. וואָס זשע איז ער מיט דעם אויסן געווען? מיך שטענדיק צו האַבן אין דער האַנט? ריזיקירט ער דאָך אַליין אויך מיט זײַן קאָפּ? סתם אַזוי דערציילט מען דאָך נישט אַזעלכע זאַכן. נאָך דערצו אַ מענטש וואָס מע זעט אים ס׳ערשטע מאָל...

מיר האָבן אויסגעמיטן אין וועג צוויי געצעלטן און מיט אַ זײַטיק וועגל, אַ פּאָר צענדלינג מעטער ווײַטער זענען מיר צוגעקומען צום לאַזאַרעט-שאַלאַש. אין דרויסן פאַר אַרײַנגאַנג האָט געברענט אַ „קאָסטיאָר״, אַ מין פײַערטאָפּ, אַ שײַטער פון טרוקענע שטיקער האָלץ, כּדי די קראַנקע זאָלן אַזוי שטאַרק נישט לײַדן פון דער בײַסיקער קעלט. און ווי דער קאָמאַנדיר האָט מיר דערקלערט ווערן די טרוקענע דיקע קלעצלעך האָלץ צוגעגרייט נאָך זומערצײַט.

בײַם אַרײַנגאַנג אַהין האָט אונדז אַ שלאָג געטון אין פּנים אַרײַן אַ שווערער איבלדיקער זאַדוך פון אײַטער און שוויים. פון אַלע זײַטן האָבן זיך דערטראָגן קרעכצן, לײַכטע און שווערע, פאַרמישט מיט דרײַגאַרנדיקע רוסישע קללות. די קראַנקע זענען געלעגן אין אַנטועכץ צוגעדעקט מיט פּולשובקעס, מיט זייערע קורצע קורטקעס באַשלאָגן מיט פוטער אָדער קאַלבפעלן. אַנדערע זענען געווען אײַנגעטוליעט אין זעלנער-שינעלן. נאָר בלויז די שטיוול זענען געשטאַנען לעבן יעדער נאַרע. כ׳האָב געזען אײַנגעפאַלענע פאַרוואָקסענע פּנימער מיט ווילדצעשויבערטע פאַרקאָלטענעוואַטע האָר אויפן קאָפּ.

בײַ די צוואַנציק קראַנקע זענען געלעגן אויף די פּריטשעס אונטערגעבעט מיט שטרוי. עטלעכע האָבן זיך אויפגעזעצט און פאַרווונדערט באַטראַכט דעם אומגעריכטן גאַסט. אַנדערע ווידער האָבן זיך אַוועק-

געדרייט מיטן פּנים אויף דער אַנדערער זײַט — בייזע וואָס מע שטערט זיי זייער רו.

— זדראַסטוווּיטע, רעביאַטאַ! — האָט זיך דערהערט דעם קאָמאַנ־דיר דמיטריעווס שטימע — דאָס איז אײַער דאָקטאָר... ער וועט אײַך זיכער העלפֿן מיט וואָס ער וועט נאָר קענען...

אין שאַלאַש איז אַרײַנגעטרעטן אַ פּלוצעמדיקע אײַנגעהאַלטענע שטילקייט. פֿון אַלע זײַטן האָבן מיך באַגעגנט קאַלטע און האַרטע בליקן. אַפֿילו די וואָס האָבן זיך פֿריִער געהאַט אָפּגעקערט אין אַ זײַט האָבן איצט מיט פֿאַרוווּנדערונג און אומצוטרוי מיך לאַנג באַטראַכט.

אומזיכער און אַ ביסל צעטומלט בין איך געבליבן שטיין לעבן דמיט־ריעוון. אויף אַזאַ קבלת־פּנים האָב איך זיך אין גאַנצן נישט געריכט.

כ׳בין געווען איבערגעצײַגט אַז דמיטריעווס דערקלערונג וועט אַרויס־רופֿן בײַ זיי אַ פֿריידיקער אויפֿגערויש און דאָ גאָר — אַנשטאָט דעם וואַרעמען אויפֿהייטער — האָט מיך באַגעגנט אַ קאַלט פֿאַרביסן שווײַ־געניש. כ׳האָב פֿאַרשטאַנען אַז קיין לײַכט שטיקל אַרבעט וועל איך דאָ נישט האָבן בײַ דער חברה. נישט אַזוי גרינג וועט מיר אָנקומען צו געווינען פֿאַר זיך זייער צוטרוי:

— דערלויבט מיר, קאָמאַנדיר — האָב איך זיך אָנגענומען מיט מוט און זיך געווענדט צו דמיטריעוון — וועל איך איצט אונטערזוכן די שווערקראַנקע.

— לאַדנאָ! — האָט ער אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און אָנווײַזנדיק אויף איינעם וואָס האָט זיך געפּאָרעט בײַ די קראַנקע האָט ער צוגע־געבן — אָט דער פּאַרטיזאַן איז דאָ הײַנט צוגעטיילט ווי אַ סאַניטאַר. ער וועט דיר שוין אַלץ געבן צו פֿאַרשטיין. שפּעטער, ווען דו וועסט זיך האָבן אָפּגעפּאַרטיקט, וועסטו זיך מעלדן צו מיר.

דער „סאַניטאַר" האָט מיר דערקלערט אַז די קראַנקע זענען דאָ אײַנגעטיילט אין צוויי קאַטעגאָריעס: די שווערקראַנקע ליגן אויף לינקס, און די לײַכטערע פֿאַלן — אויף דער רעכטער זײַט.

כ׳האָב אַוועקגעשטעלט מײַן ביקס אין אַ זײַט, אַראָפּגענומען פֿון זיך דעם פּולשובאָק, זיך גוט אָפּגעוואַשן די הענט, וואָס זענען געווען פֿאַרקלעפּט מיט בלאָטע, און נאָך דעם זיי אײַנגעטונקען אין אַ קליין שיסעלע ספּירט, אָפּגעווישט זיי ריין האָב איך אַרויסגענומען מײַן סטע־טאָסקאָפּ מיט די טרײַבלעך, וואָס מ׳הערט מיט זיי אויס דעם קראַנקן.

כ׳האָב זיך מיט אים, פּונקט ווי איצט מיט דער ביקס, קיין מאָל נישט צעשיידט. אַ פּיר געטון מיטן בליק איבער די אויסגעבלייכטע פּנימער, ווי ס׳איז מײַן געוויינשאַפט, האָב איך זיך גענומען באַטראַכטן די שווע־רערע קראַנקע. די ערשטע צוויי — האָב איך גלײַך פעסטגעשטעלט — האָבן געהאַט אַ לונגען־אָנצינדונג. כ׳האָב זיי ביידע געגעבן צו איין אַס־פּירינקע, און אָנגעזאָגט דעם סאַניטאַר, ער זאָל זיי געבן צו טרינקען יעדע פּאָר שעה „קיפּיאַטאָק״, פּשוט געקאָכט וואַסער. מער ווי געזאָטן וואַסער האָב איך נישט געהאַט זיי וואָס צו געבן.

קאַפּיטל אַכצן

אַ כירורגישע אינטערווענץ מיט אַ קיכמעסער

כ'בין אַזוי געגאַנגען פון קויקע צו קויקע, פון נאָרע צו נאָרע און ס'האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט אַ טרויעריק בילד פון אומבאַהאָלפענע לײַדנדיקע מענטשן וואָס ווייסן נישט פון וואַנען ס'וועט צו זיי קומען די הילף — אויסזיכטלאָז, פאַרצווייפלט און פאַרגלײַכגילטיקט.

בײַ איינעם פון די ווײַטערדיקע קראַנקע האָב איך אַנטדעקט אַ גרויסן געשוויר אין זייער אַ געפערלעכער זאָנע — צווישן נאָז און שטערן. דער קראַנקער, אַ יונגער רוס מיט טיף־אײַנגעפאַלענע באַקן האָט זיכער געליטן שטאַרקע ווייטיקן. נאָך זײַנע רייד ציט זיך שוין די געשיכטע אַריבער אַ וואָך צײַט. מיר איז קלאָר געוואָרן אַז די מכּה קאָן ברענגען מיט זיך אַן אַלגעמיינע פאַרגיפטונג איבערן גאַנצן קערפּער. ס'קען אויך זײַן אַז ער האָט שוין די פאַרגיפטונג אין בלוט. דער הויכער פיבער פונעם חולה האָט נאָר באַפעסטיקט מײַן מיינונג אַז דער געשוויר מוז ווי צום גיכסטן געעפנט ווערן. אין די באַדינגונגען אָבער האָט אַזאַ געדאַנק זיך געגרענעצט מיט משוגעת: אָן די מינדסטע היגיענישע אײַנריכטונגען, ווי אַזוי? מיט וואָס?

כ'האָב אָבער אויך געוווּסט אַז פאַר מיר וועט עס זײַן אַ פּײַערפּרוּוו. אויב וועט זיך מיר נישט אײַנגעבן צו ראַטעווען דעם קראַנקן, האָב איך שוין פון אָנהייב אָן פאַרלוירן אין אָטריאַד דעם צוטרוי צו זיך ווי אַ דאָקטאָר און כ'האָב שוין דאָ מער גאָר נישט וואָס צו טון, ווי נאָר זיך צו פּאַקן ס'פּעקל און זיך אָפּטראָגן פון דאַנען אָן אַ גוטן טאָג. חוץ דעם בין איך געווען מיד און דערשעפּט פונעם שלעפּן זיך אין וועג, און כ'בין גאָר נישט זיכער צי מײַנע געשפּאַנטע נערוון וועלן עס אויסהאַלטן. דאָך האָב איך זיך אַנטשלאָסן אויפן דאָזיקן סכּנהדיקן שריט. כ'האָב געגעבן אַ כאַפּ און אַרויפגעוואָרפן אויף זיך מײַן פּולשובאָק און אַ צעשטרײַטער פאַרגעסן צו נעמען מיט זיך מײַן ביקס, וואָס דאָס האָט געהערט צו די וויכטיקסטע פאַרשריפטן פאַר אַ פּאַרטיזאַנער, אַז נאָר דער טויט קאָן אים צעשיידן פון זײַן געווער. דער נישט־געשריבענער געזעץ איז געווען גילטיק ווי אַן אַלגעמיין־באַקאַנטער כּלל, אַז צוויי

זאָכן טאָר אַ פּאַרטיזאַן נישט פאַרגעסן: זײַן לעפל מיט וואָס צו עסן און זײַן ביקס מיט וואָס צו שיסן.

מיט איין אָטעם בין איך אַוועק צום קאָמאַנדיר פון אָטריאַד. כ׳האָב אים אין קורצן איבערגעגעבן אין וואָס ס׳גייט, אַז ס׳איז אַ לעבן־סכּנה צו וואַרטן לענגער אַ מינוט. דער קראַנקער מוז גלײַך ווערן אָפּערירט כאָטש ס׳זענען נישטאָ די עלעמענטאַרסטע באַדינגונגען אויף דורכצופירן די כירורגישע אינטערווענץ. נאָר ווי אַ דאָקטאָר נעם איך אויף זיך די פולע אַחריות אַז אַלץ וועט אַדורך בשלום.

דער קאָמאַנדיר האָט לאַנג נישט געטראַכט און מיך בלויז געפרעגט:

— אין וואָס נייטיקסטו זיך?

— איך דאַרף אַ לאַנג מעסער מיט אַ שאַרפן שפּיץ — האָב איך אים ראַפּאָרטירט — אַ מעסער וואָס מע ניצט געוויינטלעך אין קיך, אַ גוט אָפּגעשאַרפטן, און אַ פינף־זעקס געזונטע פּאַרטיזאַנער וואָס זאָלן האַלטן דעם קראַנקן בעת דער אָפּעראַציע, און גאָר נישט מער. דאָס איז אַלץ.

— וואַנקע! — האָט דער קאָמאַנדיר דמיטריעוו אַ געשריי געטון צום אַדיוטאַנט — גיי גיך און באַזאָרג דעם דאָקטאָר דאָס מעסער מיט די פּאַרטיזאַנער.

באַלד האָט ער זיך געווענדט צו מיר און דערקלערט אַז ער וועט מיך באַגלייטן. ער קען זײַן חברה און ער האָט מורא, כ׳זאָל נישט האָבן קיין שוועריקייטן. כ׳האָב אים באַדאַנקט פאַר זײַן פולן צוטרוי וואָס ער שענקט מיר און אײַליק זיך צוריק געקערט אין קראַנקן־געצעלט.

דעם חולה האָב איך געזאָגט דעם גאַנצן אמת, אַז דער איינציקער אויסוועג, ער זאָל אַרויס מיט גאַנצע ביינער איז נאָר אַן אָפּעראַציע וואָס דאַרף דורכגעפירט ווערן שוין, טאַקע תּיכּף ומיד. פאַרשטייט זיך, אַז ס׳וועט זײַן ווייטיקלעך. אָבער קיין אַנדערע ברירה איז נישטאָ אויב ער וויל לעבן.

דער קראַנקער פּאַרטיזאַן האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ פּאָר טרויעריקע, מיט היץ־פאַרלאָפּענע בלאָע אויגן. נאָר ס׳קען זײַן אַז מײַנע גראָע האָר און מײַן רויִקע שטימע האָבן געמאַכט אויף אים אַן אײַנדרוק און אַרויסגערופן צוטרוי צו מיר. ער האָט געשוויגן, נישט געזאָגט קיין וואָרט. די אונטערשטע ליפּ האָט אים בלויז אונטערגעציטערט. כ׳האָב אים אויסגעטון, צוגעגרייט דעם ריוואָנאָל, דאָס איינציקע דעזינפעקציע־מיטל וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט און מיט אומגעדולד געוואַרט אויפן „אָפּעריר־אינסטרומענט״, דאָס צוגעזאָגטע קיכמעסער און אויף די פּאַרטיזאַנער.

די קראַנקע אויף די אָרומיקע געלעגערס האָבן באַמערקט אַז ס׳קומט

דאָ פּאָר עפּעס אויסערגעוויינטלעכס. פון אַלע זײַטן האָב איך געהערט שטימען וואָס האָבן ווײַט נישט אײַנגענעם געקלינגען אין מײַנע אויערן:

— דער יעוורעיסקי דאָקטאָר — האָט זיך עמעצער אָנגערופן אויף אַ זײַטיקער פּריטשע — וועט אונדז דאָ זיכער נישט שאַטעווען. מיר וועלן דאָ בײַ אים קיין האָניק נישט לעקן.

אינטערעסאַנט, אַז די פּאַרטיזאַנער האָבן גלײַך דערקענט אַז זיי האָבן פּאַר זיך אַ ייִד. וואָרשײַנלעך האָט דער וואַלד בײַ זיי אַנטוויקלט אויך דעם חוש פון דערשנאַפּן דעם ייִד פון אַ מײַל ווײַט:

— פאַרשטייט ער טאַקע אַ קרענק? — האָט זיך אַ צווייטער אָפּגערופן.

באַלד האָט זיך באַוויזן אין שאַלאַש דער קאָמאַנדיר דמיטריעוו און הינטער אים זענען געגאַנגען די פינף קרעפּקע יונגען.

— הער זיך צו, וואַסקע — האָט זיך דער קאָמאַנדיר געווענדט צום חולה — דאַרפסט זיך נישט שרעקן, קענסט זײַן אין גאַנצן רויִק. דו האָסט דאָ פאַר זיך אַ אַלטן דאָקטאָר מיט אַ סך דערפאַרונג. ער געניסט מײַן צוטרוי. איך האַלט עס פאַר אַ גליקלעכן צופאַל פון גורל וואָס מיר האָבן דאָ דעם דאָקטאָר בײַ אונדז אין אָטריאַד. ער וועט דיר זיכער העלפן. ער וועט דיר ראַטעווען דײַן לעבן.

דער קאָמאַנדיר דמיטריעוו האָט מיר איבערגעגעבן ס׳מעסער און אַ ווונק געטון צו די פּאַרטיזאַנער-יונגען, זיי זאָלן זיך דערנענטערן צו זײַן פּריטשע. כ׳האָב דערוויל דעזינפעקצירט ס׳מעסער מיט ספּירט און אַ צופרידענער פעסטגעשטעלט אַז ער האָט זייער אַ שאַרפן שפּיץ. כ׳האָב אים געגעבן באַטראַכט פון אַלע זײַטן, זײַן אָנגעשליפענע שאַרפקייט. ס׳איז טאַקע געווען אַ פּשוט קיכמעסער וואָס מע שיילט מיט אים קאַרטאָפל. איצט האָט ער מיר געדאַרפט דינען ווי אַן אָפּעריר-אינסטרומענט. כ׳האָב אַוועקגעשטעלט אַ גרויסע שיסל וואַסער אויף דער פּריטשע פונעם חולה און געגעבן אַן אָנווײַז די פּאַרטיזאַנער, זיי זאָלן האַלטן פעסט דעם קראַנקן אַז ער זאָל זיך נישט קאָנען קיין ריר טון, און אָנגעהויבן אויפשנײַדן די מכּה. דער קראַנקער האָט געשריגן מיט נישט קיין מענטשלעכע קולות. ס׳איז אויך נישט געווען זיך וואָס צו וווּנדערן. ער האָט געמוזט דורכגיין אוממענטשלעכע ליידן. די שיסל איז געווען פול מיט בלוט געמישט מיט אײַטער.

ענדלעך בין איך איבערגעקומען דאָס שווערע שטיקל אַרבעט פון שנײַדן אַ מענטש בײַ זײַן פולן באַוווּסטזײַן, לעבעדיקערהייט, אָן שלאָפגעטראַנק, אָן שום אײַנשלאָף-מיטלען. די כירורגישע אינטערווענץ האָט געדויערט איבער אַ שעה צײַט ביז כ׳האָב דערפילט דעם ביין און אים

אָפּגערייניקט פונעם אײַטער. מיט דעם איז מײַן אַרבעט געווען געענ־דיקט.

דער חולה איז געלעגן אין גאַנצן אַן אויסגעשעפּטער, אָנמאַכטיק. ער האָט שווער געקרעכצט פון יסורים. שוין נעבעך נישט געהאַט קיין כּוח צו שרײַען. איצט איז געשטאַנען די פראַגע צי איז אַרײַנגעטרעטן אַן אַלגעמיינע אינפעקציע, אָדער נישט. דאָס וועט מען ערשט קענען פעסטשטעלן אין די נאָענטסטע פיר און צוואַנציק שעה. אַליין אַ דער־שעפּטער, באַגאָסן מיט שוויים האָב איך זיך אַוועקגעזעצט אויף דער פּריטשע פונעם אָפּערירטן חולה.

דער קאָמאַנדיר דמיטריעוו, וואָס האָט די גאַנצע צײַט נאָכגעפאָלגט געשפּאַנט מײַן יעדער באַוועג, האָט איצט ווידער אַרויסגעשלעפּט דאָס פלעשל בראָנפן פון שטיוול. כ׳האָב געגעבן אַ לאַנגן שלוק און אים צו־ריק געגעבן ס׳פלעשל. ער האָט צוריק פאַררוקט ס׳פערציקסטל בראָנפן אין שטיוול אַרײַן און זיך געווענדט צו מיר:

— און איצט, דאָקטאָר, גיי שלאָפן. וואַנקע וועט דיך אַוועקפירן אין דײַן שלאָס.

באַלד איז וואַנקע אויסגעוואַקסן פאַר מיר ווי פון אונטער דער ערד. כ׳האָב אים עפּעס פריִער כּמעט אין גאַנצן נישט געהאַט באַמערקט אַז ער געפינט זיך דאָ אויך. כ׳האָב זיך רעכט נישט געקאָנט רירן פון אָרט. זיך קוים אויפגעהויבן און פאַרלאָזט דעם לאַזאַרעט.

אָט אַזוי איז אַדורך מײַן ערשטער טאָג, אַ שווערער טאָג פון אַ דאָקטאָר אינעם דמיטראָווסקי אָטריאַד.

קאַפּיטל נײַנצן

נקמה אין די שונאים — די פּאַן פון די פּאַרטיזאַנער

דעם קאָמאַנדירס אַדיוטאַנט, וואַנקע, האָט מיך אַרײַנגעפירט אין אַ גרעסערן געצעלט. ס'האָבן זיך דאָ געפינען אַן ערך דרײַסיק פּאַרטיזאַנער. זיי זענען געלעגן אויף זייערע פּריטשעס אינעם אָנגעטועכץ, ווי צו זײַן קאַמפּגרייט און פּאַרטיק בײַם ערשטן בעסטן אַליאַרעם-רוף. די ביקסן זענען געשטאַנען אָנגעשפּאַרט בײַ יעדן איינעמס צוקאָפּנס. ס'איז שוין געווען גוט שפּעט. אַלע זענען שוין געשלאָפן. וואַנקע האָט מיר אָנגעוויזן אויף אַ נישט-פאַרנומענער ליידיקער פּריטשע, און מיט אַ קורצן שעפּטש: „אַ גוטע נאַכט, דאָקטאָר", האָט ער זיך געלאָזט גיין אויף די שפּיץ פינגער צום אַרויסגאַנג.

כ'בין געווען אין גאַנצן אַן אויסגעשעפּטער, אַ פאַרמאַטערטער ביז לעצט און דאָך האָב איך נישט געקענט אײַנשלאָפן. פאַרשידענע געדאַנקען זענען מיר — איינער נאָכן צווייטן — געקומען אין קאָפּ אַרײַן. כ'האָב זיך אָפּגעגעבן אַ דין-וחשבון וואָס פאַר אַ שווערע אויפגאַבע ס'שטייט מיר דאָ פאָר אין וואַלד. זיך דערמאָנט אינעם לאַנגן קיכמעסער וואָס כ'האָב געסקראָבעט מיט אים אין דער אָפּענער ווונד פונעם קראַנקן רום וואָס האָט געשפּילט מיטן לעבן. כ'בין פאַקטיש געווען זײַן מלאך-הגואל, כ'האָב אים אויף כוח אַרויסגעריסן פון די נעגל פון טויט. אַזוי ליגנדיק אויפן געלעגער האָב איך באַשלאָסן נאָך מאָרגן אָנהייבן מאַכן באַמיִונגען צו אָרגאַניזירן כאָטש אַ פּרימיטיוון שפּיטאָל צו קאָנען דערפילן, זאָל זײַן מיט די מינימאַלסטע מיטלען, אויפן סאַמע עלעמענטאַרסטן אופן די פליכטן פון צוטיילן דרינגענדיקע מעדיצינישע הילף די פּאַרטיזאַנער אין וואַלד.

פאַרכאַפּט פון דאָזיקן געדאַנק בין איך אַרײַנגעפאַלן אין אַן אומרויִקן טיפן שלאָף. ס'האָט זיך מיר געחלומט אַז כ'געפין זיך אין סלאָנימער שפּיטאָל, ווו כ'האָב געאַרבעט די לעצטע צײַט פאַרן אַנטלויפן. געזען בעטן מיט ווײַסן בלישטשענדיקן בעטגעוואַנט; סאַניטאַרקעס אין ווײַסע כאַלאַטן האָבן אַרומגעפלאַטערט איבערן זאַל און באַלד האָב איך

דערזען רייען פרויען וואָס שיילן קאַרטאָפל מיט קיכמעסערס פון פאַרשידענע גרייסן, קליינע, גרעסערע און גאָר גרויסע. אַפילו דעם שטאָטישן שוחטס חלף האָט דאָ נישט געפעלט.

צו מײַן אויער איז פּלוצעם דערגאַנגען אַ האַרטע הויכע שטימע:

— פאַדנימייַסיאַ נאַראָד! ווסטאַוואַיטיע רעביאַטאַ! שטייט אויף!

כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף. פון פאַרשידענע זײַטן זענען צו מיר דערגאַנגען דרײַגאַרנדיקע קללות:

— דער זונהם זון האָט נאָך צו אַלדע טײַוול קיין מאָל נישט פאַרשפּעטיקט! — האָב איך געהערט אַ דינע שטימע.

די פּאַרטיזאַנער האָבן גיך אַרויפגעצויגן אויף זיך די שטיוול. גלײַך זענען זיי אַרויס אין דרויסן און איך נאָך זיי. דער הימל האָט אָנגעהויבן גראָען. באַלד האָבן די ערשטע בלייכע זונשטראַלן געגומען אַרײַנדרינגען דורך די געדיכטע סאָסנעס. די חברה איז צוגעפאַלן צום אײַזקאַלטן שטעכיקן שניי געריסן פון אים שטיקער און זיך אײַנגעריבן ס׳פּנים. ס׳איז געווען אַ גוט מיטל זיך צו וואַשן אַזוי מיט שניי. כ׳האָב נאָכגעפאָלגט זייער בײַשפּיל און זיך געוואַשן ס׳פּנים מיט שניי. פון קיך האָט מען דערווײַל געבערענגט אַ קעסל קיפּיאַטאָק און ברויט מיט סאַלע. כ׳האָב אויפגעגעסן מײַן פּאַרציע ברויט מיט חזיר-פעטס און בין גיך אַוועק באַזוכן דעם קראַנקנגעצעלט. כ׳האָב שוין וואָס גיכער געוואָלט וויסן וואָס ס׳מאַכט עפּעס מײַן ערשטער פּאַציענט.

— זדראַסטווויטיע רעביאַטאַ! — האָב איך זיך באַגריסט גלײַך נאָכן אַריבערטרעטן די שוועל.

פון אַלע זײַטן האָבן מיך באַגעגנט פרײַנדלעכע בליקן. דער נעכטיקער אומצוטרוי איז צעשווימען און צערינען ווי אַ רויך. הייסט עס — האָב איך בײַ זיך געטראַכט — אַז דעם קראַנקן גייט עס צום בעסערן. מײַן פּאַציענט, אַן אויסגעבלייכטער האָט מיך באַגריסט מיט אַ שמייכל. ער האָט נאָך נישט געהאַט קיין כּוח צו רעדן. כ׳האָב אָבער גלײַך באַמערקט אַז דער נעכטיקער הויכער פיבער איז אַראָפּגעפאַלן. די סכּנה פון אַן אַלגעמיינער אינפעקציע איז קלענער געוואָרן.

איצט האָב איך געהאַט צײַט דורכצופירן אַ גרינטלעכע אינספּעקציע, אונטערזוכן אַלע איבעריקע קראַנקע. לויט מײַן אויבערפלאַכלעכן אָפּשאַץ האָב איך פעסטגעשטעלט אַז מער ווי אַ העלפט פון זיי איז ווענעריש קראַנק. דער צושטאַנד פון איינעם פון די קראַנקע, וואָס כ׳האָב

אים נעכטן באַטראַכט, האָט זיך פאַרערגערט. כ'האָב אים געגעבן אַ טאָפּלטע פּאָרציע אַספּירין. מער האָב איך, לײדער, גאָר נישט געקאָנט טון פאַר אים.

אין דרויסן האָט געוואָיעט אַ שטאַרקער ווינט וואָס האָט פון צײַט צו צײַט אַרײַנגעיאָגט שטיקער שניי אין שאַלאַש אַרײַן. נישט געקוקט אויף דער וואַרעמקייט, וואָס האָט געשטראָמט פונעם קאָסטיאָר, איז אין שאַלאַש געווען גוט קאַלט. אָן אָנגעטוענער אינעם פּולשובאַק האָב איך פּשוט געציטערט פון קעלט.

די קראַנקע האָבן זיך שוין געהאַט צוגעוווינט צו די קעלטן. די בעסטע רפואה זײַערע — איז מיר דערגאַנגען צו מײַן באַוווּסטזײַן — איז די רוסישע ווידערשטאַנד־קראַפט און די פעיִקייט פונעם רוסישן מענטש זיך צוצופּאַסן צו אַלערלײ באַדינגונגען, די סאַמע שווערסטע און פּרימיטיווסטע, און אויך דער אײַזערנער געדולד זײַערער אויסצודויערן, אויסצוהאַלטן, דורכצוברעכן אַלע צוימען און שטערונגען. און דאָך איז נאָך פאַר מיר אַלץ געווען אַ רעטעניש ווי אַזוי קאָן דאָ אַזאַ שווער־קראַנקער — אָן מעדיקאַמענטן און אָן שום מעדיצינישע הילף — אויפֿשטיין פון זײַן קרענק, געזונט ווערן. נישט געקוקט אויף דעם אַלעם איז עס געווען אַ פאַקט.

די קראַנקע פּאַרטיזאַנער האָבן מיר דערציילט אַז פריִער זענען זײ געווען אין אַקטיוון דינסט אין דער רויטער אַרמײ. נאָכן ווערן אַרום־גערינגלט דורכן שונא זענען זײ שפּעטער אַנטלאָפן פון דער דײַטשער געפאַנגענשאַפט. זײ האָבן געשטאַמט פון די פאַרשידנסטע טײלן פון ראַטנפאַרבאַנד, אַפילו פון ווײַטן סיביר. די סיביריאַקעס האָבן צום ווײַ־ניקסטן געליטן פון דער קעלט:

— דאָס איז דאָך אין גאַנצן נישט קיין ווינטער! — האָבן זײ באַ־מערקט — אויך מיר אַ ווינטער! בײַ אונדז אין סיביר פילט מען די קעלט. בײַ אונדז דערגייען די פרעסט ביז איבער פערציק גראַד... „עטאָ ניע שוטקי!" דאָס איז דיר נישט קיין שפּילכל!

כ'האָב שטיל פאַרלאָזט דעם שאַלאַש און אַרויסגעגאַנגען אַ ביסל אין וואַלד אַרײַן, אָנקוקן די גאַנצע אַרומיקע סביבה, די וואַלדיקע פּאַנאָ־ראַמע. איצט האָב איך זיך געפילט ווי איינער פון זײ — אַ פּאַרטיזאַן וואָס קעמפט קעגן דײַטשן שונא אויף איין אָפּשניט, אויפן מעדיצינישן פּאָסטן וואָס איז אים געוואָרן צוגעטיילט. יעדער פּאַרטיזאַן, וואָס קומט צוריק אַ געזונטער צו זיך אין אָטריאַד אַרײַן, קומט צו מיט אים נאָך אַן

אַקטיווער קעגנער, וואָס וועט ווײַטער ברענגען נוצן דעם אַלגעמיינעם ווידערשטאַנד-פראָנט. ער וועט ווידער אויפרײַסן עשאַלאָנען, מינירן בריקן, דורכפירן סאַבאָטאַזש-אַקטן, איבערפאַלן אויפן שונאס לאַגער. ער וועט נקמה נעמען, יאָ, ער וועט נעמען נקמה פאַר די דײַטשע רציחות, פאַר מאָרדן אומשולדיקע מענטשן, פאַר אויסראָטן די ציווילע באַפעלקערונג. די פלאַטערנדיקע פאָן פון די פאַרטיזאַנער אין קאַמף איז געווען — נקמה, נקמה פאַרן אומברענגען אַ פאָלק, נקמה פאַרן דערנידעריקן דעם מענטש, פאַר אַלע מערדערײַען, פאַר די מאַסן-גריבער, פאַר די עקזעקוציעס איבער גרויס און קליין, יונג און אַלט. דער געדאַנק פון נקמה האָט מיך באַגלייט אַלע מײַנע פאַרטיזאַנער-יאָרן און פון אים האָב איך געשעפּט ווילנקראַפט צו לעבן.

קאַפּיטל צוואַנציק

אַ פּאַרטיזאַנער־שפּיטאָל געבויט אויף די זומפּן

כ׳האָב געוווּסט דעם פּאַראָל פון אַטריאַד און אומעטום, ווו כ׳בין געגאַנגען, האָבן מיך די וואַכפּאָסטנס פריַי דורכגעלאָזן. כ׳בין שוין געהאַט אָפּגעגאַנגען אַ שפּאָר שטיקל וועג. דער וואַלד איז דאָ געוואָרן שיטערער און באַלד האָב איך פון דער וויַיטנס באַמערקט אַ גרויסן שטח באַדעקט מיט בלאָטעס, אַ שיטערע זומפּיקע געגנט. דאָס זענען געווען, האָב איך זיך משער געווען, די זומפּן וואָס דער קאָמאַנדיר פון אַטריאַד האָט מיר דערציילט וועגן זיי. כ׳האָב גענוי באַטראַכט די געגנט. צווישן די געדיכטע בלאָטעס האָט זיך אויף איין אָרט געבילדעט אַ מין אינדזל. פּלוצעם איז מיר איַינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז דאָ וואָלט מען געקאָנט אויפשטעלן אַ זעמלאַנקע אָנגעשפּאַרט אויף ברייטע הילצערנע בעלקעס — אַן אידעאַל אָרט אויף אַ שפּיטאָל טיף אין הינטערלאַנד פון די וועלדער. ערשטנס וואָלט אין אַזאַ זעמלאַנקע געווען אַ סך וואַרעמער, ווי אין אַ שאַלאַס. צווייטנס, וועלן די קראַנקע זיַין איזאָלירט פון די איבעריקע פּאַרטיזאַנער. אויך פּסיכאָלאָגיש וועט זיך עס זיכער אויסווירקן בעסער אויפן קעמפערישן גיַיסט פון אַטריאַד און דריטנס, אין פאַל פון אַ דיַיטשן אָנגריף וועט זיַין אַ סך לייַכטער איבערטראַנספּאָרטירן די קראַנקע נאָך וויַיטער אין די בלאָטעס. דער געדאַנק האָט מיך אַזוי פאַסצינירט אַז כ׳האָב באַשלאָסן גליַיך אויפצוזוכן דעם קאָמאַנדיר דמיטריעוו און אים פאָרשלאָגן דעם פּלאַן.

דמיטריעוו האָט מיך באַגריסט מיט אַ פריַינדלעכן „זדראַסטוואויטיע טאָוואַרישטש דאָקטאָר!״ — ער האָט שוין געוווּסט אַז דעם קראַנקן, וואָס כ׳האָב נעכטן דורכגעפירט איבער אים אַזאַ געוואַגטע ריזיקאַלישע אָפּעראַציע, גייט שוין צום בעסערן. ער פילט זיך שוין גוט.

— דו האָסט נישט געהאַט נעכטן קיין לייַכט שטיקל אַרבעט — האָט ער זיך פריַינדלעך געווענדט צו מיר — ס׳איז אַן אמת גליק פאַר אונדז וואָס מ׳האָט דיך דאָ אַהער געשיקט, צו אונדז אין אַטריאַד אַריַין.

כ׳האָב אים געזאָגט דעם אמת, אַז די סכּנה איז נאָך נישט אין גאַנצן אַריבער. אָבער כ׳גלייב אַז מע וועט אים שוין אַרויסשלעפּן פון דער צרה:

— איצט קום איך וועגן אַ גאַנץ אַנדערן ענין.

— נו, זאָג, אַדרבא, לאָמיך הערן, וו׳טשאָם דיעלאָ? וועגן וואָס גייט עס דיר?

כ׳האָב אים דערקלערט געגוי מײַן גאַנצן פּלאַן וועגן אַוועקשטעלן אַ שפּיטאָל אויף פּעסטע יסודות הגם ער וועט זיך געפינען ווי אויפן וואַסער, ס׳הייסט, אויף די זומפּן.

— ס׳אַ גוטער געדאַנק — האָט זיך דמיטריעוו פּאַרטראַכט — אָבער דאָס קאָן נאָר דעצידירן דער קאָמאַנדיר פון דער בריגאַדע. ווייסטו וואָס? הײַנט נאָך מיטאָג דאַרף איך זײַן אין שטאַב. כ׳וועל דיך מיט־נעמען מיט זיך און דו וועסט אים שוין אַלץ דערקלערן אין וואָס דיר גייט און ווי אַזוי דו שטעלסט זיך עס פאָר.

דעם זעלבן טאָג האָב איך באַזוכט דעם שטאַב פון דער בריגאַדע פּאָנאָמאַרענקאָ. דאָס מאָל האָט מיך דער שטאַב־קאָמאַנדיר, קאַפּיטאַן באַבקאָוו אויפגענומען אַ סך פרײַנדלעכער. וואָרשײַנלעך האָט אים שוין דער קאָמאַנדיר דמיטריעוו געהאַט דערציילט פון נעכטיקן פאַל, ווי אַזוי כ׳האָב געראַטעוועט אַ מענטשלעך לעבן. מיט קורצע ווערטער האָב איך אים איבערגעגעבן מײַן פּלאַן. ער האָט צוגערופן אַ צווייטן קאָמאַנדיר. זיי האָבן זיך בעראַטן צווישן זיך אַ לענגערע צײַט און נאָך דעם האָב איך געהערט זײַן הויכן באַס:

— לאַדנאָ! — האָט ער זיך צו מיר אָנגערופן — כ׳בין מיט דיר מסכים מיט אַלעמדינג וואָס דו לייגסט פאָר... שוין מאָרגן קענסטו אָנהייבן אָנגיין מיט דער אַרבעט. דו גיב נאָר אַכטיק אַז די זונות זאָלן נישט אָנשטעקן די אַנדערע. אונדזער חברה ווייסט זיך נישט ווי צו היטן און ס׳העלפט נישט קיין וואָרענען. נאָר דײַן „יעוורעיסקי קעפּעלע״ וועט שוין עפּעס אויסקלערן ווי אַזוי צו לעשן די שריפה צו די ווײַבער אַז ס׳ווענערישע פײַער זאָל נישט אַרומכאַפּן די גאַנצע בריגאַדע...

מיט אַ קורצן שאָקל מיטן קאָפּ האָט מיך דער שטאַב־קאָמאַנדיר אָפּ־געלאָזן. קיין צו גרויסער אוהב־ישראל, זעט אויס, איז ער נישט געווען. אָבער ווי אַ קאָמאַנדיר — האָב איך געטראַכט בײַ זיך — האָט ער זיכער געטויגט. זײַן פּנים האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ געמיש פון אַזיאַטיש־אייראָפּעיִשע שטריכן וואָס האָבן באַוויזן אינטעליגענץ און אַנטשלאָסנ־קייט. נישט איין מאָל האָב איך שפּעטער געהאַט די געלעגנהייט זיך איבערצוצײַגן אין דעם, אַז נישט צופעליק געפינט ער זיך אויפן הויכן אַמט פון שטאַב־קאָמאַנדאַנט.

גלײַך צו מאָרגנס אין דער פרי האָט מיר דמיטריעוו צוגעטיילט אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער וואָס האָבן, לויט מײַנע אָנווײַזונגען, גענומען צו־

גרייטן דעם פּלאַץ פאַר דער זעמלאַנקע. כ'האָב באַוווּנדערט די פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן געאַרבעט מיט די סאַמע פּרימיטיוווסטע מיטלען און מכשירים און אין פאַרלויף פון עטלעכע טעג האָבן זיי אויפגעשטעלט די זעמלאַנקע וואָס האָט זיך געהאַלטן אַן אַנגעשפּאַרטע אויף גרויסע הילצערנע בלאָקן — פעסט אַ מויער. פּראָפעסיאָנעלע אינזשיניערן וואָלטן עס נישט געווען געמאַכט בעסער. ווידער האָב איך געהאַט אַ געלעגנהייט זיך איבערצוצייַגן אין די אויסערגעוויינטלעכע פעיִקייטן וואָס די רוסן באַזיצן.

— נו, שטאָ, טאָוואַרישטש דאָקטאָר — האָב איך פון אַלע זייַטן געהערט צופרידענע שטימען פון די קראַנקע — הייַנט טראָגט מען אונדז איבער אין אַ ריכטיקן שפּיטאָל...

זיי האָבן מיך באַטראַכט מיט באַוווּנדערונג פאַר מייַנע איינפאַלן און אויפטוען און בשום-אופן נישט געקענט פאַרשטיין וואָסער איבערקערעניש ס'האָט דאָ געמאַכט דער יעווּרעיסקי דאָקטאָר אין די געציילטע עטלעכע טעג וואָס ער געפינט זיך דאָ אין אָטריאַד...

— צו דעם איז נאָר פעיִק אַ יעווּרעיסקי קאָפּ! — האָב איך געהערט ווי איינער זאָגט צום צווייטן.

איצט האָב איך זיך אויפן דאָזיקן אינדזל געפילט ווי אין אַן אייגענער מלוכה. אין דער זעמלאַנקע איז געווען וואַרעם און ריין. די קראַנקע האָבן זיך איצט גאָר אַנדערש געפילט ווייסנדיק אַז זיי האָבן איבער זיך די פסדרדיקע אויפזיכט פון אַ סטאַבילן דאָקטאָר.

אויך וואַסקע, דער אָפּערירטער קראַנקער איז ביסלעכווייַז געקומען צו זיך. זייַן יונגער געזונטער אָרגאַניזם האָט געווירקט ווי דער בעסטער אַנטיביאָטיק. נאָך אַ וואָך צייַט רעקאָנוואַלעסצענץ האָט ער אַן אויסגעהיילטער פאַרלאָזט דעם שפּיטאָל. בלויז אַ דיקער שראַם, וואָס האָט זיך געצויגן פון נאָז לענגוים דעם שטערן, איז אים געבליבן ווי אַ זכר פונעם קיכמעסער וואָס כ'האָב מיט אים אָפּערירט דעם קראַנקן. וואַסקע האָט מיר האַרציק געדריקט די האַנט און אויפן הויכן קול זיך געווענדט צו זייַנע חברים פּאַרטיזאַנער:

— חברה — האָט ער זיי פייַערלעך דערקלערט — זייַט וויסן, אַז דאָס האָט אונדזער דאָקטאָר מיר געראַטעוועט דאָס לעבן. ווען נישט ער וואָלט איך שוין איצט שפּאַצירט אויף יענער וועלט.

כ'האָב אים פריינדלעך אַ קלאַפּ געטון אין פּלייצע און געווונטשן:

— מער זאָלן מיר זיך דאָ מיט אייַך נישט טרעפן.

קאַפּיטל איין און צוואַנציק

זאָרג פֿאַרן היגיענישן לעבן אין וואַלד

איצט איז דער שפּיטאָל אַרײַנגעטרעטן אין דער סטאַדיע פֿון פֿאַר־העלטענישמעסיק נאָרמאַלער אַרבעט מיט טאָג־טעגלעכע זאָרגן, אַנשטרענגונגען, אויפֿגאַבעס און פּראָבלעמען. די סאַמע ערשטע ברענענדיקסטע אויפֿגאַבע איז געווען ווי מעגלעך גיך און דעפֿיניטיוו באַקעמפֿן און לאָקאַליזירן די פּלאָג וואָס האָט אַרומגעכאַפּט גרויסע טײלן פֿון די פּאַרטיזאַנער — די אַנשטעקנדיקע ווענערישע קראַנקייטן וואָס האָבן זיך, ווי אַ מגפֿה, פֿאַרשפּרייט אין אָטריאַד. די זאַך איז נישט געווען אַזוי פּשוט ווי מע שטעלט זיך פֿאָר. אויסער די פֿרויען, וואָס האָבן געאַרבעט אין שטאַב און געהאַט געשלעכטלעכע באַציִונגען מיט די קאָמאַנדירן, זענען אויך געווען אַ סך יונגע פֿרויען און מיידלעך אין די פֿאַמיליע־גרופּעס וואָס האָבן געלעבט מיט די פּאַרטיזאַנער.

כ'האָב אָנגעשריבן אַ באַריכט דעם קאַפּיטאַן באָבקאָוו, דעם קאָמאַנדיר פֿון דער בריגאַדע „פּאָנאָמאַרענקאָ” און אים פֿאָרגעשלאָגן אַז מע זאָל, קודם־כּל, אונטערזוכן די פֿרויען וואָס זענען באַשעפֿטיקט אין שטאַב און נאָך דעם די יונגע מיידלעך און ווײַבלעך פֿון די מישפּחה־אָטריאַדן. די קראַנקע — האָב איך ווײַטער פֿאָרגעלייגט — זאָל מען אײַנשליסן אין אַ באַזונדערער גרופּע. במילא וועט זיך מיט דער צײַט פֿאַרקלענערן די צאָל ווענעריש־קראַנקע צווישן די פּאַרטיזאַנער.

אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך באַקומען אַ באַפֿעל, כ'זאָל זיך יאָווען אין שטאַב דורכצופֿירן אַזאַ אונטערזוכונג. שפּעטער זאָל איך אויך אונטערזוכן די פֿרויען פֿון אונדזער שכנישן פֿאַמיליע־אָטריאַד. גענוי ווי ס'איז געווען פּלאַנירט אַזוי זענען דורכגעפֿירט געוואָרן די אונטערזוכונגען. ס'איז נישט אָנגעקומען אַזוי לײַכט. טייל האָבן זיך געוועלט, נישט געלאָזט אונטערזוכן. אַנדערע האָבן זיך אויסבאַהאַלטן, אַ סברה, זיך געשעמט. מ'האָט זיי געמוזט געבן צו פֿאַרשטיין אַז ס'איז אַ קרענק אַזוי ווי אַלע קרענק און ס'איז זיך נישטאָ וואָס צו שעמען. די אָנגעשטעקטע זענען תּיכּף געוואָרן איזאָלירט פֿון די איבעריקע. אין רעזול־

טאַט פון דער רייניקונג-אַקציע איז די צאָל ווענעריש-קראַנקע שטאַרק געפאַלן.

מיר איז איינגעפאַלן אַ געדאַנק אַז דער סאַמאַגאָן קאָן דינען איך דרינגענדיקע פאַלן ווי אַ באַטויב-מיטל בעת כירורגישע אינטערווענצן. כ'האָב קודם-כּל דורכגעפירט אָן ערשטן פּרוּוו, וואָס האָט געגעבן אַ גוטן עפעקט. דעמאָלט האָב איך עס שוין אָנגעהויבן באַניצן כּסדר. די קראַנקע האָבן, ווי געוויינטלעך אין אַזעלכע פאַלן, געשריגן פון יסורים. אָבער באַטויבט פון סאַמאַגאָן האָבן זיי זייערע ווייטיקן נאָך אָן אַדורכגעפירטער אָפּעראַציע שוין נישט אַזוי שטאַרק געפילט.

כ'האָב צוגעגרייט אַ גרעסערן קוואַנטום סאַמאַגאָן וואָס כ'האָב אָנגעהויבן באַניצן ווי אַ פּערמאַנענט באַטויב-מיטל ביי יעדער כירורגישער אינטערווענץ.

דער קאָמאַנדיר דמיטריעוו האָט מיר מיט דער צייט אויך איבערגעטראָגן דעם קאָנטראָל איבער די שפּייזפּראָדוקטן פון אָטריאַד. ווינטערצייט פלעגט מען צוגרייטן סאַלע אויפן גאַנצן זומער. דער פאַרגרייט פונעם חזיר-פעטס איז באַשטאַנען אין דעם וואָס מ'האָט די איינגעזאַלצענע שטיקער סאַלע באַגראָבן אין דער ערד וואָס האָט געדינט ווי אַן אייזקאַסטן. דאָס פעטס האָט זיך גוט קאָנסערווירט אין דער ערד. שפּעטער האָט מען געדאַרפט קאָנטראָלירן צי ס'חזיר-פעטס איז נישט קאַליע געוואָרן. ס'איז געווען פאַרבונדן מיט אַ גרויסער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פונעם ממונה איבער די שפּייזפּראָדוקטן, וואָס האָט באַדאַרפט זאָרגן פאַר דער פרישקייט און ריינקייט פון די שפּייזמיטלען, פאַר דער היגיענע פונקט ווי פאַרן אַלגעמיינעם געזונט-צושטאַנד פון די פאַרטיזאַנער אין וואַלד.

קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

קעמפן ביז לעצטן טראָפּן בלוט!

אויף מײַן אינדזל האָב איך זיך אָנגעהויבן פילן היימיש און גוט, פרײַ און אומאָפּהענגיק פון עמעצנס אַ קאַפּריז, אָן אַן אַרײַנמיש פון אַ לאַיקער וואָס טרעפט מיט אַ פינגער אין הימל, אויף וואָס יעדער דאָקטאָר איז איבעריקנס עמפינדלעך און פאַרטראָגט נישט די אומקאָמפּעטענץ וואָס וויל אים זאָגן דעות. כ׳האָב זיך דאָ געפילט אַט אַזוי ווי אַ הויפּט־דאָקטאָר דאַרף זיך פילן אין אַ שפּיטאָל, און נישט זײַן ווי אַ פינפטער ראָד צום וואָגן, אַ צוטשעפּעניש, אויף דער לאַסקע פון עפּעס אַן אַל־מאַכטיקן באַלעבאָס אין וועמענס הענט ס׳דאַרף זיך געפינען מײַן גורל און לעבן.

זעלטן ווען, אין אויסנעמלעכע דרינגענדיקע פאַלן האָב איך פאַרלאָזט מײַן אינדזלדיקע מלוכה אויף די זומפּן. כ׳האָב זיך אָבער אין ערגעץ נישט געפינען קיין אָרט, און שוין געוואָלט וואָס גיכער זײַן צוריק אין מײַן שפּיטאָל, בײַ די קראַנקע וואָס דענערווירן זיך און פאַרלירן די אייגענע זיכערקייט און קוקן שוין אויס די מינוט אַז כ׳זאָל זיך צוריק קערן צו זיי אין שפּיטאָל.

מײַן נאָרע אין שפּיטעלכל האָב איך מיט אַ פאָרהאַנג אָפּגעטיילט פון אַלע איבעריקע פּריטשעס פון די קראַנקע. בײַם פּראָוויזאָרישן פּאַראַוואַן האָב איך אַוועקגעשטעלט אַ קליין הילצערן שענקל וואָס כ׳האָב דערין געהאַלטן די מעדיקאַמענטן, מישטיינס געזאָגט, און מײַן אינסטרומענטאַל, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ פּאָר פּינצעטן, שערעלעך און מעסערס פון פאַרשידענע גרייסן. אויפן אייבערשטן פאַכל איז באַזונדער געלעגן דער גרויסער קיכמעסער מיטן לאַנגן שפּיץ. דאָס איז געווען מײַן וויכטיקסטער אָפּעראַציע־אינסטרומענט בײַ דער אַרבעט.

אין מײַן פרײַער צײַט פלעג איך זיי רייניקן, די אינסטרומענטן, רײַבן און פוצן אַז זיי האָבן שטענדיק געבלישטשעט ווי נײַע.

אַז ס׳פלעגט אַרײַנקומען אַ נײַער חולה אין שפּיטאָל אַרײַן האָבן אים די קראַנקע אָנגעוויזן אויפן שטענדיק פאַרצויגענעם פאָרהאַנג און צוגעגעבן מיט שפּאָס:

— דאָס איז אונדזער דאָקטאָרס „קאַבינעט".

אַפּט פּלעגט מיך דאָ קומען באַזוכן דער קאָמאַנדיר דמיטריעוו. ער האָט מיר דערציילט נײַעס פון פראָנט, פון סטאַלינגראַד, ווו די דײַטשן האָבן געליטן זייער היסטאָרישע מפּלה. כ'האָב געשלינגען יעדער וואָרט זײַנס. מ'איז דאָך דאָ אויפן אינדזל געווען ווי אָפּגעשניטן פון דער אַרומיקער וועלט און די נײַגעריקייט צו וויסן וואָס ס'טוט זיך אויף די פראָנטן איז געווען אין־לשער.

— איר ווייסט, דאָקטאָר — פלעגט מיר דער קאָמאַנדיר אַפּט זאָגן — איך בין זיכער אַז כ'וועל נאָך קומען אַהיים צו זיך קיין קיִעוו. איך ווייס נישט צי ס'האָט זיך וועמער פון מײַן פאַרצווײַגטער מישפּחה געראַטעוועט פון די דײַטשע מערדאָוצעס. כ'האָב דאָרט געלאָזט מײַן פרוי, אונדזער קליין טעכטערל... ווער ווייס?

ערשט איצט האָב איך זיך דערוווּסט נענטערע פּרטים פון זײַן פּריוואַטן לעבן. ער איז געווען אַ לייטענאַנט אין אַקטיוון דינסט אין דער רויטער אַרמיי. נישט לאַנג פאַרן אויסברוך פון דער מילחמה האָט ער געדאַרפט אַרײַנטרעטן אין דער אַקאַדעמיע פאַר העכערע אָפיצירן. דער צווייטער וועלטקריג האָט איבערגעקרייצט אַלע פּלענער, אַלץ צעדרייט און צעשטערט. זײַן אַרמייטייל איז אַרײַנגעפאַלן צום שונא אין געפאַנגענשאַפט. קוים מיטן לעבן איז אים געלונגען צו אַנטלויפן אין וואַלד אַרײַן און דאָ האָט ער צונויפגעשטוקעוועט אַ קליינע קאַמפגרופּע וואָס האָט זיך שפּעטער אָנגעשלאָסן אין דער פּאַנאָמאַרענקאָ־בריגאַדע.

זיכער האָט יעדער פּאַרטיזאַן געהאַט ערגעץ ווו אַ פאַמיליע אין רוסלאַנד. אייגענע, היימישע און נאָענטע. נאָר זעלטן האָט וועמער גערעדט פון זיי. די פּאַרטיזאַנער האָבן זיך פּשוט נישט געוואָלט אַרײַנלאָזן אין קיין טרויעריקע געדאַנקען וועגן דעם גורל וואָס ס'האָט געקענט טרעפן, צי ס'האָט געטראָפן זייערע נאָענטסטע. נישט טראַכטן וועגן דעם אַלעם, איז געווען זייער דעוויז, נישט זאָרגן און נישט גריבלען זיך אין די ווונדן, נישט פון די אייגענע, די נאָענטע און נישט פון די אַלע איבעריקע אַרום. דער אַלף־בית פון די פּאַרטיזאַנער, זייער הויפּטלאָזונג אומעטום, ווו זיי האָבן זיך געפינען, איז געווען:

— קעמפן, קעמפן ביזן לעצטן טראָפּן בלוט!

קאַפּיטל דריי און צוואַנציק

קריגגעריכט איבער אַ ייִדישן פּאַרטיזאַן

אין אַ פרימאָרגן האָט מיר דמיטריעוו געבראַכט אַ שריפטלעכן באַפעל פון שטאַב. ס'האָט זיך אין אים געזאָגט אַז איך בין באַפולמאַכטיקט צו באַשטימען ווער ס'איז בכּוח און ווער ס'קאָן נישט אויספירן שלאַכט-אַקציעס; ווער ס'איז קאַמפּפעיִק און ווער — נאָך נישט; וועגן יעדערנס גוטן אָדער שלעכטן געזונט-מצב; ווען מע דאַרף איבערטראָגן אויף אַנדערע פּאָזיציעס. ווײַזט אויס, אַז אין שטאַב איז מײַן אָנזען און צוטרוי סאָליד געוואַקסן. באַלד האָט זיך עס טאַקע באַשטעטיקט דורך אַ צווייטן פאַל: מיט וואַנקען, דמיטריעווס אַדיוטאַנט, האָט מיר דער קאָמאַנדיר צו וויסן געגעבן אַז מאָרגן פרי דאַרפן מיר זיך ביידע מעלדן אין שטאַב. ס'קומט פאָר אַ קריגגעריכט איבער אַ פּאַרטיזאַן. כ'האָב נישט פאַרשטאַנען וואָסער שײַכות האָב איך מיט אַ שטאַנדגעריכט. אָבער פאַרפאַלן. אַז מע רופט מוז מען זיך צושטעלן. באַפעל איז — באַפעל. צו מאָרגנס האָבן מיר זיך ביידע — דמיטריעוו און איך — געמאָלדן אין שטאַב.

בײַ אַ לאַנגן טיש זענען שוין געזעסן די קאָמאַנדירן פון פאַרשידענע אָטריאַדן בראָש מיטן קאָמאַנדיר פון דער בריגאַדע. באַבקאָוו, וואָס האָט מיך פרײַנדלעך באַגריסט, האָט געבעטן, כ'זאָל זיך זעצן. און אָט וואָס ער האָט מיר דערקלערט: היות ווי ס'האַנדלט זיך וועגן אַ יונגן ייִדישן פּאַרטיזאַן, וואָלט ער געוואָלט אַז איך זאָל אויך זײַן בײַ דער פאַרהאַנדלונג. באַלד האָבן צוויי באַוואָפנטע פּאַרטיזאַנער אַרײַנגעפירט אַ ייִדישן בחור פון אַ יאָר אַכצן מיט אַ ייִדיש-חנעוודיק פּנים. מיט זײַנע מילדבלאָע אויגן האָט ער רויִק אָנגעקוקט די פאַרזאַמלטע קאָמאַנדירן. גלײַך איז אים געשטעלט געוואָרן די ערשטע פראַגע:

— פאַר וואָס האָסטו נישט אויסגעפירט דעם באַפעל פון דײַן קאָמאַנדיר און נישט געשאָסן אויפן שונא?

דאָס האָט אים באַבקאָוו אַ פרעג געטון מיט זײַן הויכן באַס.

דאָס יונגע בחורל האָט זיך נישט פאַרלוירן און זאַכלעך דערקלערט:

— כ'האָב באַקומען אַן אַלטע ביקס, וואָס האָט נישט פונקטירט, מיט פופצן פאַרזשאַווערטע קוילן — האָט ער געענטפערט מיט אַן אין זיך זיכערער שטימע — און בעתן צוזאַמענשטוים האָב איך בכלל קיין דײַטשן נישט געזען.

דעם יונגן בחורס נישט דענערווירן זיך און רויִקן קלאָרן ענטפער האָט, וואָרשײַנלעך, געמאַכט אַן אײַנדרוק אויף באַבקאָוון.

— נישט וויכטיק צי דו זעסט דעם שונא צי נישט — האָט דער קאָמאַנדיר ממשיך געווען — אין אַזעלכע פאַלן דאַרף מען שיסן... מע צעטומלט אַזוי אַרום דעם שונא און דאָס איז זייער וויכטיק...

— וואָס זאָגט איר, טאָוואַרישטש דאָקטאָר? — האָט זיך באַבקאָוו צו מיר געווענדעט — ווי איז אײַער מיינונג?

— איך בין נישט באַהאַוונט אין מיליטערישע ענינים, טאָוואַרישטש קאָמאַנדיר, אָבער כ'בין זיכער — האָב איך צוגעגעבן — אַז ס'וועט פון אים זײַן אַ גוטער פּאַרטיזאַן.

— לאַדנאָ! — האָט באַבקאָוו אַ מאַך געטון מיט דער האַנט צו די בײַזיצנדיקע פּאַרטיזאַנער־קאָמאַנדירן — גיט אים אַ גוטע ביקס און זאָל אים דמיטריעוו נעמען צו זיך אין אָטריאַד.

יאָ, ס'וואָלט געווען אַן אמתע איראָניע פון גורל: זיך ראַטעווען, ווי דורך אַ נס, פון די דײַטשישע רוצחים, אָנקומען אין אַ פּאַרטיזאַנער־אָט־ריאַד, אַנטייל נעמען אין דער ערשטער אַקציע קעגן דײַטשן שונא און ווערן דערשאָסן דורך די פּאַרטיזאַנער גופא פאַר פאַרראַט לטובת די דײַטשן.

ליידער געהערט עס צו די טרויעריקע קאַפּיטלעך פון דער געשיכטע פון די יידישע פּאַרטיזאַנער. כ'וועל זיך דאָ געגוי נישט אָפּשטעלן אויף דעם. ס'איז נישט געווען קיין איינצלנער פאַל. און ס'איז שוין אַ סך געשריבן געוואָרן וועגן אַזעלכע טראַגישע טעותים, אָדער בכיוונדיקע אינ־סינואַציעס קעגן די יידישע פּאַרטיזאַנער.

אויפן וועג צו אונדזער אָטריאַד האָט מיר לאָלעק, אַזוי האָט ער געהייסן, דער שיִער נישט פאַרמישפּטער יונגער יידישער פּאַרטיזאַן, דערציילט זײַנע איבערלעבענישן. אַ געשיכטע וואָס איז ענלעך צו הונ־דערט אַנדערע. אים און זײַן מיידל איז אין לעצטן מאָמענט, ערב דער מאַסן־שחיטה אין זייער שטעטל, געלונגען צו אַנטלויפן אין וואַלד. דאָ

האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף די פּאַרטיזאַנער וואָס האָבן אים אויפֿ־גענומען צו זיך אין אָטריאַד.

לאָלעק איז מיר פֿון ערשטן מאָמענט געווען סימפּאַטיש. זײַן רויִק פֿאַרהאַלטן זיך מיט ישוב־הדעת, ווי אַ דערוואַקסענער, מיט אַן אינער־לעכער זיכערקייט פֿאַרן פּאַרטיזאַנער־געריכט, האָט אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקן אײַנדרוק. און באַלד האָט זיך צווישן אונדז פֿאַרבונדן אַ טיפֿע פֿרײַנדשאַפֿט, אַ פֿרײַנדשאַפֿט וואָס ס׳האָט אין איר אויך נישט גע־פֿעלט קיין טיפֿע דראַמאַטישע מאָמענטן און סצענעס. אָבער דאָס איז שוין געשען אַ סך שפּעטער.

קאַפּיטל פיר און צוואַנציק

אַ היילמיטל פון געוויקסן וואָס באַוויַיזט וווּנדער

די פּאַרטיזאַנער האָבן נישט געטווישט זייער אַנטוועכץ און אויך זעלטן ווען געביטן זייער אונטערוועש וואָס איז אַזוי אויך געווען בצימצום. די פאַרשוויצטע הויט, באַדעקט מיט שמוץ, פלעגט זיי דערייבער בייַסן און דערקוטשען, דערגיין זיי די יאָרן און אַז זיי האָבן זיך נישט געקאָנט באַהערשן און זיך געקראַצט אָפּט ביז בלוט, פלעגן זיך בילדן ווּנדן אויף זייער הויט.

אָפּט פלעגט מען ברענגען צו מיר אין שפּיטאָל אַריַין פּאַרטיזאַנער מיט קערפּערס באַדעקטע מיט גרויסע אינפעקטיווע געשווירן און ווּנדן — צעשיילט און צעקראַצט. פאַרשטייט זיך, אַז ס׳שטאַרבן פון דעם האָט מען נישט געקאָנט. די קראַנקע אָבער האָבן דערפון שטאַרק געליטן יסורים. זיי האָבן נישט געקאָנט צוטון קיין אויג און וויַיטער זיך געהאַלטן אין איין קראַצן.

כ׳האָב זיך דערמאָנט אַז קליינערהייט, ווען כ׳בין נאָך געווען אַ קינד, האָב איך זומער פאַרבראַכט אין אַ דאָרף, ווו אונדזערע קרובים האָבן געהאַט אַ מיל. די פויערטעס פון דאָרף האָבן געפלעגט היילן די „קראַפּיווע” — אַזוי האָבן זיי אָנגערופן דאָס שטענדיקע הויט-בייַסעניש — מיט בלעטער פון אַ געוויקס אין וואַלד. נישט-וויסנדיק וואָסער געוויקס, האָב איך אָנגעקליבן אין וואַלד בלעטער פון פאַרשידענע געוויקסן און געמאַכט פון זיי אַ בריַי און אויסגעפּרוווט עס אויף די קראַנקע. דורך אַ גליקלעכן צופאַל האָב איך אָנגעטראָפן אויף אַזאַ מין געוויקס וואָס האָט ממש באַוויזן ווּנדער.

נאָך אַ וועכנטלעכער באַהאַנדלונג פון דאָזיקן בריַי איז די בייַסעניש פאַרשוווּנדן צוזאַמען מיט די אָנגעצויגענע ווּנדן. מיַין זאַפּאַס מעדיקאַמענטן איז באַריַיכערט געוואָרן מיט נאָך אַ זעלטענער רפואה. פון די שכנישע אָטריאַדן האָט מען אויך אָנגעהויבן בעטן ביַי מיר דאָס דאָזיקע ניַיע היילמיטל.

באָבקאָוו איז געקומען צו מיר אין שפּיטאָל אַריַין און האָט מיר אויסגעדריקט זיַין אָנערקענונג. ווי אַ דאָקטאָר בין איך געווען צווישן

די פּאַרטיזאַנער אַ מומחה און אויטאָריטעט. מע פלעגט מיך אָפט אַרויס־רופן אין שווערע פאַלן אויף קאָנסיליומס. און דמיטריעוו איז געווען באַזונדער שטאָלץ אויף מיר. אָבער אין דער זעלביקער צײַט האָט ער, גלייב איך, מורא געהאַט מע זאָל מיך נישט איבערטראָגן אין שטאַב.

**

נאָך אַ פּלאָג איז געווען וואָס די פּאַרטיזאַנער האָבן פון איר גע־ליטן, געהאַט אויסצושטיין גרויסע צרות און נישט געקאָנט דערפון פּטור ווערן. זיי זענען אַרומגעגאַנגען פאַרלײַזיקט. אָפט פלעג איך באַגעגענען פּאַרטיזאַנער פון אונדזער אָטריאַד, וואָס זייערע קעלנער זענען געווען באַלייגט און באַהאָנגען מיט גאַנצע קראַנצן אומפּליים, לײַז און פּאַראַזיטן פון די פאַרשידנסטע מינים. אין שײַן פון די זונשטראַלן האָבן זיי מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ פילפאַרביקע מאָזאַיִק. שורותווײַז פלעגן זיי אויף די העמדער בילדן עפּאָלעטן, ענלעכע צו די ווי ס׳האָבן אַמאָל גע־טראָגן בײַ אונדז די אָפיצירן.

מיר איז אײַנגעפאַלן אַ געדאַנק אָנצווּוענדן אַ פּשוט מיטל: הייסע פּאַרע. פון דער פאַרעדיקער הויכער טעמפּעראַטור וועלן זיי שוין קיין לעבעדיקע נישט אַרויסגיין. און טאַקע באַלד אויפן אָרט האָב איך גע־מאַכט דעם ערשטן פּרווו פון אַזאַ פּרימיטיווער דעזינפעקציע. כ׳האָב גע־בעטן בײַ אַ פּאַרטיזאַן זײַן פאַרלײַזיקטע העמד און עס אויפגעהאָנגען אויף אַ שטיק האָלץ איבער אַ קאָכיקן קעסל וואַסער. נאָך אַ קורץ שטיקל צײַט האָב איך אַראָפּגענומען דאָס העמד און עס גוט אויסגעשאָקלט. המרימווײַז זענען זיי אַראָפּגעפאַלן, די טויטע לײַז פונעם אויסגעפּאַרע־ווטן העמד. נאָך דעם האָט זיך אין אָטריאַד באַוויזן אַ שטענדיקער קעסל מיט קאָכעדיק וואַסער, אײַנגעהילט מיט אַ געדיכטער הויכער פּאַרע.

אונדזער אָטריאַד האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפעל אַז יעדער פּאַרטי־זאַנער איז מחויב יעדער טאָג אויסצופּאַרעווען זײַן העמד און לײַבל. דער קעסל האָט באַקומען אַ צונאָמען: „סאַנאָבראַבאָטקי״, די סאַניטאַרע באַאַרבעטונג וואָס יעדער איינער מוז דורכגיין.

די חברה פּאַרטיזאַנער האָט אויפגעלעבט. ס׳וואָלט געווען נישט פּינקטלעך צו זאָגן אַז מ׳איז פּטור געוואָרן פולשטענדיק פון דער דער־קוטשענדיקער פּלאָג, אָבער ווי אַ מאַסן־דערשײַנונג איז עס פאַרשווּנדן פון אָטריאַד, און דאָס איז געווען אַן אויסלײַז פון אַ סך אַנדערע צוטשע־פּענישן און מגפות.

קאַפּיטל פינף און צוואַנציק

אַ פּאַרטיזאַנער־גרופּע אויף אַ סאַבאָטאַזש־אַקציע

מײַן איינציקע צעשטרײַונג אין יענער צײַט איז געווען די דערציי־לונגען פון די פּאַרטיזאַנער, זייערע מעשות און איבערלעבענישן, עפּי־זאָדן און אָפּט אויסטערלישע געשיכטעס וואָס זענען דערגאַנגען צו מיר דורך דער דינער פּאָרהאַנג אין מײַנע אָפּטע אָנשלאָפיקע נעכט. אין גרעסטן טייל האָט זיך עס געהאַנדלט וועגן פרויען. פון צײַט צו צײַט פלעג איך אויך הערן פאַרשידענע פּרטים פון דורכגעפירטע קאַמף־אַק־ציעס קעגן דײַטשן שונא.

— שטעל דיר פאָר, פּיעטקע, אַזאַ געשיכטע — האָב איך איין מאָל בײַ נאַכט געהערט סאַשקעס קול.

פּיעטקע איז געלעגן אויף דער שכנישער פּריטשע. ער איז געווען אַ יונג אַ דעמב. דאַכט זיך, אַז ער האָט געשטאַמט פון טיף רוסלאַנד. סאַשקע האָט אים דערציילט:

— אונדזער גרופּע, וואָס איז באַשטאַנען פון צען פּאַרטיזאַנער, האָט באַקומען אַ באַפעל אויפצורײַסן אַ מיליטערישן עשאַלאָן אויף דער ליניע וואָס האָט געפירט צו דער שטאָט בריסק — צום פראָנט. מיר גייען אָפּ אַ צוואַנציק קילאָמעטערס און דורכגייענדיק דורכן דאָרף שידלעווע הער איך ווי מע רופט מיך שטיל מיט אַ צוגעדושעט דערפרייט קול:

— סאַשקע! סאַשקע טײַערער! קום אַרײַן!...

און שטעל זיך פאָר, איך דערזע פאַר זיך מאַרוסקען, אַ מויד אַ קראַ־סאַוויצע, בלוט און מילך, נאָר די נכפּה צו קריגן פאַר איר. זי שטייט פאַר דער כאַטע און מאַכט צו מיר מיט דער האַנט, כ׳זאָל אַרײַנגיין צו איר... כ׳האָב זי שוין אַ פּאָר מאָל באַזוכט. אָבער איצט... זי שטייט צו מיר צו:

— קום אַרײַן, סאַשקע — מאַכט זי צו מיר — זיי נישט קיין שוטה, קום... וועסט עפּעס נעמען אין מויל אַרײַן און צו טרינקען איז נאָך אויך דאָ...

— וואַרט צו — זאָג איך צו איר — כ׳קום באַלד צוריק...

איך לויף אונטער צו דער גרופּע און ווענד זיך צום עלטסטן:

— טאָווארישטש קאָמאַנדיר — זאָג איך צו אים מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם — לאָז מיך אָפּ אויף אַ שעה צײַט. כ׳קען גוט דעם וועג. כ׳וועל אײַך שוין אָניאָגן... כ׳שווער דיר ביי גאָט... כ׳וועל זיך אויסגלײַכן מיט אײַך אין וועג.

און שטעל זיך פאָר, פּיעטקע, דער סוקין־סין זאָגט מיר אָן שום אײַנזען:

— ניין! איצט גייען מיר אויף אַן אַקציע. אַצינד איז נישט די צײַט אויף אַרומצוּוואַלגערן זיך מיט ווײַבער אין די בעטן.

איך בעט זיך בײַ אים ווי אַ קינד:

— טאָווארישטש קאָמאַנדיר — שטיי איך צו אים צו — ס׳איז מײַנס אַן אַלטע באַקאַנטע... גיב מיר כאָטש אַ האַלבע שעה — פּרוּוו איך בײַ אים פּועלן, און בײַ זיך האָב איך געטראַכט: אַ האַלבע שעה מיט מאַרוסיען איז מער ווערט ווי מיט אַן אַנדערער אַ גאַנצע נאַכט.

— ניין! — האָט דער סוואָלאָטש מיר געענטפערט מיט אַ טאָן נישט אָפּצוּוועגדן — אין דער רגע ווען דו בלײַבסט דערשים איך דיך דאָ אויפן אָרט...

— אָבער — פּרוּוו איך זיך נאָך אַלץ און וויל נישט אויפגעבן דעם שאַנס — איך גיי אויף אַ קאַמף־אַקציע... ווער ווייס צי כ׳וועל קומען צוריק... זאָג, ברודערל, דו קענסט עס נישט פאַרשטיין?...

און דאָ ווינקט צו מיר מאַרוסקע פון דער ווײַטן, כ׳זאָל אים איבער־לאָזן מיט אַן אָפּן מויל און גיין מיט איר...

— אַזאַ זונהשער זון! — הער איך פּיעטקעס ענטפער וואָס ער האָט באַגלייט מיט אַ דרײַגאָרנדיקער ברכה ביזן טאַטנס טאַטן אַרײַן.

— און מיט דעם — גיט צו סאַשקע — האָט זיך פאַרענדיקט מײַן פלירט מיט דער שיינער מאַרוסיע.

ביידע פאַרטיזאַנער, וואָס האָבן זיך נישט געקאָנט שענקען דאָס עקשנות פונעם קאָמאַנדיר, זענען אײַנגעשלאָפן אויף די געלעגערס מיט אַ כראָפּערײַ, ווי געוויינטלעך, אין אַ שווערן אומרויִקן שלאָף.

אַזאַ שלאַכט־אַקציע, ווי דער סאַשקע האָט דערמאָנט, האָט טייל מאָל געקענט דויערן אַ גאַנצן חודש, און אַ טייל פלעגט שוין טאָקע נישט צוריק קומען מיט קיין גאַנצע ביינער. יעדער פאַרטיזאַן פון אַזאַ גרופּע האָט, אויף יעדן פאַל, באַקומען אין וועג אַרײַן אַ מאַנטל, פּראָוויאַנט. פאַרלאָזנדיק דעם וואַלד, האָבן די פאַרטיזאַנער געדאַרפט אויסמײַדן די דײַטשע וואַכפּאָסטנס און די אַזוי גערופענע קובאַנצעס פון וולאַסאָווס אַרמיי וואָס האָט זיך פאַררעטעריש איבערגעגעבן די דײַטשן באַלד אין די ערשטע טעג מילחמה.

די קובאַנצעס האָבן געהיט די באַנליניעס, ווײַל די קאָמוניקאַציע מיטן פֿראָנט איז פֿאַר די דײַטשן געווען לעבן־וויכטיק. אָפֿט פֿלעגן די פּאַרטיזאַנער מוזן וואַרטן אַ פּאָר וואָכן באַהאַלטענערהייט ביז מ׳האָט אָנגעזאָגט דער גרופּע אַז דער עשאַלאָן וועט באַלד דורכגיין, זיי זאָלן זײַן גרייט. דעמאָלט איז שוין געבליבן זייער ווייניק צײַט. מ׳האָט געמוזט אין גרויס אײַלעניש אונטערלייגן דעם דינאַמיט אונטער די רעלסן, פֿאַרבינדן אים מיט אַ שניר פֿון אַ הונדערט פֿופֿציק מעטער די לענג און וואַרטן אויפֿן אָנקומען פֿונעם עשאַלאָן. ווען די ערשטע וואַגאָנען מיטן לאָקאָמאָטיוו זענען דערגאַנגען צום מינירטן אָרט, האָט מען געמוזט אַ צי טון פֿאַרן שניר און ווי צום גיכסטן לויפֿן אין וואַלד אַרײַן.

דאָס קראַכן פֿון די וואַגאָנען און די ספּאָראַדישע אויפֿרײַסן פֿון אַמוניציע צונויפֿגעמישט מיט די צעשראָקענע קולות פֿון די דײַטשישע זעלנער האָבן אונדז נאָכגעיאָגט אונטערן פֿײַערווערק פֿון פֿלאַמען וואָס האָבן באַלויכטן דעם גאַנצן וועג. ווען מיר זענען שוין געווען טיף אין וואַלד, האָט מען נאָך געקאָנט זען די געדיכטע וואָלקנס קנויליקן רויך וואָס האָבן זיך געטראָגן פֿון דער באַנליניע.

אינטערעסאַנט ווי אַזוי ס׳האָט פֿונקציאָנירט דער אינפֿאָרמאַציע־דינסט בײַ די פּאַרטיזאַנער. אין נאָענטסטן כוטאָר לעבן דער באַנליניע האָט אַ פּאַרטיזאַנער געוואַרט אויף אַ ידיעה פֿון דער נאָענטסטער סטאַציע דורך וואַנען דער עשאַלאָן האָט געדאַרפֿט דורכגיין. גלײַך ווי ער פֿון דער גרופּע. מיט אָט דעם פּרימיטיוון אינפֿאָרמאַציע־מיטל זענען האָט באַקומען די מעלדונג פֿלעגט ער גיך לויפֿן אָנזאָגן דעם קאָמאַנדיר הונדערטער עשאַלאָנען, באַלאָדן מיט אַמוניציע, אויפֿגעריסן געוואָרן דורך די גוט דיסציפּלינירטע פּאַרטיזאַנער־גרופּעס און געפֿלויגן אין דער לופֿטן.

נאָך יעדער אַזאַ סאַבאָטאַזש־אַקציע פֿלעגט די גאַנצע גרופּע פֿרײַ ווערן פֿון דינסט אויף אַ וואָך צײַט. דאָס אַלץ האָב איך זיך דערוווּסט פֿון די כּלערליי דערציילונגען פֿון מײַנע קראַנקע אויף די בײַנאַכטיקע געלעגערס.

קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק

ליבע־געשיכטעס וואָס פּאַרטיזאַנער פּלעגן זיך דערציילן

אַ צווייטער באַליבטער אָביעקט פאַר פּיקאַנטע שמועסן צווישן די פּאַרטיזאַנער אין שלאָפלאָזע נעכט זענען געווען פרויען.

איך געדענק ווי קאַלקע, וואָס איז אַגב שוין נישט איין מאָל געלעגן ביי מיר אין שפּיטאָל מיט אַ גאַנגרענע־קרענק, האָט מיט זיין איינגענע־מער מעלאָדישער שטימע דערציילט זיין בעט־שכן אַן אינטערעסאַנטע געשיכטע.

זיי זענען אַ מאָל צוריק געקומען פון אַן אַדורכגעפירטער סאַבאָ־טאַזש־אַקציע און אין זייער פרייער צייט איז ער צוזאַמען מיט זיין חבר אַוועק אין אַ שכנותדיקן דאָרף מיטן געדאַנק אַז ווי שייך וועלן זיי נישט טרעפן דאָרט קיין באַקאַנטע מיידלעך.

אויפן וועג האָבן זיי אָנבאַגעגנט צוויי יונגע שיקסלעך וואָס האָבן געשלעפּט אַ שווערן זאַק קאַרטאָפל.

— זדראַסטוווּיטיע דיעווושקי — האָבן זיי זיך דערנענטערט צו די מיידלעך — גיט אונדז דעם זאַק וועלן מיר אים אייך שוין באַזאָרגן אַהיים.

ביידע שיקסלעך — שלאַנקע, געזונטע מיט לאַנגע צעפּ, איינע ענ־לעך צו דער צווייטער — האָבן אונדז אָנגעקוקט מיט פאַרווּנדערונג, ווי איינער זאָגט, פון וואַנען נעמען זיך דאָ אַהער אַזעלכע קאַוואַלירן? זיי האָבן אויסגעשאָסן מיט אַ פריילעך זאָרגלאָז געלעכטער:

— אַז איר ווילט דווקא אַזוי שטאַרק שלעפּן דעם זאַק, האָבן מיר נישט דאַקעגן, שלעפּט אים געזונטערהייט. גרינג איז עס נישט...

מיין חבר האָט גענומען דעם זאַק קאַרטאָפל און אים אַרויפגעוואָרפן אויף די פּלייצעס און אַזוי זענען מיר ווייטער געגאַנגען מיטן שמאָלן זאַמדיקן דאָרפוועג.

— איך היים נאַטאַשע — האָט זיך אָנגערופן די עלטערע נאָכן אָפּ־גיין אַ שטיקל וועג — און דאָס איז מיין שוועסטער, מאַניע. מיר וווינען נישט ווייט פון דאַנען, אַזוי אַז לאַנג וועסטו דעם זאַק נישט דאַרפן שלעפּן.

ביידע מיידלעך זענען געווען שניאַדע, טונקלהויטיקע מיט שיינע פּנימלעך און געטאָקטע פיגורלעך, כ׳זאָג דיר, שלאַנק ווי די סאָסנעס. די פעסטע בריסטן האָבן זיך באַוועגט אונטער זייערע בלוזקעס און דער ווינט האָט אַרומגעווייעט און באַוויזן זייערע גוטגעפאָרעמטע לידקעס. די שלינע האָט מיר אַזש אָנגעהויבן רינען פון מויל. מײַן חבר האָט מיר אַ שטאָרכע געגעבן, ווי איינער זאָגט: אַזאַ גליק!...

— איך הייס קאָלקע און מײַן חבר רופט מען סעריאָזשע — האָב איך זיך נאָך אַ ווײַלע פאָרגעשטעלט פאַר זיי.

זיי האָבן אונדז נייגעריק אָנגעקוקט און מער נישט געפרעגט קיין איבעריקע קשיות. אַפּנים, זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן ווער מיר זענען און פון וואַנען מיר קומען. זייער כאַטע איז טאַקע געווען נישט ווײַט און באַלד זענען מיר אָנגעקומען אַהין. די מיידלעך האָבן זיך פאַרהאַלטן:

— מיר וווינען דאָ צוזאַמען מיט אונדזער טאַטן. קיין מאַמען האָבן מיר נישט מער. מיר האָבן זיך אויסגעלערנט אַרבעטן ווי די מוזשיקעס, גלײַך ווי די מענער — האָט מיר נאַטאַשע אין צווישן דערקלערט — הײַנט איז דער טאַטע אַוועקגעפאָרן אויפן מאַרק אין שטאָט אַרײַן און ערשט מאָרגן וועט ער זײַן צוריק.

סעריאָזשעס אויגן האָבן אויפגעלויכטן און אין מיר האָט עס אויך אָנגעהויבן עפּעס קיצלען און נאָגן.

— איר זײַט זיכער הונגעריק — האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן בײַ דער קיכטיר — מיר וועלן דערווײַל צוגרייטן עפּעס צום עסן.

זיי האָבן אונדז געלאָזן אַליין. פון דער ערשטער מינוט איז מיר געפעלן געוואָרן די עלטערע, די נאַטאַשע וואָס האָט געהאַט טויזנט טעם. די צרה איז אָבער געווען וואָס אויך אים, סעריאָזשען איז זי געפעלן. וואָס זשע מאַכט מען איצט? סעריאָזשע איז געווען מײַן בעסטער חבר. פון ערשטן טאָג אָן זענען מיר צוזאַמען געווען אין אָטריאַד. און איצט זאָלן מיר זיך ביידע צוליב עפּעס דאָרט אַ מיידל ווערן איינער דעם צווייטן דם-שונאים?

— ווייסט וואָס, סעריאָזשקע — האָב איך זיך צו אים צוגעבויגן — מיר וועלן ציִען קניפּלעך. ציסטו אַרויס ס׳קניפּל געהערט זי צו דיר.

— פּראַווילנאַ! — האָט ער מסכּים געווען מיט מײַן פאָרלייג.

כ׳האָב איינס-צוויי זיך געגעבן אַ צי אַראָפּ אַ שטיוול פון פוס, אַראָפּגענומען די אָניצע און געמאַכט אַ קניפּל:

— נאַ, צי, גיך, כּל-זמן זיי זענען דאָ נאָך נישטאָ.

שטעל זיך פאָר וואָסער גליק איך האָב געהאַט. סעריאָזשקע האָט ס׳קניפּל נישט אַרויסגעצויגן.

— פאַרפאַלן! — האָט ער מיט באַדויער אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

— אָבער די שוועסטער אירע — האָב איך אים צוגעגעבן חשק — איז אויך נישט אַוועקצומאַכן מיט דער האַנט.

— אַוודאי — האָט ער בלית־ברירה געמוזט מסכּים זײַן מיט מיר.

אַ צופרידענער האָב איך געטראַכט בײַ זיך וואָס ס׳דערוואַרט מיר הײַנטיקע נאַכט.

באַלד איז אויסגעוואָקסן אויפן טיש אַ קאָכעדיקער טאָפּ קאַרטאָפל מיט סאַלע און אַ פלאַש בראַנפן:

— דאָס אַלץ איז פון אונדזער טאַטנס זאַפּאַס — האָט נאַטאַשע מיט אַ געלעכטערל גענומען גרייטן צום טיש — זאָל גאָט אָפּהיטן, ער זאָל זיך דערוויסן פון דעם...

נאָך דעם ווי מיר האָבן אָפּגעגעסן האָב איך מיט נאַטאַשען זיך אַוועקגעלייגט אויפן בעט און סעריאָזשקע מיט דער יינגערער שוועסטער זענען פאַרקראָכן אין אַ ווינקל.

— ברודערל, וואָס זאָל איך דיר זאָגן: אַזאַ נאַכט האָב איך נאָך נישט געהאַט אין מײַן לעבן.

אַ צערייצטע און צעהיצטע האָט זי זיך אויף מיר אַרויפגעוואָרפן ווי איין שטיק פײַער. מיט אירע שטאַרקע לידקעס האָט זי אַרומגענומען מײַן קערפּער ווי מיט אַ רייף, כ׳האָב קוים געקאָנט כאַפּן דעם אָטעם. דו מיינסט אפשר אַז זי האָט מיך געלאָזט אַ רגע אָפּרוען — אַ נעכטי־קער טאָג.

— איך זע אַז דו ביסט שוין פאַרמאַטערט — האָט זי מיר לײדנ־שאַפטלעך געשעפּטשעט אין אויער אַרײַן און מיך ווידער אַרײַנגענומען אין אירע פעסטע אָרעמס און צוגעדריקט צו אירע בריסטן. זי האָט אין גאַנצן געברענט פון לײדנשאַפט. כ׳האָב נאָך קיין מאָל אין מײַן לעבן נישט געהאַט אַזאַ פײַערדיקע מויד. און אַזוי האָבן מיר פאַרבראַכט אַ זעלטענע שטורמישע נאַכט.

ערשט פאַרטאָג האָב איך געכאַפּט אַ קורצן דרעמל. אין דער פרי האָבן מיר זיך האַרציק געזעגנט מיט זיי. כ׳האָב נאַטאַשען אָפּגעפּרעסט אַ הייסן קוש אויף די ליפּן און צוגעזאָגט אַז בײַ דער ערשטער געלעגנ־הייט וועלן מיר זיי ווידער באַזוכן.

כ׳האָב זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס. מיד און דערשעפּט האָבן מיר זיך צוריק געשלעפּט אין אָטריאַד אַרײַן. אין עטלעכע טעג אַרום האָט מיך סעריאָזשקע געפרעגט מיט אַ פאַרזאָרגט קול:

— קאָלקע, וואָס איז מיט דיר?

כ'האָב זיך טאַקע געפילט פּאַסקודנע. צו מײַן גרויסער איבערראַשונג האָב איך באַמערקט אַז מיט מײַן אורין איז עפּעס נישט אין אָרדענונג. כ'גיב שווער אַפּ די אורין און האָב דערבײַ אַ דין און שאַרף שטעכעניש, אַזוי ווי מע װאָלט מיר געשטאָכן מיט שפּילקעס. אַ ביסל פּראַקטיק האָב איך שוין געהאַט אין אַזעלכע פֿאַלן. כ'האָב זיך געמאָלדן צום דאָקטאָר. ער באַטראַכט מיך און זאָגט מיר מיט אַ לײַכטן פֿאָרוואָרף:

— קאָליאַ, דו האָסט שוין ווידער געכאַפּט אַ גאָנאָרעע? פֿון וואַנען ברענגסטו עס יעדער מאָל צו שלעפּן?

— אַזאַ זונה פֿון אַ מויד! אַזאַ אומשולדיק פּנימל! דאַכט זיך, זי קען קיין צוויי נישט ציילן און איז אַזוי דורכגעפּוילט!...

דעם אמת געזאָגט, האָב איך דאָס מאָל נישט געהאַט קיין חרטה. כ'האָב עס איר מוחל געווען, נאַטאַשען. און בײַ זיך געטראַכט אַז ווען כ'וועל אַרויסגיין פֿון שפּיטאָל, וועל איך זי נאָך אַ מאָל באַזוכן.

***

אַט אַזעלכע און ענלעכע ליבע־געשיכטעס האָב איך געהערט אין די נעכט, ליגנדיק אַ וואַכער הינטער מײַן פֿאָרהאַנג, ווי די קראַנקע פֿאַר־טיזאַנער דערציילן זיך אויף זייער געלעגער. וואָס קען מען פֿון זיי פֿאַר־לאַנגען? זיי לעבן דאָ אין וואַלד אין די שווערסטע באַדינגונגען. זיי ווילן געניסן פֿון לעבן. זיי זענען יונג און זייער מאָרגן איז נישט זיכער. זוכן זיי זיך אַ ביסל צו צעשטרײַען, זיך פֿאַרווײַלן, אַרײַנכאַפּן פֿון לעבן וואָס ס'לאָזט זיך און אָפּט מאָל באַצאָלן זיי דערפֿאַר, פֿאַר זייער לײַכט־זיניקייט אַ טײַערן פּרײַז — מיט זייער געזונט.

די קאָמאַנדירן האָבן געהאַט אַ לײַכטער לעבן מיט די מיידלעך. יעדער פֿון זיי האָט שוין געהאַט זײַן שטענדיקע געליבטע. אָדער זי האָט געאַרבעט אין קיך, אָדער אין שטאַב גופא. די פּאַרטיזאַנער אָבער האָבן נאָר דורך אַ צופֿאַל, צי אַ דאַנק אַ געבראַכטער מתנה פֿאַרבראַכט אַ ליבענאַכט. וואָס שענער ס'איז געווען דער געשאַנק אַלץ גרעסער זע־נען געווען דעם פּאַרטיזאַנס שאַנסן צו פֿאַרברענגען מיטן מיידל וואָס איז אים געפֿעלן.

קאַפּיטל זיבן און צוואַנציק

פּאַרטיזאַנער־שפּיטאָל באַקומט אַ סאַניטאַרקע

אין אַ טאָג באַזוכט מיך דער יונגער פּאַרטיזאַן לאָלעק אין שפּיטאָל. ערשט נעכטן איז ער געקומען צוריק פון אַ סאַבאָטאַזש־אַקציע. אַ גאַנצן חודש איז ער נישט געווען אין אָטריאַד:

— איר געדענקט, דאָקטאָר — מאַכט ער צו מיר — כ׳האָב אײַך געהאַט דערציילט, אַז כ׳בין אַנטלאָפן מיט אַ מיידל אין וואַלד אַרײַן. עלקע הייסט זי. מ׳האָט זי אויפגענומען אין אַ פאַמיליע־אָטריאַד. ס׳איז אײַך, דאָקטאָר, זיכער באַקאַנט די שווידערלעכע באַדינגונגען פון די אויסבאַהאַלטענע ייִדן אין וואַלד. איר ווייסט אַליין ווי ס׳זעט דאָרט אויס. בין איך געקומען אײַך בעטן אַ טובה...

— דהײַנו? אין וואָס גייט עס אײַך? אַז ס׳וועט נאָר זײַן מעגלעך...

— איך וויל איר זאָלט זי אַרײַננעמען צו זיך אין שפּיטאָל אַרײַן, זי זאָל דאָ בײַ אײַך אַרבעטן ווי אַ סאַניטאַרקע.

— מיטן שענסטן פאַרגעניגן. פאַר וואָס נישט? ברענג זי אַהער — האָב איך אים געענטפערט נישט טראַכטנדיק קיין סך — אויב זי וועט נאָר טויגן צו דער אַרבעט. כ׳מיין אַז דמיטריעוו וועט נישט האָבן דאָ־קעגן און פאַר וואָס זאָל ער נישט מסכּים זײַן?

כ׳האָב באַמערקט אַז לאָלעק איז געווען טיף גערירט. ער האָט מיר האַרציק געדאַנקט. גלײַך צו מאָרגנס איז ער געקומען מיט איר אין שפּיטאָל אַרײַן. פון ערשטן אויגנבליק איז מיר דאָס מיידל מיט דער שיינער פיגור געווען סימפּאַטיש. זי איז געגאַנגען אָנגעטון אַן עלעגאַנ־טע שוואַרצע קורטקע מיט אַ ווײַסן פוטערנעם קאָלנער. אַ פּאָר שיינ־אויסגעפּאַרטיקטע ווויליק־שטיוועלעך און אויפן קאָפּ האָט זי געטראָגן אַ פּאַפּאַכע וואָס האָט קאָקעטיש פאַרדעקט אירע קורצגעשוירענע שוואַר־צע האָר. אַ פּאָר גראָע אויגן מיט לאַנגע ברעמען האָבן מיך ערנסט באַ־טראַכט. ס׳איז געווען אַן אינטעליגענטער שאַרפער בליק וואָס נעמט דיך אין גאַנצן דורך.

— דאָס איז עלקע — האָט מיר לאָלעק זי פאַרגעשטעלט מיט שטאָלץ. כ׳בין זיך מודה אַז כ׳האָב זיך געפילט אַ ביסל צעטומלט:

— גוט, גוט — האָב איך זיך נאָך אַ ווײַלע אָפּגערופן צו אים און זיך געווענדט צום מיידל — דו קאָנסט דאָ בלײַבן ווי מײַן געהילף. כ׳מוז דיר זאָגן אַז ס׳איז נישט קיין לײַכטע אַרבעט און זיכער נישט קיין אײַנגענעמע, איבער הויפּט ווען מ׳האָט נישט קיין דערפאַרונג ווי זיך אומצוגיין מיט קראַנקע. נאָך דערצו פּאַרטיזאַנער.

זי האָט בלויז אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און קורץ געענטפערט:

— איך ווייס וואָס פאַר אַן אַרבעט ס׳דערוואַרט מיך. כ׳וועל זיך באַמיִען וויפל כ׳וועל נאָר קענען.

לאַלעק האָט זיך מיט אונדז געזעגנט און כ׳האָב אויפגעכאַפּט זײַן וואַרעמען בליק פול ליבשאַפט וואָס האָט געגלעט זײַן עלקע ביזן פאַר־לאָזן ס׳שפּיטאָל.

כ׳האָב זיך דערנענטערט מיט עטלעכע טריט צו די פּריטשעס:

— טאָוואַרישטשי — האָב איך זיך געווענדט צו די קראַנקע — דאָס איז יאַלקאַ, מײַן נײַע געהילפין. זי וועט דאָ אַרבעטן אויפן פּאָסטן פון אַ סאַניטאַרקע און כ׳וויל האָפן אַז איר וועט זײַן מיט איר צופרידן.

ווייסנדיק פון פאָרויס אַז איר ריכטיקער נאָמען וועט פאַר די פּאַר־טיזאַנער קלינגען פרעמד, האָב איך מיט אַ כּיוון איר געגעבן אַ נאָמען מיט אַ רוסישן אַקצענט, ס׳זאָל זיי נישט צופיל זײַן אויפפאַלנדיק איר אָפּשטאַם און זיי זאָלן איר נישט באַשווערן אין דער אַזוי אויך שווערער אַרבעט צווישן קראַנקע אין שפּיטאָל.

די קראַנקע פּאַרטיזאַנער־יונגען האָבן דערשטוינט אָנגעקוקט דעם אומגעריכט־דערשינענעם גאַסט, זיך אויפגעזעצט אויף די פּריטשעס, כּדי זי בעסער צו זען. ס׳האָט בײַ זיי אויסגעקוקט מאָדנע, עפּעס ווי זי וואָלט געווען אַ גאַסט פון אויסלאַנד: אַ יונג שיין מיידל, אָנגעטון עלעגאַנט, וועט איצט דאָ זײַן זייער סאַניטאַרקע. זי וועט זיי באַדינען, אַרומגיין אַרום זיי און דאָ שלאָפן אין דער זעלביקער זעמלאַנקע. פונעם מיידל האָט אַ ווייע געטון אויף זיי מיט גרויסשטאָטישער דאַמישקייט. זי האָט זיך עפּעס נישט אַרײַנגעפּאַסט אין אונדזער איינזאַמען אינדזל צווישן בלאָטעס און זומפּן — האָט זיכער נישט איינער פון זיי געטראַכט בײַ זיך.

איך אַליין, האָב איך זיך געכאַפּט, בין אויך געקומען אויפן זעלביקן געדאַנק. דאָ צווישן די שטרויענע פּריטשעס, וואָס די קראַנקע זענען אויף זיי געלעגן אין זייער אָנטועכץ, אינעם שווערן טוכלען געשטאַנק פון מענטשלעכן שוויים און אײַטער האָט זיך עפּעס נישט געפּאָרט די יונג־מיידלשע עלעגאַנץ און פאַרנעמקייט. ס׳האָט אויסגעזען ווי אַ דיסאָ־נאַנס אין אָט דער אָפּגעקראָכענער ראַם גלײַך ווי זי וואָלט אַהער פאַר־בלאָנדזשעט פון אַ ווײַטער אויסטערלישער וועלט, וואָס עקסיסטירט נישט

מער פּאָר זיי אין דער ווירקלעכקייט, נאָר בלויז אַן אַפּשײַן טליִעט נאָך ערגעץ ווו אין זייער געדאַנק, וואָס איז איצט צוריק אויפגעוועקט געוואָרן צום לעבן מיטן באַווײַזן זיך פֿון אַט דעם עלעגאַנטן מיידל.

— זי וועט מיך זיכער גיך אויסהיילן — האָט איבערגעריסן וואַנקע, דעם קאָמאַנדירס אַדיוטאַנט וואָס איז דאָ געלעגן מיט אַ פֿאַרשלעפּטער ווענערישער קרענק.

פֿון אַלע זײַטן האָט אים געענטפֿערט אַ הילכיק געלעכטער:

— גיב נאָר אַ קוק ווי זי איז אָנגעטון!

— אַן אמתע דאַמאַטשקע!

— שטעל זיך נאָר פֿאָר, ברודערל, זי וועט מיר דאַרפֿן בײַטן מײַנע באַנדאַזשן...

פֿון אַלע זײַטן האָבן זיך געהערט האַלב-חוזקדיקע, האַלב-חוצפּהדיקע אָפּלאַכערישע גראָבע אָנצוגעהערענישן און שטעכווערטלעך אויפֿן חשבון פֿון דער ערשט-אָנגעקומענער סאַניטאַרשע.

די אײדעלע עלקע האָט אָראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך דעם פּולשובאָק, אויסגעטון די פּאַפּאַכע און אין גאַנצן אַ רויִקע, אַ באַהערשטע, ווי ס׳וואָלט גאָר נישט געווען געשען, זיך געווענדט צו מיר מיט אַ שמייכל:

— און איצט, דאָקטאָר, ווילט איר מיך אפֿשר באַקענען מיט אײַער מלוכה?

— קום מיט מיר, וועל איך דיר אַלץ ווײַזן.

כ׳האָב זי אַרײַנגעפֿירט אין מײַן „קאָבינעט״ אויף יענער זײַט פֿאַרצויגענעם פֿאָרהאַנג. מיט נישט קיין באַהאַלטענעם שטאָלץ האָב איך איר געוויזן מײַן שענקל מיט די בלישטשענדיקע „אינסטרומענטן״. כ׳האָב איר גענומען אויספֿירלעך דערקלערן אירע אויפֿגאַבעס. היות ווי זי האָט נאָך מיט קיין קראַנקע קיין מאָל נישט געהאַט צו טון, האָב איך געמוזט מיט איר אָנהייבן פֿון אַלף-בית.

עלקע האָט אַ געדולדיקע אויסגעהערט מײַן לאַנגע דרשה און מיר מיט קיין וואָרט נישט איבערגעריסן מײַנע רייד. זי האָט נאָר אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, אַז זי באַנעמט אַלץ, און אירע גראָע אויגן האָבן מיך באַטראַכט מיט צוטרוי און אַפֿילו באַוווּנדערונג. פֿאַר איר איז דאָס אַלץ געווען אַ נײַע אומבאַקאַנטע וועלט.

— און איצט — האָב איך זיך אויפֿגעשטעלט פֿון אָרט — וועלן מיר אונטערזוכן יעדער קראַנקן, כּדי דו זאָלסט זײַן באַהאַוונט, אָריענטירט און וויסן ווי זיך אומצוגיין מיט זיי, מיט זייערע קאַפּריזן, מיחושן און ליידן.

אַ שווײַגנדיקע איז זי אַרום מיט מיר צו די קראַנקע. בײַ יעדער

חולה האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט און כ'האָב איר אויספירלעך דערקלערט אויף וואָס יענער ליַידט, אין וואָס ס'באַשטייט זיַין קראַנקייט.

ווען מיר האָבן געענדיקט מיט אונדזער גענעראַל־אינספּעקציע האָב איך איר געזאָגט:

— איך מוז איצט גיין דערליידיקן דיַין ענין ביַים קאָמאַנדיר פון אָטריאַד. אָבער — האָב איך גליַיך צוגעגעבן — כ'בין מער ווי זיכער אַז ער וועט נישט מאַכן קיין שום שוועריקייטן.

— רעביאַטאַ — האָב איך זיך געווענדט צו מיַינע קראַנקע — איך מוז נייטיק אַריבערגיין צום קאָמאַנדיר. די ניַיע סאַניטאַרקע וועט שוין אויף איַיך אַכטיק געבן. איר קענט זיַין אין גאַנצן רויִק.

די קראַנקע — האָב איך באַמערקט — זענען געווען צופרידן צו בליַיבן אונטער איר אויפזיכט, און כ'האָב אַ רויִקער געקענט גיין דערליידיקן מיַינע ענינים.

קאַפּיטל אַכט און צוואַנציק

דער קאָמאַנדיר באַשטעטיקט דעם סאַניטאַר-פּאָסטן

אויפֿן וועג צו דמיטריעוון האָב איך דערפֿילט אַ דערלײַכטערונג, אַן אויפֿלייז פֿון אַן אָנגעשטרענגטער געשפּאַנטקייט. די עלקע איז מיר באמת געפֿעלן געוואָרן. אירע אײדעלע מאַניערן און באַנעמען זיך האָט גע־מאַכט אויף מיר אַ רושם. די גיהנומדיקע איבערלעבענישן — האָב איך פֿעסטגעשטעלט — האָבן זי נישט דעמאָראַליזירט ווי אַנדערע מיידלעך. די צרות און שוידערלעכע וואַלד-באַדינגונגען האָבן נישט געהאַט אויף איר קיין שליטה. זי איז געווען, ווי מע זאָגט, פֿון אַן אַנדער טייג גע־קנעטן.

איבעריקנס, זי וועט זײַן פֿאַר מיר אַ גרויסע הילף אין שפּיטאָל. כ׳וועל איצט באמת אויפֿגעריכט ווערן. מיט איין וואָרט, כ׳בין געווען שטאַרק פֿאַראינטערעסירט, מען זאָל זי מיר אומבאַדינגט צוטיילן ווי אַ סאַניטאַרקע. וואָס וועל איך אָבער טון ווען דמיטריעוו וועט מיר געבן אַן אָפּזאָג? ער קאָן מיר נאָך אַ מאָל זאָגן „לאָ״ מיט אַן אַלף...

מיט אַ זויערער מינע אויפֿן פֿאַרזאָרגטן פּנים בין איך אַרײַן צו דמיטריעוון אין שאַלאַש אַרײַן. ער איז גראָד געזעסן איבערגעבויגן אי־בער אַן אויסגעשפּרייטער מאַפּע פֿון דער אַרומיקער געגנט. אַזעלכע מאַפּעס האָבן די פּאַרטיזאַנער אַליין געמאַכט. וואָרשיינלעך האָט ער באַקומען אַ פֿרישן אויפֿגאַב פֿון שטאַב. באַמערקנדיק מיך אַרײַנקומען האָט ער פֿאַרהויבן צו מיר דעם קאָפּ:

— וואָס הערט זיך, דאָקטאָר? — האָט ער מיך געפֿרעגט מיט אַ פֿרײַנדלעך קול — וואָס אַזוינס ברענגט דיך הײַנט צו מיר? וואָס איז געשען?

כ׳האָב אים דערקלערט אַז די אַרבעט אין שפּיטאָל איז געוואָרן אַ סך שווערער, וואָס ס׳האָט טאַקע געשטימט אין דער ווירקלעכקייט, ווײַל די בריגאַדע און במילא אויך דער אָטריאַד האָבן איצט געציילט אַ סך מער פּאַרטיזאַנער. מ׳האָט אָנגעהויבן סיסטעמאַטיש דורכפֿירן כּסדר־דיקע אָנפֿאַלן אויף דײַטשע קלענערע איינהייטן. זענען איצט געווען מער פֿאַרוווּנדיקטע און ס׳איז שווער אַליין זיך אַן עצה צו געבן מיט זיי:

— כ׳דאַרף היינט האָבן אין שפּיטאָל אַ שטענדיקע הילף. צופעליק האָט זיך געמאָלדן צו מיר אַ מיידל. איך גלייב אַז זי וועט זיין אַ גוטע סאַניטאַרקע.

— אוודאי ביסטו גערעכט, דאָקטאָר — האָט ער צו מיר שעלמיש אַ שמייכל געטון — זי איז כאָטש אַ שיינע, האַ? איך מיין אַז זי קאָן דיר אַליין אויך פון צייט צו צייט אַרויסהעלפן מיט וואָס ס׳זאָל נישט זיין.

נישט וועלנדיק אים אַרויסווייזן מיין אינערלעכע פרייד, האָב איך אים רויִק און העפלעך געזאָגט אַ שיינעם דאַנק.

ער האָט זיך אויפגעהויבן, דמיטריעוו, און אַרויסגענומען פון אַ שאַפ־קע אַ קליין בייגעלע פּאַפּיר:

— נאַ, דאָס האָסטו דעם ערשטן עקזעמפּלאַר פון אונדזער צייטונג, אַרויסגעגעבן דורכן שטאַב פון אונדזער בריגאַדע.

אויפן העקטאָגראַפירטן בויגן זענען געווען אָפּגעדרוקט אַ ריי מאָ־גערע נאָטיצן און ידיעות וואָס זענען באַשטאַנען פון אַ פּאָר צענדילנג שורות. ס׳פּאַפּיר איז געווען האַרט און גראָלעך. אַזאַ פּאַפּיר פלעגט מען פאַר דער מלחמה באַניצן צום איינפּאַקן הערינג. אָבער אין מיינע אויגן האָט עס איצט געהאַט אַ גרויסן ווערט. דאָס איז געווען אונדזער איי־גענע פּאַרטיזאַנישע צייטונג. כ׳האָב פאַרזיכטיק צונויפגעלייגט ס׳בייגע־לע פּאַקפּאַפּיר און עס פאַרשטעקט אין בוזעם ביי זיך אין פולשובאַק.

— פון פראָנט זענען דאָ גוטע ידיעות — האָט ער נאָך צוגעגעבן — גיב עס שפּעטער צו לייענער דיינע קראַנקע... ווילסט אפשר אַ שלוק בראָנפן? די פרעסט, אין זייער מאַמען אַריין, ווילן אונדז גאָר נישט פאַרלאָזן.

— נאָך אַ מאָל אַ דאַנק — האָב איך זיך פאַרקנעפּלט די קורטקע צום גיין — איך אייל זיך, כ׳מוז שוין זיין צוריק אין שפּיטאָל.

מיט אַ שטאַרקן האַנדריק האָב איך פאַרלאָזט זיין שאַלאַש. גייענדיק אויפן וועג צוריק צום שפּיטאָל האָב איך ביי זיך געטראַכט: אַ שיין פּנים וואָלט איך געווען געהאַט ביי די קראַנקע ווען דמיטריעוו וואָלט מיר טאַקע געווען אָפּגעזאָגט. דאָ שטעל איך זיי פאָר אַ יונגע סאַניטאַר־קע וואָס וועט זאָרגעוודיק אַרומגיין אַרום זיי, און אָט מוז זי פלוצעם זיך אָפּטראָגן, פאַרשווינדן. זיי וואָלטן עס מיר קיין מאָל נישט מוחל געווען. דעם אמת געזאָגט, וואָלט איך אַליין זיך עס אויך נישט געקענט שענקען. נישט־ווילנדיק האָבן זיך מיר דערמאָנט דמיטריעווס ווערטער: „דאָקטאָר, זי קאָן אייך אַליין אויך אַ מאָל בייהילפיק זיין... דאכט זיך, אַז מיט דעם האָט ער געטראָפן אין פינטל אַריין.

ווען כ׳בין צוריק געקומען אין שפּיטאָל אַריַין האָב איך עלקען דער־קלערט אַז דער קאָמאַנדיר פון אָטריאַד האָט זי באַשטעטיקט זי זאָל זיַין די סאַניטאַרקע פון שפּיטאָל.

זי האָט זיך באַמיט, עלקע, אויפצונעמען די בשורה מיט אַן אויסער־לעכער רויִקייט. נאָר זי האָט נישט געקאָנט פאַרבאָרגן איר טיפע אינער־לעכער גערירטקייט. אויף איר פּנים זענען אַרויסגעטרעטן רויטע פלעקן פון טיפער פרייד. לעבן מיַין פּריטשע האָב איך געטראָפן אויסגעבעט אַ צווייטע, אָן אָפּגעטיילטע מיט אַ בונטער פאַרביקער ריכטיקער פאָרהאַנג. פון וואַנען די פאָרהאַנג האָט זיך דאָ דערנומען איז פאַר מיר געבליבן אַ סוד. מעגלעך, אַז אַ פּאַרטיזאַן האָט עס אַרויסגעשלעפּט פון זיַין זאַ־פּאַס מתנות.

כ׳האָב זיך דערמאָנט אין אונדזער העקטאָגראַפירטער ציַיטונג און גלייַך אַרויסגעצויגן דאָס שטיקל פּאַקפּאַפּיר פון בוזעמטאַש. פאָרזיכטיק האָב איך עס אויסגעגלייַכט. די פראָנט־ידיעות זענען געווען גוטע. די דיַיטשן זענען פאַרוויקלט און פאַרפּלאָנטערט אין שווערע שלאַכטן. אמת, זייער אָפענסיוו גייט נאָך אַלץ אָן. אָבער אויף טריט און שריט טרעפן זיי זיך אָן אויף אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד. אונדזערע פאַרבינדעטע, ענג־לאַנד און די פאַראייניקטע שטאַטן, דער עיקר די לעצטע, האָבן אָנגע־הויבן ליפערן דעם ראַטנפאַרבאַנד גרויסע סכומים קריג־מאַטעריאַל. כ׳האָב די ציַיטונג איבערגעגעבן די קראַנקע, זיי זאָלן אויך האָבן אַ ביסל פאַר־געניגן.

אין מיַין לעבן אין שפּיטאָל האָט זיך ביסלעכוויַיז אָנגעהויבן אויס־שפּינען אַ נײַ קאַפּיטל.

קאַפּיטל נײַן און צוואַנציק

פאַרשיכורנדיקע ראָמאַנטישע טעג אין וואַלד

עלקע האָט זיך גיך צוגעוויינט צו דער אַרבעט אין שפּיטאָל, צום רויען פּראָסטן לשון פון די פּאַרטיזאַנער דורכגעוואָרפן מיט דרײַגאָרנ־דיקע רוסישע מי־שברכס. ס׳האָט איר אַפילו נישט געאַרט ווען זי האָט געדאַרפט אַרומרייניקן ווונדן אָדער איבערבינדן באַנדאַזשן וואָס זענען געווען דורכגעבלוטיקט און צוגעקלעפּט צו דער אָפענער ווונד. דאָס אַלץ איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע יסורים און די קראַנקע, אַנשטאָט צו פאַרבײַסן די ליפּן פון ווייטיק, פלעגן זיי דערלאַנגען לשון. זיי האָבן זי אָנגערופן מיט די ערגסטע נעמען, באַשאָנקען מיט גראָבע עפּיטעטן:

— דו סוואָלאָטש וואָס דו ביסט!

— זונה איינע! ביסט שוין ווידער געקומען מיך מאַטערן!

עלקע פלעגט רויק טון איר אַרבעט. נאָר אירע גראָע אויגן האָבן מיט פאַרשטענדעניש און מיטגעפיל געררוט אויפן קראַנקן, וואָס האָט זיכער געפילט, נישט געקוקט אויף די אַלע באַליידיקונגען זײַנע, אַז זי העלפט אים געזונט ווערן. אַזעלכע זאַכן לערנט מען זיך נישט אויס. מע מוז מיט דעם געבוירן ווערן. דאָס ריזלט אַן אינערלעכער קוואַל פון גוטסקייט און הילפגרייטקייט און עלקע האָט אָט די אייגנשאַפט פאַר־מאָגט אין אַ גרויסער מאָס. דער קראַנקער האָט עס דערפילט אינס־טינקטיוו, און אויך איך האָב עס געוווּסט ווי אָפּצושאַצן. נאָר אַ דער־פאַרענער דאָקטאָר קען זיך אָפּגעבן חשבון ווי וויכטיק ס׳איז פאַרן קראַנקן זיך צו געפינען אונטער דער אויפזיכט פון אַזאַ באַרעמהאַרציקער סאַ־ניטאַרין.

***

מיט דער צײַט האָט זיך צווישן מיר און עלקען אַנטוויקלט אַ באַ־זונדערע באַציִונג: אַ האַלב אַמטלעכע, אַ פאַרמעלע, און אַ האַלב חברי־שע, אַ פּריוואַטע. נישט איין מאָל האָב איך באַמערקט ווי זי פלעגט באַוווּנדערן מײַן געשיקטקייט און פלינקייט בײַם דורכפירן קליינע אָפּע־ראַציעס, אָפט טאַקע מיטן גרויסן קיכמעסער; מײַנע דיאַגנאָזן, וואָס

כ׳האָב געשטעלט בײַ פאַרשידענע קאָמפּליצירטע פאַלן, און זיך זייער זעלטן טועה געווען. ס׳האָט איר אויך אימפּאָנירט דער גלויבן און צו־טרוי וואָס די פּראָסטע וואַלדמענטשן האָבן מיר געשאָנקען — דאָס אַלץ האָט אַרויסגערופן בײַ איר אַנטציקונג און באַגײַסטערונג פאַר מײַן פּער־זאָן וואָס זי האָט זיך אַפילו נישט באַמיט עס צו באַהאַלטן.

אָפט נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט פלעג איך זיך אָוועקזעצן בײַ איר אויף דער פּריטשע, רעדן וועגן אונדזערע קראַנקע, וועגן די נײַעס וואָס קומען פון פראָנט, און ווען איך פלעג איר ווען דערציילן עפּיזאָדן פונעם געטאָ־לעבן, פלעגט זי מיר איבעררײַסן מיט די ווערטער:

— דאָקטאָר, די טרויעריקע פאַרגאַנגענהייט אונדזערע עקסיסטירט נישט מער, זי איז נישטאָ, זי איז פאַר אונדז געשטאָרבן. נאָך וואָס זאָל מען זי אויפוועקן פון קבר?

אין אַלגעמיין אָבער פלעגט זי זיך גערן צוהערן צו מײַנע דערציי־לונגען און זעלטן ווען זי האָט אַליין גערעדט, אַליין עפּעס דערציילט.

איך האָב מיט דער צײַט אָנגעהויבן פילן, אַז לעבן מײַן זײַט געפינט זיך אַ נאָענטער מענטש וואָס כ׳קען זיך אים אָנגעטרויען און פיל אויך אַ נויטווענדיקייט צו רעדן מיט אים פרײַ וועגן אַלע אָנגעלעגנהייטן.

איך געדענק אַז איין מאָל אין אַ פרימאָרגן האָב איך דורך מײַן האַלב־אָפענעם פאַרהאַנג דערזען ווי עלקע שטייט און וואַשט זיך. אירע קליינע פעסטע ברוסטן און דער נאַקעטער שלאַנקער קערפּער האָבן אין מיר דערוועקט געפילן וואָס זענען מיר שוין לאַנג געווען פרעמד. איך האָב אין איר דערזען אַ פרוי און ווי אַזאַ זי באַגערט.

צופעליק איז גראָד אין דעם טאָג אָנגעקומען אין שפּיטאָל אַרײַן אַ גרעסערע גרופּע קראַנקע און צווישן זיי האָבן זיך געפינען עטלעכע שווער פאַרווונדיקטע. כ׳האָב דעם גאַנצן טאָג שווער און אָנגעשטרענגט געאַרבעט. און אין אָוונט, נישט געקוקט וואָס כ׳בין געווען פאַרמאַ־טערט, האָב איך זיך אָפּגעראַזירט און שפּעטער זיך צוגעזעצט צו עלקעס פּריטשע. מיר האָבן ביידע אַ לענגערע צײַט געשוויגן און געהערט דאָס אייגענע אָטעמען.

כ׳בין גענייגט צו גלייבן אַז פרויען האָבן אַ באַזונדערן אינסטינקט און פאַרשאַרפטע חושים. מיט אַ מאָל האָבן אירע הענט היים אַרומ־גענומען מײַן האַלדז. זי האָט מיך אָנגעהויבן קושן און דריקן צו זיך. און דעמאָלט איז עס געשען דאָס סאַמע אומדערוואַרטע. זי האָט זיך מיר איבערגעגעבן. מיר האָבן זיך ביידע פאַראייניקט. כ׳וואָלט קיין מאָל נישט געגלייבט אַז אָט דאָס שווײַגנדיקע צוריקגעהאַלטענע באַשיידענע

מיידל פאַרמאָגט אין זיך אַזוי פיל לײדנשאַפט און אַ צערטלעכקייט ביז צום אויסגיין פאַר מתיקות.

— כ'האָב געוווּסט אַז ס'וועט קומען דערצו — האָט זי אַרײַנגעפליסטערט אין מיר אין איינעם מיט איר הייסן ברענדיקן אָטעם, און מיט אירע שמאָלע פינגער איז זי צערטלעך איבערגעגאַנגען איבער די טיפע קנייטשן אויף מײַן פּנים גלײַך ווי זי וואָלט זיי געוואָלט אַראָפּווישן פון מיר. און ליגנדיק אַזוי צוגעטוליעט צו מײַן לײַב האָט זי אַנטפּלעקט פאַר מיר איר נשמה. זי האָט מיר דערציילט פאַרשידענע אינטימע און פיקאַנטע פּרטים פון איר לעבן.

פון אירע רייד האָב איך זיך דערוווּסט אַז זי שטאַמט פון אַ גוטער בירגערלעכער פאַמיליע. זי האָט געענדיקט די גימנאַזיע און איידער זי האָט באַוויזן אַ טראַכט צו געבן וואָס טון ווײַטער, איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט-מילחמה. איר גאַנצע מישפּחה איז אומגעקומען דורך די נאַצישע רוצחים. לאַלעקן האָט זי צו פאַרדאַנקען וואָס זי איז לעבן געבליבן. זי איז צו אים שטאַרק צוגעבונדן. ער איז אַן אָרנטלעכער גוטער בחור. ער האָט זי זיכער ליב. אָבער אין אונדזער צעטרייסלטער וועלט שפּילט דער בלינדער גורל מיט אונדזער לעבן און טוט מיט עס וואָס ער וויל.

שוין פון ערשטן מאָמענט האָב איך געמאַכט אויף איר אַ טיפן אײַנדריק. וואָס ווײַטער אַלץ מער האָט זי מיך באַוווּנדערט אי ווי אַ דאָקטאָר אי ווי אַ מענטש.

כ'בין שטיל געלעגן לעבן איר און אײַנגעזאַפּט אין זיך אירע רייד ווי אַ באַרוישיק געטראַנק. ס'איז מיר געקומען אויפן געדאַנק און דערגאַנגען צו מײַן באַוווּסטזײַן, אַז ס'לעבט נאָך אין מיר דער מענטש, וואָס איז נישט אָטראָפירט, וואָס איז נאָך פעיִק צו מענטשלעכע געפילן, און אַז דער דאָרשט נאָך נקמה האָט נישט פאַרטעמפּט אין מיר די אַנדערע אימפּולסן צום לעבן.

דעם אמת געזאָגט האָב איך נישט געהאַט קיין שום מאָטיוון געפלאָגט צו ווערן פון געוויסן-ביסן לגבי לאַלעקן. לאַלעק האָט עלקען געראַטעוועט און ער האָט זי מיר פאַרטרויט. מײַנע אַלטע באַגריפן פון מאָראַל אין אָנשטענדיקייט זענען ערגעץ פאַרשווינדן. מיר לעבן דאָ אין וואַלד און ריכטן זיך לויט די וואַלדישע געזעצן: ביסטו שטאַרקער און האָסטו די מעגלעכקייטן — נעמסטו זיך דאָס וואָס דו באַגערסט. אַזאַ איז דאָ דאָס געזעץ אין די דאָזיקע באַדינגונגען. און אַזוי איז עלקע געוואָרן מײַנע.

פאַר די קראַנקע אין שפּיטאָל איז עס נישט געווען קיין שום סוד.

אונדזערע רוישיקע ליבענעכט האָבן נישט געקענט דורכגיין אומבאַ־מערקט. נישט איין מאָל האָב איך געפילט די בליקן פון די קראַנקע פול קנאה. צום מיינסטן האָט עס פאַרדראָסן וואַנקען. ער האָט אַפילו גע־בראַכט עלקען מתנות, געפרוווט זײַן מזל בײַ איר. אָבער אָן דערפאָלג:

— אַזאַ גליק! — פלעגט ער יעדער מאָל אַ בורטשע טון ווען ער איז געקומען מיט אַ באַפעל פון דמיטריעוון — אַזאַ יונג מיידל און דווקא נישט קיין נאַרישע האָט זי געמוזט פונקט אויסזוכן דעם אַלטן מיט די אָנגעבויגענע פּלייצעס — האָט ער געבורטשעט אַזוי אַז אַלע קראַנקע האָבן געהערט — גיי פאַרשטיי די ווײַבער...

קאפיטל דרייסיק

איך, עלקע און לאלעק

בעת דער ארבעט אין שפיטאל האט מיין באציִונג צו עלקען זיך מיט גאר נישט געענדערט. זי איז געווען און געבליבן אמטלעך און אפיציעל. די נעכט אבער האבן געהערט צו אונדזער פריוואטן לעבן אין אונדזערע דלת-אמות.

איך מוז מודה זיין אז קיין גוטער ליבהאבער בין איך זיכער נישט געווען. מיינע שרעקלעכע גרויליקע איבערלעבענישן און די אוממענטשלעכע פיזישע אנשטרענגונגען האבן א סך צוגעטראגן צום דאזיקן מצב.

ביי נאכט, ווען מיר זענען ביידע צוזאמען געלעגן אויף איר פריטשע, פלעג איך איר דערציילן פון מיין געבוירן-שטאט, פון מיין יוגנט, פון מיינע סטודענטישע יארן, פון מיינע עלטערן. דאס אלץ האט איצט געקלינגען ווי א ווייטער שיינער חלום. כ'בין נישט דערצויגן געווארן אין נאציאנאלן גייסט און שפעטערצו בין איך געקומען צום אויספיר אז מיר זענען ווייט נישט קיין אתה בחרתנו-פאלק. מיר האבן גאר נישט די אייגנשאפטן צו שאפן קאנסטרוקטיווע באזיסן פאר א געזונטן אנטוויקל ווי א פאלק. כ'האב נאר געזען די נעגאטיווע זייטן נישט אפשטעלנדיק זיך אויף די פאזיטיווע. קיין שום פאלק וואלט זיך נישט געלאזט פשוט אויסשעכטן דורך די דייטשע רוצחים — האב איך געשפונען ווייטער מיינע געדאנקען — דאס ארט פון די יידנראטן און פארשידענע שתדלנים וואלטן פארנומען קעמפערס וואס וואלטן געפאלן אין קאמף, נאר נישט אין גריבער אויסגעגראבענע מיט די אייגענע הענט.

איך מוז זיך מודה זיין אז צום דאזיקן אויספיר בין איך געקומען אויפן סמך פון דעם וואס כ'האב אליין איבערגעלעבט אויף דער אייגענער הויט. כ'האב דעמאלט נאך נישט געוווסט פונעם העלדישן אויפשטאנד אין ווארשעווער געטא. די פארטיידיקערס פונעם געטא האבן אויפגעהויבן די פאן פון קאמף אין די סאמע שוידערלעכסטע באדינגונגען, אויסגעהונגערטע, כמעט ווי אן וואפן האבן זיי פארוואנדלט יעדער הויז אין א פעסטונג — נישט צום נעמען. זיי האבן געצווינגען די דייטשן צו

באַניצן זייער גאַנצן מיליטערישן כּוח קעגן זיך, קעגן אַ הייפל געטאָ־קעמפערס צווישן די חורבות.

דאָס דײַטשע מיליטער האָט דעם וואַרשעווער געטאָ אויסגעגליכן מיט דער ערד. אין דער זעלביקער צײַט אָבער איז אָט די ערד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ לעבעדיקן דענקמאָל פון אַ פאָלק וואָס האָט זיך מיטן אייגענעם בלוט אויסגעקעמפט זײַן רעכט צו לעבן ווי אַ פאָלק.

איצט האַלט איך זיך נאָר בײַם געדאַנק פון נעמען נקמה פאַרן אומשולדיק־פאַרגאָסענעם בלוט פון מײַנע ברידער.

— עלקע — האָב איך צו איר שטיל געשעפּטשעט — דו פאַרשטייסט דעם אונטערשיד צווישן מיר און די פּאַרטיזאַנער וואָס ליגן דאָ אין דער זעמלאַנקע? דער פּאַרטיזאַן קעמפט אויף לעבן און טויט אין דער האָפענונג אַז ער וועט פאַרניכטן דעם שונא און דעמאָלט וועט ער צוריק קאָנען לעבן ווי אַ מענטש אין זײַן באַפרײַט פאָטערלאַנד, אויף זײַן ערד. און איך דאַקעגן קעמף ווײַל איך וויל זיך נוקם זײַן אין די רוצחים און וואָס מער זיי אויסהרגענען.

אָבער ווען מיר וועלן געווינען די מילחמה, פאַרבלײַב איך דער זעלביקער נע־ונדניק אויף דער זעלבער ערד וואָס איז באַדעקט מיט מאַסן־קברים פון מענער, פרויען, זקנים און קינדער. אַז אָט די ערד איז אויך שענדלעך פאַרפלעקט פון קאָנצענטראַציע־לאַגערס און קרעמאַטאָריעס — האָבן מיר נאָך דעמאָלט נישט געוווּסט.

עלקע איז געווען אַ גוטע צוהערערין. מיט די פינגער פון אירע שמאָלע הענט פלעגט זי גלעטן מײַנע צעשויבערטע האָר און אָפּט מיט אַ צאַרטן קוש איבעררײַסן מײַנע רייד.

**
*

לאָלעק פלעגט אונדז אָפּט באַזוכן. די פאַרהעלטענישן צווישן אונדז זענען געבליבן די זעלביקע וואָס פריִער, נישט געענדערט. מיט אַ בליק פון אַ פאַרליבטן, וואָס מ׳האָט געקענט אין אים באַמערקן אַ שימער פון טרויער, פלעגט ער זיך געזעגענען מיט עלקען יעדער מאָל ווען ער האָט באַדאַרפט פאַרלאָזן דעם אָטריאַד בכדי אויסצופירן אַ קאַמף־אַקציע אויסערן וואַלד.

מיט מיר פלעגט ער זיך אויך האַרציק געזעגענען. אין זײַנע אויגן האָב איך אָבער באַמערקט אַ שטילן פאַרוואורף. זיכער האָבן די פּאַרטיזאַנער געוווּסט אַז עלקע איז מײַן געליבטע. אַזאַ נײַס פאַרשפּרייט זיך גיך אין אָטריאַד. און לאָלעק האָט עס אויך זיכער געוווּסט. ער האָט אָבער קיין מאָל מיט מיר נישט גערעדט וועגן דעם.

אָפּט פלעגן מיר אַלע דרײַ זיצן אויף עלקעס פּריטשע און לאַלעק האָט דערציילט פאַרשידענע טשיקאַווע פּרטים פון דורכגעפירטע אַק־ציעס, ווי אַזוי ער האָט נישט איין מאָל דורך אַ צופאַל אויסגעמיטן דעם טויט.

ער האָט געהאַט אַ מוזיקאַלישן געהער. ווען מיר זענען געווען גוט געשטימט האָב איך אים געבעטן, ער זאָל זינגען רוסישע און יידישע לידער. איך געדענק אַז צום בעסטן איז מיר געפעלן געוואָרן דאָס ליד „סערצע”. די סענטימענטאַלע האַרציקע ווערטער זענען געווען אין אַזאַ גרויסן קאָנטראַסט צו אונדזער האַרבער רויערווירקלעכקייט, אַז זיי זענען געווען מסוגל אַרויסצורופן טרערן אַפילו בײַ׳ם צו מיינסט פאַר־האַרטעוועטן וואַלדמענטש.

אין דער אַרומיקער בײַנאַכטיקער שטילקייט האָט לאַלעק פאַרגע־בראַכט אַ ליד פון דער האַרציקער דיכטערין קאַדיע מאַלאַדאָווסקי. ס׳האָט געהייסן „מוטער” און זיך אָנגעהויבן מיט די ווערטער:

איך שרײַב צו דיר און צייל די יאָרן...

פון די יידישע געזאַנגלידער איז מיר געפעלן „מײַן שטעטעלע בעלדז”. דאָס שטעטעלע איז זיכער חרוב געוואָרן, ווי אַלע אַנדערע יידי־שע שטעטלעך אין פּוילן, וואָס ליגן איצט צעטראָטענע, אויסגעראָטענע, דורכגעווייקט פון יידישן בלוט. ס׳דערמאָנט זיך מיר אויך אַ העברעיִש ליד פון אַלעקסאַנדער פען. די ווערטער זענען מיר פאַרבליבן אין זכרון:

הבאו לבנים, אין פנאי לעמוד אף רגע,
בנו הבנאים, אל פחד ואל רגע
קיר אל קיר נקים
לקראת מכשול ופגע
כלנו נשיר,
שירת בנין ארצינו
במקום אתמול, יש לנו מחר,
עתיד עמנו, לנו שכר.

הבאו, הבאו לבנים
במקום בנין הארץ
שירו לנו הבונאים,
שיר בנין ומרץ.

די אַנגעגליטע ווערטער האָבן אַנגעצונדן אַ פּײַערל פון האָפענונג, אַז „אַנשטאָט דעם נעכטן וואָרט אויף אונדז דער מאָרגן״, אַ מאָרגן פון ליגן אַ ציגל אויף אַ ציגל, אַ מאָרגן פון אויפגעריכטקייט און אויפבוי פון אַ נײַער וועלט, פון אונדזער אייגענער וועלט.

דעם טײַטש פונעם טעקסט האָט מיר לאָלעק איבערגעזעצט וואָרט בײַ וואָרט. ער האָט נאָך אויך געקענט פון אויסנווייניק די הפטורה וואָס ער האָט געזאָגט צו זײַן בר־מצווה. אַ גוט אויפגעלייגטער האָב איך גע־פּלעגט רעציטירן אַ פראַגמענט פון דער אָפּערע „יעווגעני אָניעגין״ פון פּושקינען:

„קודאַ, קודאַ, קודאַ זוי אודאַלילים?
וויעסני מאָיעי, זלאַטיִע דני!
טשטאָ דיען גריאַדושטשי מניע גאָטאָוויט.
יעוואָ — מאָי ווזאָר נאַפּראַסנאָ לאָוויט —
וו׳גלובאָקאָי מגליע טאַיִטסאַ אָן,
ניעט נוזשדי פּראַוו סודבי זאַקאָן.

**
*

מיר האָבן אָפּט געשמועסט וועגן דער פּאָליטישער לאַגע אויף די פראָנטן. די דײַטשע אָפּענסיווע האָט פאַרלוירן איר כּוח. כ׳האָב בשום־אופן נישט געקענט פאַרשטיין פאַר וואָס די אַלייִרטע עפענען נאָך אַלץ נישט דעם צווייטן פראָנט. מע וואָלט דאָך נאָך אפשר געקאָנט ראַטעווען אַ ביסל ייִדן פון אומקום. די וועלט איז געווען שטום און טויב בעת אַ פּסיכאָפּאַט, וואָס האָט געוואָלט דיקטירן אַ נײַע אָרדענונג, האָט אָנגע־הויבן אויסצוראָטן אַ גאַנץ פאָלק. דאָס געוויסן פון דער וועלט האָט גע־שוויגן.

דאָ אין וואַלד זענען צו אונדז נישט דערגאַנגען די ידיעות פון די וועלט־געשעענישן. איין זאַך איז פאַר מיר געווען קלאָר: די אַלייִרטע וועלן נישט עפענען קיין צווייטן פראָנט און נישט ברענגען זייערע זעל־נערס פאַר אַ קרבן בכדי צו ראַטעווען אַ לעצט ביסל ייִדן וואָס זענען נאָך געבליבן בײַם לעבן. ס׳מוז נאָך קומען פאַר די דײַטשן אַ צווייטער סטאַלינגראַד וואָס זאָל צעברעכן זייער מיליטערישן כּוח און זיי אַליין זאָלן ברעכן דעם קאַרק. דעמאָלט וועלן די אַלייִרטע קומען צו הילף אויף צו געבן דעם לעצטן טויטקלאַפּ און זיי וועלן עפענען דעם צווייטן פראָנט.

קאַפּיטל איין און דרײַסיק

אַ באַזוך אויף רײַטפּערד אין אַ צווייטן אָטריאַד

אַ מערקווערדיק בילד האָט מיט זיך פֿאַרגעשטעלט דער דינער פֿאַר־צויגענער פּאַרהאַנג וואָס האָט פֿונאַנדער געטיילט צוויי פֿאַרשידענע וועלטן. אויף יענער זײַט פּאַרהאַנג זענען געלעגן אויף די פּריטשעס יונגע רוסן וואָס האָבן געחלומט פֿון שיינע יונגע מיידלעך, אַן אויסגעוואַרעמט בעט, אַ גוט פֿלעשל בראָנפֿן וואָס זאָל דערוואַרעמען זייערע ביינער. דאָ זענען מיר געזעסן, אַנטלאָפֿענע און אַנטרונענע פֿון אונטער דער דײַטשי־שער האַק, און שטילערהייט געזונגען פֿאַרבענקטע סענטימענטאַלע לידער פֿון אַ וועלט וואָס איז אַוועק מיטן רויך און וועט זיך שוין מער קיין מאָל נישט צוריק קערן און געמאַכט היפּאָטעזן וועגן אויסשפּיל פֿון דער וועלט־פּאָליטיק מיט אירע פּלערליי אַספּעקטן.

לויט לאָלעקס רייד האָבן זיך אין אונדזער אָטריאַד געפֿינען אײַנגע־שלאָסן צווישן די פּאַרטיזאַנער עטלעכע רוסישע ייִדן. כ׳האָב מיט זיי נישט געהאַט קיין שום געמיינזאַמען קאָנטאַקט. דער איינציקער קאָנ־טאַקט, וואָס כ׳האָב יאָ געהאַט מיט ייִדן, איז געווען דורך די מישפּחה־אָטריאַדן, וווהין מע פֿלעגט מיך אָפֿט אַרויסרופֿן אין שווערע פֿאַלן אויף אַ קאָנסיליום. און איינער אַזאַ פֿאַל האָט זיך טאַקע איין מאָל געקענט ענדיקן פֿאַר מיר טראַגיש און פֿאַטאַל.

אין אַ פֿרימאָרגן האָט מיר לאָלעק געבראַכט אַ באַפֿעל פֿון קאָמאַנ־דיר, כ׳זאָל באַזוכן אַ שווערקראַנקן פֿון דער קיראָווסקער פֿאַמיליע־גרו־פּע. כ׳זאָל זיך נישט זאָרגן, ער אַליין וועט מיך באַגלייטן אַהין. לאָלעק האָט מיר איבערגעגעבן זײַן רײַטפּערד מיט אַ ברייטן באַקוועמען זאָטל. אויפֿן אַנדערן פֿערד האָט ער אַרויפֿגעלייגט אַ געווײַנטלעכע קאָלדרע און זיך אַרויפֿגעזעצט גרייט צו פֿאָרן. ביידע האָבן מיר זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן. ס׳איז געווען צו פֿאָרן אַ צוואַנציק קילאָמעטערס.

לאָלעקס פֿערד איז געווען אַ הויכער, אַ געזונטער זשרעבעץ, און האָט גלײַך אָנגעהויבן גאַלאָפּירן. קיין גוטער רײַטער בין איך קיין מאָל נישט געווען. כ׳האָב רעכט נישט געקענט די רײַט־כּללים. אַנשטאָט צו רײַטן מיט אַ פֿאַרויס־געבויגענעם קערפּער, בין איך געזעסן אַן אויס־

געגלייכטער, ווי מרדכי הצדיק אויפן פערד, און האָב זיך געשאָקלט ווי אַ הושענא.

ווען כ׳בין אַזוי געפאָרן אויפן וועג מיט די לייצעס אין האַנט, האָט אַ פּאַרטיזאַן, וואָס איז געשטאַנען אויף זיין וואַכפּאָסטן, מיט אַ הויכן געשריי מיך געפרעגט דעם פּאַראָל. מיין פערד האָט זיך דערשראָקן און פּלוצעם אָנגעהויבן ווילד צו גאַלאָפּירן צווישן די געדיכטעביימער אין וואַלד.

מיט די לעצטע כּוחות האָב איך פאַרקראַמפּט געהאַלטן די לייצעס אין האַנט און ס׳האָט נישט געפעלט קיין סך, ס׳צעווילדעוועטע פערד זאָל מיך אַראָפּוואַרפן פון זיך, אַז כ׳זאָל ברעכן רוק און לענד און מער זיך נישט קאָנען אויפהייבן. צום גליק האָבן די פּאַרטיזאַנער דערהערט לאַלעקס פאַרצווייפלטן רוף:

— דאָס איז דאָך אונדזער דאָקטאָר!... פאַרהאַלט דאָס פערד!

עטלעכע פּאַרטיזאַנער זענען גלייך אונטערגעלאָפן און ס׳איז זיי געלונגען צו צוימען דאָס צעבריקעוועטע פערד. לאַלעק האָט אַ דער־שראָקענער מיר געהאָלפן אַראָפּגיין פונעם פאַרסאָפּעטן רייטפערד. אַ לענגערע צייט האָב איך נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין וואָרט פון זיך. מיין האַרץ האָט געקלאַפּט ווי מיט האַמערס און אַלץ אַרום מיר האָט זיך געדרייט ביז קאָפּשווינדל.

— זעסט, לאַלעק — האָב איך אים געזאָגט ווען כ׳בין שוין אַ ביסל געקומען צו זיך — כ׳בין פיזיש שוין אַ צעבראָכענער מענטש. כ׳וואָלט נאָר געוואָלט דערלעבן די מפּלה פון די דייטשע רוצחים. זאָל מען אויך זייערע שטעט און דערפער אויסגלייכן מיט דער ערד. דו ביסט נאָך יונג, דיין לעבן איז נאָך פאַר דיר, זע, געניס פון אים וויפל דו קענסט און וויפל ס׳לאָזט זיך נאָר...

סאַראַ מאָדנער פּאַראַדאָקס וואָס נאָר דאָס לעבן אַליין באַשאַפט. איך, אַן אויסגערייכערטע לולקע, אַ מענטש אַ רוינע, וואָס וואָלט געקענט זיין דער פאָטער זיינער, האָב צוגענומען ביי אים זיין מיידל אין זעלבן עלטער וואָס ער, לאַלעק, און איצט זיצן מיר דאָ, לאַלעק און איך,ביידע צוזאַמען אין וואַלד און מיר וואַרטן, כ׳זאָל קומען צו זיך, ס׳זאָל מיר ווערן אַ ביסל בעסער, מיר זאָלן זיך קאָנען ווייטער לאָזן אין וועג אַריין און ס׳איז נישטאָ צווישן אונדז קיין יאָ און קיין ניין.

אין עטלעכע שעה אַרום, ווען כ׳האָב זיך שוין געפילט בכּוח, האָבן מיר זיך ווידער געזעצט אויף די פערד. איצט איז שוין לאַלעק געריטן לעבן מיר, האָט זיך געהאַלטן נאָענט ביי מיין זייט, מיט די לייצעס אויך

פון מײַן פערד אין זײַן האַנט און אַזוי זענען מיר אָנגעקומען אין דער פּאַרטיזאַנישער פאַמיליע־גרופּע אין וואַלד.

דאָ און דאָרט האָב איך באַמערקט עלטערע ייִדן באַוואָפנט מיט ביקסן. זיי זענען געשטאַנען אויף דער וואַך. אַ טייל פון זיי האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס, אַוודאי פון שלעכטן דערנערן זיך, פון נישט דערעסן.

ווען מיר האָבן זיך אַ ביסל אָפּגערוט פון וועג, האָב איך זיך צוגע־בויגן צו לאָלעקן:

— הער וואָס כ׳וועל דיר זאָגן, לאָלעק — האָב איך אים פאַרטרויט מיט אַ שמייכל — דאָ געפינט זיך דבורה. כ׳קען דאָס מיידל זייער גוט. זאָג איר אַז דו ביסט געקומען מיט מיר און בלײַב בײַ איר שלאָפן. דער וואַכפּאָסטן וועט שוין אַכטיק געבן אַז מע זאָל אײַך נישט שטערן — האָב איך אים לײַכט אַ קלאַפּ געטון אין פּלייצע — איך אַליין וועל איצט צוגיין צום דאָקטאָר פון דער גרופּע און אין איינעם וועלן מיר ביידע באַזוכן דעם קראַנקן. איך וועל שוין, פאַרשטייסטו מיך, בלײַבן נעכטיקן בײַם דאָקטאָר... מיר קענען זיך ביידע זייער גוט שוין פון לאַנג.

צו מאָרגנס האָבן מיר זיך אומגעקערט צו אונדזער אָטריאַד. לאָלעק איז געווען גוט אויפגעלייגט, אין אַ געהויבענער שטימונג. וואָרשײַנלעך האָט ער גוט פאַרבראַכט די נאַכט. ער האָט מיך געפּרוּווט אַרײַנציִען אין אַ שמועס. כ׳האָב נישט געהאַט קיין איבעריקן חשק און געשוויגן. כ׳האָב בלויז צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי איינער זאָגט, אַ שאָד יעדער וואָרט, ס׳וועט שוין אַלץ אַזוי בלײַבן ווי ס׳איז. קיינער קען דאָ גאָר נישט ענדערן.

קאַפּיטל צוויי און דרײַסיק

צווישן געראַטעוועטע ייִדן אין וואַלד

די אַנטלאָפֿענע ייִדן פֿון די שטעטלעך, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט אין וואַלד בײַ די פּאַרטיזאַנער, זענען געווען אײַנגעשלאָסן אין די פֿאַמיליע־גרופּעס. זיי זענען אַרומגעגאַנגען ווילדפֿאַרוואָקסענע, אין אָפּגעריסענע טראַנטעס מיט אויסגעלאָשענע בליקן. יעדער מאָל, ווען ס'איז מיר אויסגעקומען זיך צונויפֿצוטרעפֿן מיט זיי, האָבן זיי אויף מיר געמאַכט אַ דערשיטערנדיקן אײַנדריק. ס'האָט זיך מיר אויסגעוויזן ווי ס'וואָלטן זיך דאָ אַרומגעדרייט לעבעדיקע שאָטנס פֿון געוועזענע מענטשן. פֿון איין זײַט האָב איך געפֿילט אַ טיפֿן מיטלייד צו זיי, פֿון דער צווייטער אָבער האָב איך זיך פּשוט געשעמט פֿאַר זיך אַליין. כ'האָב נישט־ווילנדיק פֿאַרגליכן מײַנע אומגליקלעכע ברידער, וואָס האָבן זיך אַזוי פֿאַרקראַמפּט געקלאַמערט אין לעבן, מיט די יונגע פּאַרטיזאַנער פֿון אונדזער בריגאַדע, וואָס האָבן געפֿירט אַ פֿאַרעקשנטן, אומברחמנותדיקן קאַמף מיטן בלוטיקן שונא וואָס מע דאַרף אים אויסרײַסן מיטן וואָרצל.

די עלטערע ייִדן פֿון די משפּחה־גרופּעס פֿלעגן מיך שטענדיק פֿאַרשיטן מיט פֿאַרשידענערליי קשיות:

— ווען, קלערט איר, וועט דער שונא אײַננעמען אַ מיתה־משונה?

— ווי לאַנג וועלן מיר זיך נאָך דאָ אַזוי מאַטערן? ס'איז דאָך שוין נישטאָ קיין כּוחות אַרומצוגיין אויף די פֿיס...

— איר קריגט דאָך זיכער, דאָקטאָר, די לעצטע ידיעות פֿון פֿראָנט, דאַרפֿט איר דאָך וויסן ווי ס'האַלט עפּעס מיט דער מילחמה וואָס וויל זיך גאָר נישט ענדיקן, זי ציט זיך אַזוי לאַנג ווי ס'ייִדישע גלות.

כ'האָב זיי דערקלערט אַז די לאַגע האָט זיך אַ סך פֿאַרבעסערט לטובֿת אונדזער צד און מע קען האָפֿן אַז אין די נאָענטסטע חדשים וועט די רויטע אַרמיי איבערגיין אין אַן אָפֿענסיווע און דערלאַנגען קלעפּ דעם שונא אויף רעכטס און לינקס.

זייערע אָפּגעצויגענע מאָגערע פּנימער זענען ליכטיקער געוואָרן מיט אַ בלאַסן שײַן פון האָפענונג:

— ווי מיינט איר, דאָקטאָר, מיר וועלן נאָך דערלעבן די מפּלה פון אונדזערע מערדערס? — האָב איך פון פאַרשידענע זײַטן געהערט פריי־דיקע אויפגעהייטערטע שטימען פון מענטשן־שאָטנס וואָס זייערע אַלע געדאַנקען זענען געווען אָנגעשפּיצט און גערעכט אין איין פונקט: נקמה אין די רוצחים פון ייִדישן פאָלק. אָט דער טליִעדיקער פונק האָט זיי דערהאַלטן בײַם לעבן.

קאַפּיטל דרײַ און דרײַסיק

אַמפּוטאַציע פֿון אַ פֿוס מיט אַ וואַלדזעג

אין איינעם אַ ווינטערדיקן אָוונט האָט זיך פֿון דרויסן דערטראָגן צו מײַן זעמלאַנקע אוממענטשלעכע געשרייען. כ׳האָב דערהערט קאָלקעס קול. דאָס מאָל — האָב איך בײַ זיך געטראַכט — האַנדלט זיך עס זיכער נישט אין קיין גאַנאַרעע. נאָך אַ ווײַל האָבן עטלעכע פּאַרטיזאַנער אַרײַנגעטראָגן אויף אַ טראָגבעטל קאָלקען אַ פֿאַרוווּנדיקטן. ער האָט נישט אויפֿגעהערט שרײַען פֿון ווייטיק, זיך געריסן אויף די העכסטע קולות. זײַן רעכטער פֿוס האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט אַ קנויל רוי פֿלייש און בלוט.

לויט די באַריכטן פֿון דער פּאַרטיזאַנער־גרופּע האָבן זיי צוזאַמען מיט קאָלקען זיך באַטייליקט אין אַ שווערער קאַמף־אַקציע. זיי האָבן אויפֿגעריסן אַ מיליטערישן צוג וואָס האָט געפֿירט אַמוניציע צום פֿראָנט. די דײַטשן זענען געשפּרונגען פֿון צוג און געשאָסן. און אַזוי איז קאָלקע פֿאַרוווּנדיקט געוואָרן פֿון אַ מאַשין־געווער, געטראָפֿן געוואָרן פֿון אַ קויל אין פֿוס. זיי האָבן זיך קוים דערשלעפּט מיטן פֿאַרוווּנדיקטן צום אָטריאַד.

כ׳האָב אײַליק אונטערגעזוכט קאָלקעס צעשמעטערטן פֿוס. נישט געווען קיין ווּנדער וואָס ער האָט אַזוי שטאַרק געשריגן. די קויל האָט אים צעהאַקט דעם ביין. אַרום דער בלוטנדיקער ווונד האָט זיך געשאַפֿן אַ פֿײַערדיק רויט געשווילעכץ. ער האָט געהאַט הויכן פֿיבער. פֿאַר מיר איז געווען קלאָר אַז ס׳האַנדלט זיך אין אַן אַוואַנסירטער גאַנגרענע. מע דאַרף אים ווי צום גיכסטן אַמפּוטירן דעם פֿוס, ווײַל אַז נישט איז דאָ אַ סכּנה, די גאַנגרענע זאָל זיך פֿאַרשפּרייטן אויפֿן גאַנצן קערפּער. נאָר קאָלקע מיט זײַן בערישן געזונט האָט בײַ אַזאַ צושטאַנד נאָך געקאָנט בלײַבן בײַם לעבן.

איין אויסוועג איז דאָ — איז מיר געקומען אויפֿן געדאַנק — אַ זעג! אַ פּשוטע זעג, אַזאַ וואָס מע באַניצט בײַם זעגןביימער. צו דער זעג דאַרף מען נאָך אַן אייל־קאַפּטילקע, ווײַל אין דער זעמלאַנקע איז שוין

געווען האַלב פינצטער, און אַן אָפּעראַציע-טיש דורכצופירן די כירור-גישע אינטערווענץ.

כ׳האָב געבעטן אַ פּאַרטיזאַן, ער זאָל איבערגעבן דמיטריעוון אַז איך דאַרף נייטיק האָבן אַ שאַרפע זעג, אַ קאָפּטילקע מיט אייל און פינף געזונטע יונגען. דער פּאַרטיזאַן האָט אומגלייבלעך געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— אַ זעג?

— יאָ, אַ פּשוטע זעג וואָס מע זעגט האָלץ.

— נו, אַ זעג וועט מען שוין ווי ס׳איז באַקומען. אָבער פון וואַנען זאָל מען איצט נעמען אַ קאָפּטילקע?

קאַלקען האָב איך דערווײַל געגעבן אויסצוטרינקען אַ האַלבן ליטער סאַמאָגאָן. די יסורים וועלן זײַן שרעקלעכע און ס׳איינציקע מיטל נישט צו פילן אַזוי שטאַרק די אומגעהייערע ווייטיקן איז געווען אַז בעת דער אָפּעראַציע זאָל דער קראַנקער זיך געפינען אונטערן רויש פון שיכּרות. אויך שפּעטער וועט מען אים מוזן געבן גרויסע פּאָרציעס סאַמאָגאָן, ער זאָל אַזוי פיל נישט לײַדן.

כ׳האָב געבעטן אַ לײַכטן קראַנקן ער זאָל באַפרײַען זײַן פּריטשע. פון מײַן זאַפּאַס האָב איך אַרויסגענומען אַ ריין לײַלעך וואָס כ׳האָב עס אויסגעשפּרייט איבער דער פּריטשע, אַוועקגעלייגט קאַלקען אויפן „אָפּע-ראַציע-טיש״ און אָנגעהויבן אַלץ צוגרייטן צו דער אַמפּוטאַציע. אין דער זעלביקער צײַט האָב איך געגעבן עלקען אַלע נייטיקע אָנווײַזונגען, זי זאָל וויסן גענוי וואָס זי האָט צו טון בעת איך וועל זײַן פאַרנומען מיטן דורכפירן דאָס אַראָפּנעמען דעם פוס.

ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט ווי דמיטריעוו האָט מיר צוגעשיקט אַלץ אין וואָס כ׳האָב זיך גענייטיקט. כ׳האָב באַקומען פון אים אַ שאַר-פע וואַלדזעג, פון ערגעץ האָט ער געקריגן אַ קאָפּטילקע אייל פאַר מיר און ער האָט מיר אויך באַזאָרגט די פינף פּאַרטיזאַנער — שטאַרקע און פעסטע יונגען.

כ׳האָב זיי דערקלערט אַז זיי וועלן דאַרפן האַלטן קאַלקען פעסט צוגעדריקט צו דער פּריטשע, ער זאָל זיך נישט קאָנען געבן קיין ריר, ווײַל ער וועט זיך זיכער וואַרפן ווי אַ ווילדער אויף דער פּריטשע.

בײַם שוואַכן צאַנקעדיקן שײַן פון דער קאָפּטילקע האָב איך דורכ-געפירט די אַמפּוטאַציע פונעם גאַנגרענירטן פוס. קאַלקע האָט שוין מער נישט געהאַט קיין כּוח צו שרײַען. אין גאַנצן אַן אָפּגעשוואַכטער האָט ער נאָר שווער געקרעכצט.

כ׳בין געווען נאָס פון שוויים וואָס איז גערונען איבער מײַן

פנים. כ׳האָב פאָרענדיקט די אָפּעראַציע ווי איך אַליין וואָלט געוועזן געפילט אויף מײַן אייגענער הויט די גרויסע יסורים פונעם אָפּערירטן חולה. כ׳וואָלט זיך אַליין באַדאַרפט גוט אָנשיכּורן מיט סאַמאַגאָן.

עטלעכע שעה צײַט האָט געדויערט דאָס אַמפּוטירן דעם פוס מיט דער גרויסער זעג. עלקען האָב איך געלאָזן בײַם קראַנקן. כ׳האָב זיך אַליין, קוים האַלטנדיק זיך אויף די פיס, דערשלעפּט צו מײַן נאָרע. איצט האָב איך טאַקע אויסגעטרונקען אַ באַלעבאַטישע פּאָרציע סאַמאַגאָן און אַ פּאָרמאַטערטער בין איך אַרײַנגעפאַלן אין אַ טיפן שלאָף.

אַ גאַנצע וואָך האָט מען קאַלקען געגעבן צו טרינקען סאַמאַגאָן. אַ הייזעריקער פון זיך רײַסן דעם האַלדז איז ער איצט געלעגן אָן כּוחות. ער האָט שוין אַפילו נישט געהאַט קיין כּוח צו שרײַען. מ׳האָט בלויז געהערט שטילע קרעכצן וואָס האָבן זיך נאָך אַ נאַנד געטראָגן פון זײַן פּריטשע.

אין משך פון דער גאַנצער וואָך איז עלקע נאַכט בײַ נאַכט געזעסן לעבן זײַן קויקע, אים געהאָלפן מיט וואָס ס׳איז נאָר געווען מעגלעך, אים צו פאַרגרינגערן די ווייטיקן.

ביז איצט קען איך אַלץ נישט פאַרשטיין ווי אַזוי דער קאַלקע האָט דאָס אַלץ איבערגעטראָגן און איז געבליבן לעבן. די גאַנגרענע איז שוין געהאַט געווען אַ שטאַרק אַוואַנסירטע. און נאָר זײַן אײַזערנער כּוח אין אים האָט איבערגעוועלטיקט די גרויסע יסורים און אים געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט.

אין עטלעכע וואָכן אַרום, ווען ער האָט שוין אַרומגעטשליאָפּעט, אַ רעקאָנוואַלעסצענט, מיט אַ קוליע אונטערן אָרעם, האָט ער זיך אָפּגע־רופן צו מיר מיט אַ טרויעריקער שטימע:

— פאַרפאַלן, דאָקטאָר — האָט ער אָנגעבויגן דעם קאָפּ אין אַ זײַט — מיט איין פוס, בין איך דערגאַנגען, לעבט מען אויך און מ׳איז נאָך אַלץ אַ מענטש, און צו אַ מיידל אין בעט קאָן מען אַרײַנשפּרינגען מיט איין פוס אויך.

נאָך דער אַמפּוטאַציע פון קאַלקעס פוס איז די זעלטענע קאָלעקציע פון מײַנע אינסטרומענטן באַרײַכערט געוואָרן מיט נאָך אָן אָפּעריר־אָביעקט — אַ האָלצזעג, וואָס כ׳האָב שפּעטער, ליידער, נישט איין מאָל געמוזט באַניצן אין מײַן כירורגישער פּראַקטיק אין וואַלד.

די פּריטשע, איבערגעצויגן מיטן ווײַסן לײַלעך, איז געוואָרן מײַן אָפּעראַציע־טיש און ווי אַ באַשטאַנדטייל צו דעם האָט אויך געהערט די קאַפּטילקע מיטן אייל.

***

נאָך אַ שטיקל צײַט האָט מיך באַזוכט דער בריגאַדע־קאָמאַנדיר, קאַפּיטאַן באַבקאָוו. אַ הויכער און דיקער האָט ער פאַרנומען מיט זיך מײַנע אָפּגעטיילטע דלד־אמות אין דער זעמלאַנקע. כ׳האָב אים געבעטן זיך זעצן אויף מײַן פּריטשע און כ׳בין שוין געווען נײַגעריק צו וויסן וועגן וואָס ס׳גייט. אויף זײַן פולבלעך רויט פּנים האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל פון צופרידנקייט:

— כ׳האָב נישט געוווּסט, דאָקטאָר — מאַכט ער צו מיר — אַז דו ביסט אַזאַ גוטער כירורג. פון איצט אָן וועלן מיר שווערערע פאַלן אי־בערשיקן צו דיר אין שפּיטאָל אַרײַן. כ׳בין זיכער אַז דו וועסט זיך גוט ספּראַווען מיט זיי. נישט אַזוי, דאָקטאָר?

— זיכער, זיכער, אָן שום ספק.

מיט אַ פעסטן האַנטדרוק האָט ער זיך מיט מיר געזעגנט און פול סאַטיספאַקציע פאַרלאָזט מײַן זעמלאַנקע.

אָפּטער פלעג איך איצט אָנווענדן מײַן נײַעם אָפּעראַציע־אינסטרו־מענט אין אַנדערע אָטריאַדן פון אונדזער בריגאַדע. אַזעלכע אָפּעראַציעס האָבן מיך פיזיש און גײַסטיק דערשעפּט. כ׳האָב אָנגעהויבן פאַרטאָפּלען מײַנע פּאַרציעס סאַמאַגאָן, און אַליין נישט באַמערקט ווי כ׳האָב זיך אָנגעהויבן באַניצן מיטן לשון פון די פּאַרטיזאַנער. אויך מײַן באַצי צו עלקען האָט זיך געענדערט. אָפּט פלעג איך זיך בײַ נאַכט אַליין לייגן לעבן איר און נישט אַרויסרעדנדיק קיין וואָרט, אָן שום סימן פון צערט־לעכקייט פלעג איך מיט איר לעבן ווי זי וואָלט פּשוט געווען אַ טייל פון מײַן אינוווענטאַר.

עלקע פלעגט נישט דערווידערן. זי האָט מיך נאָר טרויעריק אָנגע־קוקט מיט אירע גראָע אויגן. זי האָט, בין איך געניגט צו גלייבן, גע־פילט אונטער וואָסערן גײַסטיקן דרוק איך געפין זיך די לעצטע צײַט. און אַ שווײַגנדיקע אַלץ געגומען פאַר ליב.

קאַפּיטל פיר און דרײַסיק

אַן אומגעריכטער אָפּזאָג פון אַ ייִדישן דאָקטאָר

אין גיכן האָבן איבערן הימל אָנגעהויבן צאַפּלען און טאַנצן די ערשטע דעסאַנטן פון דער רויטאַרמייִשער אַוויאַציע. די סאָוועטישע אַוויאָנען פלעגן לאַנדן בײַ נאַכט אין די פינסטער בלאָטעס — אויף צוגעגרייטע פלעצער באַלויכטן פון ברענענדיקע שטורקאַצן. זיי פלעגן ברענגען אַמו־ניציע און וואָפן פאַר די פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער און עוואַקויִרן די שווערקראַנקע.

ס'האָט שוין איצט אויך אָנגעהויבן רעגולער צו פונקציאָנירן אַ שטענ־דיקע ראַדיאָ־פאַרבינדונג צווישן אונדזער בריגאַדע און דעם שטאַב פון פראָנט. פון אונדזער אָטריאַד איז עס געווען אַ מהלך פון אַ הונדערט קילאָמעטערס. מיר האָבן געמוזט דורכשנײַדן דעם הויפּטשאָסיי וואָס האָט געפירט קיין בריסק און וואָס איז שטאַרק באַוואַכט געוואָרן דורך די דײַטשן. נישט איין מאָל איז געקומען צו פאַרביסענע בלוטיקע קאַמפן.

מיט איינעם פון די ערשטע טראַנספּאָרטן קראַנקע איז אויך קאָלקע אַוועקגעשיקט געוואָרן אין אַ גרעסערן צענטער. ס'איז מיר אויסגעקומען אָפּט צו באַגלייטן די טראַנספּאָרטן מיט די שווערקראַנקע פּאַרטיזאַנער. ס'איז געווען אַ געפערלעכער וועג. אָבער ס'האָט מיך נישט אָפּגעשראָקן. אפשר ווײַל איך אויך האָבן אַ געלעגנהייט — האָב איך אַלע מאָל גע־טראַכט — מיט מײַנע אייגענע הענט צו דערשיסן עטלעכע דײַטשע מערזאַוועס.

מיט איינעם פון די דעסאַנטן זענען אָנגעקומען עטלעכע פאַרטרע־טערס פון דער נײַגעגרינדעטער פּוילישער אַרמיי וואָס האָט געדאַרפט זײַט בײַ זײַט מיט די סאָוועטישע אַרמייטיילן קעמפן קעגן די דײַטשן. מ'האָט מיך אַרויסגערופן אין שטאַב און פאָרגעשטעלט עטלעכע פּאַ־לאַקן, וואָס האָבן מיר אין אַ העפלעכן טאָן דערקלערט אַז זיי נייטיקן זיך אין געניטע דאָקטוירים און זענען גרייט מיך אויפצונעמען אין זייער אַרמיי אין ראַנג פון אַ העכערן אָפיציר. און ווי אַ געוועזענער פּוילישער בירגער, האַלטן זיי, דאַרף עס זײַן מײַן פּאַטריאָטישער חוב צו לייסטן

מיט מײַנע פעיִקייטן און קענטעניִשן לטובֿת דעם נײַעם פּוילן וואָס וועט אין גיכן באַפרײַט ווערן פון די פאַרשאָלטענע דײַטשע אָקופּאַנטן.

כ׳האָב זיך דערמאָנט אין דער קליינלעכער ענגהאַרציקער פּאָליטיק און טאַקטיק פון דער פּוילישער רעגירונג לגבי ייִדן און אין די צרות וואָס מ׳האָט געהאַט אויסצושטיין ווי אַ ייִד אין פּוילן. כ׳האָב זיי געענטפערט אַז כ׳געפין זיך דאָ אויף אַ פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן און פיל אויס אויך דאָ מײַן חוב.

אַנטוישטע פון מײַן אָפּזאָג האָבן זיי אינטערווענירט בײַם קאָמאַנדיר פון דער בריגאַדע אַז ער זאָל זען צו פּועלן בײַ מיר, זיי זאָלן נישט אַוועקגיין מיטן לײדיקן.

דער הויכער פּולער קאָמאַנדיר, קאַפּיטאַן באַבקאָוו, האָט געפּרוּווט מיט מיר אײַנטענהן אָבער אויף זײַן שטייגער:

— איר אַליין, דאָקטאָר, דאַרפט דעצידירן — האָט זיך דער קאָמאַנדיר געווענדט צו מיר — דער באַשלוס ליגט אין אײַערע הענט.

— כ׳האָב זיך שוין דעצידירט, חבֿר קאָמאַנדיר — האָב איך אים דערקלערט — איך בלײַב דאָ.

דער קאָמאַנדיר, האָב איך באַמערקט לויט זײַן באַהאַלטן שמייכעלע אויפן פולבלעך־רויטן פּנים, איז געווען ביז גאָר צופרידן פון מײַן אומקאָמפּראָמיסלעכן פעסטן באַשלוס. די פּאָלאַקן דאָקעגן האָבן זיך נישט געריכט, ווײַזט אויס, אָנצוטרעפן אויף אַזאַ צוריקוואָרף פון זייער פאָרשלאָג און אַליין זיך נישט צוגעגלייבט אַז זיי וועלן גאָר נישט קאָנען אויספּועלן אין שטאַב. זיי זענען איצט געזעסן ווי אויף הייסע קוילן. כ׳האָב זיך מיט זיי קאַלט געזעגנט און פאַרלאָזט דעם פּאַרטיזאַנערשטאַב מיט דער פּולער סאַטיספאַקציע אָט אַזוי ווי ס׳דאַרף האַנדלען אַ שטאָלצער ייִד.

קאַפּיטל פינף און דרײַסיק

די גרויסע דײַטשע אָבלאַווע אין די פּושטשעס

אין אַ צײַט אַרום איז אָנגעקומען אַ באַפעל פון שטאַב אַז די גאַנצע בריגאַדע דאַרף זיך צוגרייטן צו אַן אָפּענעם קאַמף מיטן דײַטשן גאַרניזאָן וואָס געפינט זיך אין דער געגנט פון קאָסאָווע. די דײַטשן קלייבן זיך צו רעקווירירן די קי פונעם פּאַרטיזאַנישן דאָרף ביעלאַבירי פאַר דער דײַטשער אַרמיי. די גאַנצע בריגאַדע דאַרף זײַן מאָביליזירט צו געבן אַן אָפּשטויס אַז ס׳זאָל זיי אָפּנעמען דער חשק צו וועלן באַרויבן די דאָרפישע באַפעלקערונג, וואָס וועט אַזוי אַרום זײַן אויסגעשטעלט אויף הונגער.

אין משך פון עטלעכע טעג האָבן זיך פאַראייניקט די איינצלנע אָטריאַדן. אונטער דער קאָמאַנדע פונעם פּולקאָווניק באָבראָוו האָט די בריגאַדע, אַ גוט באַוואָפנטע מיט גרויסע זאַפּאַסן אַמוניציע, אויפגענומען אַן אָפּענעם קאַמף מיט די דײַטשע איבערפאַלערס.

איך האָב זיך געפינען נישט ווײַט פון דער ערשטער ליניע כּדי ווי צום גיכסטן קאָנען צוטיילן הילף די פאַרוווּנדיקטע. אינעם פאַרביסענעם קאַמף זענען געפאַלן דער פּולקאָווניק באָבראָוו און זײַן שטאַב־נאַטשאַלניק. די דײַטשן האָט זיך אָבער די אָפּעראַציע נישט אײַנגעגעבן. די פּאַרטיזאַנער האָבן נישט דערלאָזט מע זאָל צונעמען די בהמות בײַ די פּויערן. זיי האָבן אַרויסגעפירט די קי אין וואַלד אַרײַן צוזאַמען מיט אַ גרויסן טייל פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג וואָס האָט מורא געהאַט פאַר סאַנקציעס פון דער דײַטשער אָקופּאַציע־מאַכט וואָס באַשטראָפט אומברחמנותדיק די וואָס שטעלן זיך איר אַנטקעגן.

נישט לאַנג אָבער האָט געדויערט אונדזער מנוחה. די דײַטשן האָבן זיך איבערגעצײַגט אַז די פּאַרטיזאַנער זענען געוואָרן פאַר זיי אַ פּאָטענציעלע סכּנה. די רעגולמעסיקע פאַרבינדונג צווישן זייער פראָנט און די הינטערשטע אַרמייטיילן האָבן אויפגעהערט צו פונקציאָנירן צוליב די סיסטעמאַטישע איבערפאַלן פון די פּאַרטיזאַנער. חוץ דעם וועלן זיי אין פאַל פון אַ ריקצוג זײַן געצוווּנגען צו קעמפן אויף צוויי פראָנטן.

אָנהייב פרילינג, 1944, האָט די רײַכסווער אָנגעהויבן דורכפירן אַן

אַלגעמיינע אָבלאַווע אין די ביעלאָוויעזשער, ריזשינויער און פּרוזשע־נער פּושטשעס. אונדזער אָטריאַד האָט מען צעטיילט אויף קליינע גרו־פּעס, און מײַן שפּיטאָל האָט מען איבערגעטראָגן נאָך טיפער אין די בלאָטעס. די פּאַרביטערטע קאַמפן אויף טריט און שריט האָבן אָנגע־האַלטן אַ לענגערע צײַט. ס׳זענען געווען אַ סך געפאַלענע און פאַרוווּנ־דיקטע פּאַרטיזאַנער. ערשט נאָך עטלעכע חדשים נאָך דער דײַטשער בלאָקאַדע האָט זיך אונדזער בריגאַדע צוריק געקערט אויף דער אַלטער באַזע און מײַן שפּיטאָל — אין זײַן זעמלאַנקע.

איך דערמאָן זיך אַז איינער פון די ערשטע, וואָס האָט אונדז באַ־זוכט, איז געווען לאָלעק. אונדזער פרייד איז געווען גרויס. בעת דער אָבלאַווע האָט ער שוין נישט געהאַט קיין צײַט זיך אויסצובאַהאַלטן אין די זומפּן. די דײַטשן האָבן אַרומגערינגלט דעם טייל וואַלד ווו ער האָט זיך געפינען. ווען ער האָט געזען ווי די דײַטשן דערנענטערן זיך מיטן געשטרעקטן געווער, איז ער אַרויפגעקראָכן אויף אַ הויכן ברייטצע־צווײַגטן בוים און איז דאָרט אָפּגעזעסן גאַנצע דרײַ טעג און נעכט ביז די דײַטשן זענען אַוועק.

אויפן בוים האָט ער זיך דערנערט מיט די בלעטער וואָס האָבן גע־דיכט באַדעקט די צווײַגן. און אַזוי האָט ער זיך געראַטעוועט. ביז הײַנט קען ער נישט תּופס זײַן ווי אַזוי ס׳האָט זיך אים אײַנגעגעבן אַרויפצו־קריכן אויפן גלאַטן הויכן בוים. עפּעס נאָר מיט אַן אוממענטשלעכן כּוח, וואָס ס׳איז נישט צו באַגרײַפן פון וואַנען ער האָט זיך צו אים דערנומען, האָט ער זיך מיט ציין און נעגל אַרויפגעקריגן אין דער הויך. אַזוי גרויס איז אין אים געווען דער אַטאַוויסטישער כּוח איבערצוהאַלטן און בלײַבן לעבן.

קאַפּיטל זעקס און דרײַסיק

די סאָוועטישע אָפּענסיווע אויף אַלע פראָנטן

די לאַגע אויף אַלע פראָנטן האָט זיך כּסדר געענדערט צום בעסערן. לויט די ידיעות, וואָס אונדזער פּאַרטיזאַנער־צײַטונג האָט געבראַכט, האָט די רויטע אַרמיי אָנגעהויבן אַ גענעראַל־אָפּענסיווע אויף דער גאַנצער לענג און ברייט פונעם פראָנט. אַגב איז שוין איצט די צײַטונג אַרויסגעגאַנגען אויף אַ לײַטישן אופן. געווען געדרוקט אויף ווײַסן צײַטונג־פּאַפּיר און אין אַ סך אַ ברייטערן פאַרנעם.

דאָס ראָד פון דער געשיכטע האָט זיך האַסטיק גענומען דרייען אויף צוריק, פונקט אין דער פאַרקערטער ריכטונג ווי די דײַטשן האָבן אויסגערעכנט און זיך פאָרגענומען. די רײַכסווער איז געווען געצוווּנגען זיך צוריקצוציִען און האָט געלאָזט הינטער זיך חרובע צעשטערטע שטעט און דערפער. דאָס הערנפאָלק, וואָס האָט געוואָלט פאַרשקלאַפן לענדער און פעלקער, האָט מיט איין מאָל אויפגעהערט צו זײַן „הערן" און „איבערהערן". פאַרקערט, פאַרוויקלט און פאַרפּלאָנטערט אין שווערע בלוטיקע קאַמפן און שלאַכטן האָב זיי אָנגעהויבן פילן דעם ביטערן גרויליקן טעם פון כּסדרדיקע מפּלות.

אונדזערע קאָנטאַקטן מיטן פראָנט זענען איצט געוואָרן אַ סך בעסערע. אַ דאַנק דער שטענדיקער ראַדיאָ־פאַרבינדונג זענען די אַקציעס פון די פּאַרטיזאַנער געווען קאָאָרדינירט מיטן פאַרויס מאַרשירנדיקן פראָנט פון דער רויטער אַרמיי וואָס האָט דערלאַנגט מאַכטיקע קלעפּ דעם אָפּטרעטנדיקן שונא.

די אַליִירטע האָבן אויך דורך כּסדרדיקע רעגולערע לופט־באָמבאַרדירונגען אָנגעהויבן פאַרוואַנדלען דײַטשע שטעט אין ברענענדיקע חורבות. די ציווילע דײַטשע באַפעלקערונג, וואָס האָט געווייסלאָז גערירשנט די מלבושים, האָב־און־גוטס פון די באַרויבטע און פאַרפּײַניקטע ייִדישע מענער, פרויען און קינדער האָט אויף דער אייגענער הויט גענומען פילן דעם טעם פון דער מילחמה. נישט געקוקט אויף דער פאַרשפּרייטער און צעפּויקטער דײַטשער פּראָפּאַגאַנדע, איז דער גלויבן אין אַ נצחון, אינעם „ענדזיג" געוואָרן וואָס אַ מאָל אַלץ שוואַכער.

יעדער פון אונדז האָט מיט אַ דערלייַכטערונג געפילט אַז דער קריג האָט אָנגענומען אַן אַנדערע ווענדונג. אַ דאַנק דעם אַרייַנבאַקומענעם מאָדערנעם געווער האָט נישט איין מאָל אונדזער בריגאַדע דורכגעפירט דרייסטע און געוואַגטע אָנפאַלן אויף קלענערע מיליטערישע איינהייטן פונעם צעטומלטן און איבערגעשראָקענעם שונא. ס'זענען שוין איצט געווען נישט די זעלבע דייַטשעלעך וואָס פריִער. זיי האָבן שוין איצט געהאַט אַן אויסזען פון אַ געשלאָגענעם הונט.

אין מייַן זעמלאַנקע־שפּיטאָל האָט מען אַרייַנגעשטעלט מער פּריטשעס. איך פלעג איצט אַרבעטן אַכצן און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת. אין אָט דער צייַט האָב איך געלעבט אין אַ שטענדיקן אויפגעמונטערטן רויש און באַרויש. כ'האָב ענדלעך דערלעבט דעם מאָמענט, ווען די דייַטשע בעסטיעס האָבן אָנגעהויבן בלוטיק צו באַצאָלן דעם לאַנגן חשבון וואָס מיר האָבן געהאַט מיט זיי. ס'איז ערשט בלויז געווען אַן אָנהייב, אַן אַדערויף אויפן חוב. ביידע זייך באַקעמפנדיקע אַרמייען האָבן זיך נאָך געשלאָגן אויף דער טעריטאָריע וואָס דער דייַטש האָט געהאַט אָקופּירט, און די פאַרשטאַרקטע פּאַרטיזאַנישע איבערפאַלן האָבן צוגעטראָגן זייער חלק און געשאָדנט די דייַטשן אויף טריט און שריט.

דער שפּיטאָל אונדזערער איז איצט פול געווען מיט קראַנקע און פאַרווונדיקטע. ווי אַזוי כ'האָב עס פיזיש געקאָנט איבערטראָגן פאַרשטיי איך נישט ביז הייַנט. ס'איז פאַר מיר געבליבן אַ רעטעניש. מיט מייַנע צעשויבערטע גראָע האָר און רויטע אונטערגעליאַמעוועטע אויגן פון ווייניק שלאָפן האָב איך געמוזט אויסזען ווי אַ געשפּענסט. כ'האָב עס דערקענט אינעם פאַרזאָרגטן בליק פון עלקען וואָס דאָס פּריוואַטע לעבן אונדזערס האָט זיך איצט בכלל געענדיקט.

קאַפּיטל זיבן און דרײַסיק

אַ נאַכט פֿון געוויין, געבעט און צוריקהאַלט

אין אַ נאַכט האָט מיך אויפֿגעוועקט אַ שטיל געוויין, וואָס איז דער־גאַנגען צו מיר פֿון עלקעס פּריטשע, איבערגעריסן דורך אַ מענערשטים וואָס נאָך אַ ווײַל האָב איך אין איר דערקענט לאַלעקס קול:

— דו ווייסט, עלקע — האָט זיך דערטראָגן צו מיר זײַן אַרײַנשעפּ־טשען אין איר — נישט געקוקט אויף אַלץ האָב איך דיך ליב. מײַן גרופּע האָט באַקומען אַ באַפֿעל דורכצופֿירן אַ געפֿערלעכע אַקציע. מעגלעך אַז אין אַ חודש אַרום וועל איך זײַן צוריק אויב ס'גליק וועט מיר צושפּילן. וויל איך פֿון דיר, מיר זאָלן הײַנט לעבן צווישן זיך. כ'וויל פֿילן דײַן היים לײַב צוגעדריקט צו מיר, אײַנגעקלאַמערט אין מײַן גוף. נישט איין נאַכט האָב איך וועגן דעם געחלומט און נישט געקענט שלאָפֿן. די שטעלסט זיך גאָר נישט פֿאָר ווי גליקלעך דו קענסט מיך מאַכן.

עלקע האָט זיך ווידער צעוויינט. כ'האָב געהערט איר שטילן צוגע־דושעטן געמורמל:

— כ'קען עס נישט טון... כ'האָב דיך אויך ליב... דו האָסט גאָר נישט קיין אַנונג וואָס איך לעב איצט דורך... אָבער דו ווילסט פֿון מיר אַן אוממעגלעכע זאַך... איך געהער אַ צווייטן...

דעם אמת געזאָגט, איז אָט דאָס אַלץ געווען פֿאַר מיר מאָדנע משו־נהדיק, ממש אומפֿאַרשטענדלעך. דאָ ליגט לעבן איר אַ יונגער שיינער בחור וואָס זי האָט אים באמת ליב. מאָרגן גייט ער אַוועק אויף אַ קאַמף־אַקציע. פֿאַר וואָס זאָל זי אים נישט שענקען אַ גליקלעכע נאַכט? אפֿשר וועט עס זײַן די לעצטע נאַכט אין זײַן לעבן? כ'האָב שוין פֿריִער אונ־טערגעשטראָכן אַז מײַנע מענטשלעכע געפֿילן זענען דאָ געוואָרן אָפּגע־טעמפּט. דאָס געפֿיל פֿון אייפֿערזוכט איז מיר געווען פֿרעמד. כ'וואָלט איר האַנדלונג באַטראַכט פֿאַר נאַטירלעך ווען זי גיט זיך אים איבער. איר רעאַקציע אָבער איז געווען אַ נײַער אויסברוך פֿון אַ שטיל האַרצ־רײַסנדיק געוויין וואָס האָט נישט אויפֿגעהערט און מיך נישט געלאָזט צו טון קיין אויג. מאָרגן האָט אויף מיר געוואַרט אַ שווערער טאָג אַר־בעט. כ'האָב זיך איצט געניטיקט אין די פּאָר שעה שלאָף. כ'האָב זיך

שטיל אויפגעהויבן פון מײַן פּריטשע, אויפגערוקט דעם פאָרהאַנג און קוקנדיק אויף דער פּלייצע לאַלעקן וואָס איז געלעגן אויסגעדרייט מיטן פּנים אין עלקעס זײַט, האָב איך אַ שעפּטשע געטון:

— לאָז זי אָפּ, לאַלעק... קום צוריק אַ געזונטער און גאַנצער.

כ'האָב זיי איבערגעלאָזן און בין אַרויס אין דרויסן. כ'האָב זיך פאַר־געשטעלט ווי שווער און ביטער מוז איצט זײַן לאַלעקן אויפן האַרצן. צוויי מענטשן האָבן זיך ליב און קאָנען זיך נישט געהערן איינער דעם אַנדערן, גלײַך ווי אַן אומגעזעענע וואַנט וואָלט געשטאַנען צווישן זיי און לאָזט זיי נישט פאַראייניקן זיך, צונויפגיין אַפילו אויף אַט דער איינער נאַכט.

צו מאָרגנס האָט עלקע נישט דערמאָנט מיט קיין וואָרט צו מאָל דאָס וואָס איז פאָרגעקומען בײַ נאַכט. בלויז די טיפע שאָטנס אונטער אירע אויגן האָבן אויסגעזאָגט וויפל זי האָט געליטן, וויפל לעבן ס'האָט איר געקאָסט. כ'האָב עס נאָר געקענט באַוווּנדערן. מיר האָבן דאָ געלעבט אין אומנאָרמאַלע באַדינגונגען, ווי אין אַ הפקרער וועלט. די לעצטע צײַט בין איך געווען שטענדיק געררייצט. כ'האָב נישט געהאַט פאַר איר קיין צערטלעך וואָרט. פאַרשלונגען פון דער שווערער שפּיטאָל־אַרבעט האָב איך בכלל פאַרגעסן אין אונדזערע זיסע נעכט וואָס מיר האָבן פאַרבראַכט צוזאַמען אין צערטלעכקייט און אין זיסן תענוג פון לעבן.

זי איז געבליבן געטרײַ אירע פּרינציפּן און דער ריינקייט פון איר געוויסן און האָט זיך נישט איבערגעגעבן אַפילו דעם וואָס זי האָט באמת אַזוי שטאַרק ליב געהאַט.

נאָך אַ שטיקל צײַט איז לאַלעק צוריק געקומען בשלום פון דער דורכגעפירטער אַקציע. מיר האָבן אים באַגריסט און אויפגענומען מיט גרויס פרייד. בײַ עלקען האָבן די אויגן ממש געלויכטן. ס'איז געווען קענטיק אויף אַ דערלײַכטערונג, ווי זי וואָלט אַראָפּ געוואָרפן אַ שווערע לאַסט פון איר געוויסן.

קאַפּיטל אַכט און דרײַסיק

געפאַנגענע דײַטשע זעלנער אין פּאַרטיזאַנישן שטאַב

לאַלעק האָט אונדז דערציילט אַז בעת דער קאַמף-אַקציע האָבן זיי גענומען געפאַנגען עטלעכע דײַטשע מיליטער-לײַט און מ'האָט די העכט געבראַכט מיט זיך אין שטאַב אַרײַן אויף אַ פאַרהער. אַזאַ געלעגנהייט צו זען מיט די אייגענע אויגן אַ געפאַנגענעם פאַרשטייער פונעם „הערנ-פאָלק" האָב איך בשום-אופן נישט געוואָלט דורכלאָזן. גלײַך אויף מאָרגנס האָב איך געבעטן אַ דערלויבעניש בײַ אונדזער קאָמאַנדיר צו פאָרן אין שטאַב אַרײַן און האָב זי טאַקע באַקומען אויפן אָרט.

דאָס זענען שוין אָבער געווען גאַנץ אַנדערע יעקעס, שוין נישט די זעלבע וואָס פריִער. שוין נישט געווען מער קענטיק קיין סימן פון זייער פאַררימנקייט און חוצפּהדיקייט. כ'האָב געהאַט פאַר זיך נעבעכדיקע אויסגעהונגערטע דײַטשעלעך מיט אײַנגעפאַלענע פּנימער און אָפּגעריסענע מונדירן. די פיס פאַרוויקלט אין שמוציקע שמאַטעס. ס'איז איצט נישט געווען מער ניכּר קיין זכר פונעם בילד וואָס ס'איז מיר געבליבן פון די דײַטשן, די באַלעבאַטים פון לעבן און טויט פון די ייִדן אין אונדזער געטאָ. זיי זענען דעמאָלט געגאַנגען אָנגעטון אין עלעגאַנטע מונדירן מיט בלישטשענדיקע שטיוול. מיט די אויסגעפרעסענע מאָרדעס האָבן זיי געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויף די באַשעפענישן מיט די גרויסע געלע לאַטעס וואָס זענען דורך די אויבערהאַרן פאַרמישפט געוואָרן אונטער די אויגן צום טויט. זייער געמיינע נידערטרעכטיקע האַלטונג מיט די פאַרשטאָכענע שליפעס איז געווען הימל ווײַט פון זייער איצטיקן אויסזען, נישט דערוועגנדיק צו קוקן ווען גלײַך אין די אויגן אַרײַן, ווי אמתע פאַרברעכערס. כ'האָב זיי אָנגעקוקט מיט אַן אָפענעם בליק און זיי אַ שפּײַ געגעבן אין זייער מיאוסן פּרצוף אַרײַן און געשריגן צו זיי:

— דאָס שפּײַט אויף אײַך אַ יודע וואָס איר האָט אים אָנגעטון אַ געלע לאַטע. כ'האָב גענוג זיך אָנגעליטן ביז איך האָב זיך אויף דעם דערוואַרט.

ווי כ'האָב זיך שפּעטער דערוווּסט, האָט מען אַלע דײַטשע געפאַנ-

גענע, אַ חוץ עסעסלייט, איבערגעשיקט אין אַ ספּעציעלן איבערדערציִונג־לאַגער. זיי האָבן געדאַרפֿט בילדן מיט זיך דעם קערן פֿונעם מיליטער פֿון דער קומענדיקער דײַטשער פֿרײַער פֿאָלק־רעפּובליק. און ס׳איז גאָר נישט אויסגעשלאָסן אַז די זעלביקע דײַטשן, וואָס כ׳האָב זיי געשפּיגן אין פּנים אַרײַן, וועלן שפּעטער פֿאַרנעמען הויכע פּאָסטנס אין נײַעם נאָכמילחמהדיקן דײַטשלאַנד.

די באַריכטן פֿון פֿראָנט זענען איצט געוואָרן אַלץ מער אָפּטימיסטישע. די רויטע אַרמיי האָט זיך פֿאָמעלעך, אָבער אָן איבעררײַס עקשנותדיק באַוועגט פֿאָרויס און דערלאַנגט די דײַטשן מוראדיקע קלעפּ. די אַלייִרטע אַוויאָנען האָבן טאָג און נאַכט באָמבאַרדירט מיליטערישע אָביעקטן און שטעט אין טיף דײַטשלאַנד. ס׳איז שוין איצט געוואָרן קלאָר פֿאַר אַלעמען אַז די מפּלה פֿון דריטן רײַך דערנעענטערט זיך מיט גיכע ראַשיקע טריט.

קאַפּיל נײַן און דרײַסיק

מיראָן — אַן אָפּגעפּונענער קוזין צווישן די פּאַרטיזאַנער

איך געדענק, ס'איז געווען אַ שיינער יולי־טאָג אין 1944.

באַלד אין דער פרי בין איך אַרויס אין דרויסן כאַפּן אַ ביסל פרישע לופט אין נאָענטן וואַלד נאָך אַ שווערער שטיקנדיקער נאַכט אין דער שפּיטאָל־זעמלאַנקע, ווו ס'האָט שטענדיק געהערשט אַן אומדערטרעגלע־כע איבלדיקע דושנעקייט. מײַנע לונגען האָבן תּענוגדיק אײַנגעזאַפּט אין זיך די פרישע פאַרטאָגיקע ריחות פון דער ערד. כ'האָב ליב געהאַט אַזעלכע מילדע זומערטעג. דער גערויש און געשאַרך פון די סאָסנעס האָבן געווירקט באַרויִקנדיק און געמאַכט פאַרגעסן אין דער אַרומיקער האַרבער ווירקלעכקייט, די אַכזריותדיקע בלוטיקע מילחמה, די רוצחי־שע דײַטשן, מײַנע קראַנקע און פאַרווונדיקטע. איך האָב נאָר געזען די נאָדלביימער וואָס האָבן געשמעקט מיט זשיוויצע און פּעך, דעם גערדיכטן וואַלד וואָס האָט זיך אַוועקגעצויגן ווײַט אין דער אומענדלעכקייט אַרײַן, פאַרדעקט און באַהאַלטן אין זיך אַזוי פיל סודות. מיר האָט זיך געדאַכט אַז די אַלע געשעענישן אין דער דרויסנדיקער וועלט, ווי האַרב זיי זאָלן נישט זײַן, קאָנען זיי אים נישט דערשיטערן. ער איז געווען און גע־בליבן אַ שטומער עדות פון אַלעמדינג וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין און אַרום אים. כ'האָב אים באַטראַכט, דעם וואַלד, ווי מײַן היים און געפילט אַ טיפע צוגעבונדנקייט צו אים ווי אַ פּויער צו זײַן שטיקל ערד.

פּלוצעם האָב איך פון ווײַטן באַמערקט וואַנקען, וואָס האָט מיר געגעבן צייכנס מיט די הענט אַז ער האָט מיר איבערצוגעבן וויכטיקע נײַעס. גלײַך ווי ער איז צוגעקומען האָט ער מיר אין איין אָטעם דער־קלערט אַז אין שטאַב איז אָנגעקומען אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער פון אַ צוויי־טער בריגאַדע און איינער פון זיי האָט זיך נאָכגעפרעגט אויפן דאָקטאָר סמאָלינסקי. ער זוכט אים די גאַנצע צײַט אַרום. ער זאָגט אַז דער דאָק־טאָר איז זײַנער אַ לײַבלעכער קוזין. כ'האָב אים געזאָגט — האָט וואַנקע גערעדט אַן אײַליקער — אַז אין דמיטראָווסקי אָטריאַד איז דאָ אַ דאָק־טאָר מיט אָט דעם נאָמען.

— כ'האָב זייער ווייניק צײַט — האָט זיך וואַנקע פֿאַר מיר ווי פֿאַרענטפֿערט — די גרופּע מוז זיך גלײַך צוריק קערן צו איר אָטריאַד. כ'בין טאַקע געקומען צו לויפֿן אַהער אײַך עס אָנצוזאָגן איר זאָלט וויסן. אפֿשר וועט איר אים נאָך טרעפֿן אין דער בריגאַדע — האָט ער האַסטיק צוגעגעבן אין גרויס אײַלעניש.

ווי שווער איז אָפּצושאַצן אַ מענטשלעכע נשמה! דער זעלביקער וואַנקע, וואָס איז געווען אויף מיר אין כּעס צוליב עלקען, איז געלאָפֿן אַן ערך צוואַנציק קילאָמעטערס בכדי צו ברענגען מיר די פֿריילעכע בשורה. ווען כ'וואָלט זיך נישט געשעמט וואָלט איך אים אַרומגענומען, דעם הויכן שייגעץ, און פֿאַר פֿרייד זיך געקושט מיט אים. כ'האָב אים אָבער בלויז האַרציק באַדאַנקט און אים געלאָזט לויפֿן. און אַליין בין איך אַן אײַליקער און אויפֿגערודערטער אַוועק אין שטאַב.

ס'מוז זיכער זײַן מיראַן — האָב איך געטראַכט בײַ זיך. אָנהייב 1942 האָט מיראַן, צוזאַמען מיט אַ גרופּע באַקאַנטע, פֿאַרלאָזט דעם געטאָ. זיי זענען אַלע אַוועק אין וואַלד אַרײַן. ער האָט געהאַט בדעה זיך אָנצושליסן צו די פּאַרטיזאַנער. נישט געקוקט אויף מײַנע פּילמאָלי-קע באַמיִונגען האָט זיך מיר נישט אײַנגעגעבן עפּעס וואָס מער צו הערן פֿון אים. צו מײַן גרויס גליק האָט די פֿרעמדע גרופּע פּאַרטיזאַנער נאָך נישט געהאַט פֿאַרלאָזט דעם שטאַב. שוין פֿון ווײַטן האָב איך דערקענט מיראַנס הויכע דאַרע געשטאַלט. מיר האָבן זיך געוואָרפֿן איינער דעם צווייטן אין די אָרעמס. נאָך לאַנגע יאָרן זענען טרערן גערונען איבער מײַן פּנים.

— לאָז מיך כאָטש דיך גוט אָנקוקן — האָב איך זיך אָנגערופֿן נאָכן האַרציקן אַרומנעם. פֿון זײַן אויסגעמאָגערט פּנים האָבן אַרויסגעשטאַר-טשעט אַ פּאָר אויגן פֿול פּײַן און טרויער. ער האָט זיכער, ווי אַלע פּאַר-טיזאַנער, אַדורכגעמאַכט שווערע צײַטן אין וואַלד:

— דו האָסט זיך אַ שפּאַר ביסל געעלטערט — האָט ער געקוקט אויף מיר מיט אַ נײַגעריקייט — אָבער ביסט געבליבן דער זעלבער. כ'האָב געהערט רעדן וועגן דיר בײַ אונדז אין דער בריגאַדע. בײַ די פּאַרטיזאַנער ביסטו באַקאַנט פֿאַר אַ דאָקטאָר וואָס באַווײַזט וווּנדער. אונדזער בריגאַדע געפֿינט זיך זייער ווײַט און מיר מוזן זיך טאַקע גלײַך לאָזן אין וועג אַרײַן.

— אין גיכן וועט מען דיך זיכער איבערטראָגן אין מײַן אָטריאַד — האָב איך זיך צו אים שטיל אָנגערופֿן.

כ'בין צוגעגאַנגען צום קאָמאַנדיר פֿון דער בריגאַדע און האָב אָנ-געוויזן אויף מיראַנען:

— דאָס איז מיין קוזין, חבר קאָמאַנדיר, כ׳האָב אים איצט צום ערשטן מאָל באַגעגנט אין וואַלד און כ׳בעט דיך, זאָלסט אים איבער־טראָגן אין מײַן אָטריאַד.

דער קאָמאַנדיר האָט אָן צײַטפאַרליר דיקטירט דעם מיידל בײַ דער שרײַבמאַשינקע אַ פּאָר קורצע שורות, אונטערגעשריבן און עס איבער־געגעבן דעם עלטסטן פון דער גרופּע און קלאַפּנדיק מיר פרײַנדלעך אין פּלייצע האָט ער מיר פאַרזיכערט אַז אין זייער בריגאַדע וועלן זיי עס גלײַך דערליידיקן.

— מיר האָבן זיך דאָך אַזוי פיל צו דערציילן איינער דעם אַנדערן — האָב איך זיך אָנגערופן צו מיראָנען — אין גיכן אָבער, ווי דו זעסט, וועסטו זײַן מיט אונדז און מיר וועלן האָבן גענוג צײַט אויף אַלעם.

מיר האָבן זיך ביידע אַרומגענומען און האַרציק געזעגנט. מיט אַ וואַרעמען בליק האָב איך אַרויסבאַגלייט די הויכע געשטאַלט פון מײַן קוזין וואָס כ׳האָב שוין אַפילו נישט געחלומט אַז כ׳וועל אים נאָך ווען ס׳איז זען אין מײַן לעבן, אַז ער לעבט בכלל.

אַ פאַרזונקענער אין מײַנע געדאַנקען האָב איך זיך צוריק געקערט אין שפּיטאָל. מיט גרויס פרייד האָב איך עלקען דערציילט פון מײַן אָפּגעפונענעם קוזין און אַז כ׳האָב אויסגעפּועלט, מע זאָל אים אין די נאָענטסטע טעג איבערטראָגן אַהער אין אונדזער אָטריאַד אַרײַן.

אויך זי האָט זיך שטאַרק דערפרייט פון דער גליקלעכער באַגעגע־ניש. אַ גאַנצן טאָג האָב איך נישט אויפגעהערט פון אים צו רעדן. כ׳האָב אים ליב געהאַט ווי אַן אייגענעם ברודער. אונדזערע פאַמיליעס זענען געווען שטאַרק צוגעבונדן איינער צו דער אַנדערער. ער איז געווען, מיראָן, אַ באַשיידענער האַרציקער בחור. מיר זענען צוזאַמען אַנטלאָפן, ווי נאָר דער דײַטש איז אַרײַן אין אונדזער שטאָט און אַוועק קיין סלאָ־נים, ווו ער מיט זײַן שוועסטער מיט אירע קינדער האָבן געוווינט צו־זאַמען מיט מײַן מישפּחה.

כ׳בין שוין לאַנג נישט געווען אין אַזאַ גוטער שטימונג. בײַ נאַכט האָב איך זיך צוגעלייגט צו עלקען אויף דער פּריטשע און איר דערציילט פאַרשידענע געשיכטעס פון מײַן פאַמיליע און אונדזער געבוירן־שטאָט. און דאַן, נאָך אַזאַ לאַנגער צײַט, האָבן מיר די נאַכט ווידער פאַרבראַכט צוזאַמען.

קאַפּיטל פערציק

מיר פאָרן אויף מיראַנס לוויה אין וואַלד

צו מאָרגנס פאַרטאָג האָב איך געזען אָנקומען פון וואַלד וואַנקעס הויכע געשטאַלט וואָס האָט זיך מיט גיכע טריט דערנענטערט צו אונדזער זעמלאַנקע. כ׳האָב דערפילט אַז ס׳איז געשען עפּעס אַ שרעקלעכע זאַך. זײַן ערנסט פאַרזאָרגט פּנים האָט עס מיר גלײַך באַשטעטיקט:

— טאָוואַרישטש דאָקטאָר — האָב איך דערהערט זײַן טרויעריק קול — אונדזער שטאַב האָט באַקומען אַ ידיעה אַז נעכטן בײַ נאַכט האָט די פּאַרטיזאַנער־גרופּע אויפן וועג צו איר בריגאַדע געהאַט אַ צונויפשטויס מיט די דײַטשן און אײַער קוזין מיט נאָך צוויי פּאַרטיזאַנער זענען געפאַלן אין קאַמף.

כ׳בין געווען אין גאַנצן דערשיטערט. כ׳האָב דערפילט אַ שטעכיקן ווייטיק אין האַרצן. מײַן גאַנצער קערפּער האָט אָנגעהויבן ציטערן. מיט אַ טרייסלענדיקער האַנט האָב איך גענומען ס׳פלעשל סאַמאַגאָן און געגעבן עטלעכע שלוק בראָנפן.

— דאָקטאָר — האָב איך ווי פון ווײַטן דערהערט עלקעס קול — לייגט זיך אַ ביסל צו.

כ׳האָב זיך צוגעזעצט אויף מײַן פּריטשע און לאַנג געשוויגן. דער ביטערער גורל האָט מיך נישט געשוינט. נאָך אַזאַ לאַנגער צײַט האָב איך מיראַנען צוריק אָפּגעפונען. ביידע האָבן מיר זיך דורך אַ נס געראַטעוועט פון טויט. כ׳האָב זיך שוין אַזוי געפרייט וואָס ער איז געבליבן לעבן און ערשט נעכטן אים געזען און ווער האָט זיך געזאָלט ריכטן אַז דאָס וועט זײַן אונדזער ערשטע און לעצטע באַגעגעניש אין וואַלד.

— דאָקטאָר — האָט זיך וואַנקע אָפּגערופן — דער קאָמאַנדיר האָט מיך געבעטן איבערגעבן אַז אויב איר ווילט זײַן אויף אײַער קוזינס לוויה וועט אײַך אַ וואָגן אַהינפירן אויפן אָרט.

כ׳האָב נישט געקאָנט אַרויסברענגען פון זיך קיין וואָרט. מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ אַז כ׳בין מסכים צו פאָרן האָבן מיר ביידע פאַרלאָזט די זעמלאַנקע.

**
*

אָן ערך דרײַסיק קילאָמעטערס פון שטאָב האָט די גרופּע, וואָס ס׳האָט זיך אין איר געפינען מײַן קוזין, געהאַט דעם צוזאַמענשטויס מיט דײַטשע דעזערטירן. אין יענער צײַט האָבן אַ סך דײַטשע זעלנער פאַרלאָזן זייערע אָפּטיילן און זיך אויסבאַהאַלטן אין וואַלד.

ווען כ׳בין אָנגעקומען אויפן אָרט האָב איך דערזען דרײַ קברים. אויף איינער פון זיי האָט זיך געפינען אַ קליין ברעטל. מיט אַן אומגע־לומפּערטער שריפט איז געשטאַנען דער נאָמען: מיראָן סמאָלינסקי, גע־בוירן 1915, געפאַלן יולי 1944 אין קאַמף מיט די דײַטשן.

כ׳האָב שטום געקוקט אויפן אָנגעבערגלטן זאַמד וואָס האָט באַ־האַלטן אונטער זיך דעם טויטן גוף פון מיראָנען. ער איז דורכגעגאַנגען דעם געטאָ־גיהנום. עטלעכע יאָר געקעמפט אין וואַלד ווי אַ פּאַרטיזאַן. נישט איין מאָל געזען דעם טויט פאַר די אויגן. ווי דורך אַ נס ניצול געוואָרן בעת דער גרויסער דײַטשער אַבלאַווע, און טיף אין דער פּוש־טשע האָט אים דערגרייכט דעם שונאס קויל און דאָ האָט ער געפינען זײַן אייביקע רו.

די לעצטע זונשטראַלן האָבן שוין שוואַך באַלויכטן דעם הילצערנעם טאָפל איבערן פרישן קבר פון מיראָנען. כ׳האָב נאָך קוים געקענט איבער־לייענען דעם נאָמען „סמאָלינסקי״. דער לעצטער פון דער פאַמיליע וואָס האָט נאָך געטראָגן דעם דאָזיקן נאָמען.

וואָסער איראָניע פון גורל! גאָר נאָענט האָט מען שוין געהערט דעם זיגערישן אויפגערויש פון די טאַנקען פון דער רויטער אַרמיי. אַ סאַלווע פון געווער פאַרמישט מיטן טאַנקען־גערויש, וואָס האָט דורכגע־שניטן די וואַלדישע שטילקייט, האָט אָפּגעגעבן דעם לעצטן כּבֿוד די געפאַלענע פּאַרטיזאַנער.

אַ טיף דערשיטערטער האָב איך זיך אומגעקערט אין שפּיטאָל אַרײַן. דער טויט פון מײַן קוזין מיראָן האָט אויפגעריסן מײַנע אַלטע וווּנדן. דער גרויליקער עבֿר איז אויפגעשטאַנען תּחית־המתים.

— נאָר נישט אַרײַנקלערן צו פיל — האָב איך די גאַנצע צײַט אויפן וועג צום שפּיטאָל אין זיך איבערגעחזרט — אַנישט וועסטו אַראָפּ פונעם זינען.

אַ צעטרייסלטער ביז די טיפענישן פון דער נשמה בין איך אָנגע־קומען אין דער זעמלאַנקע. כ׳האָב אויסגעטרונקען אַ פלעשל סאַמאָגאָן און געבעטן עלקען, אַז נאָר אין זייער אַ דרינגענדיקן פאַל זאָל זי מיך אויפוועקן. כ׳בין גלײַך אַרײַנגעפאַלן אין אַ קאַשמאַרן שלאָף.

קאַפּיטל איין און פערציק

דער וועג פירט קיין בערלין

איך ווייס נישט ווי לאַנג איך בין אַזוי געשלאָפן. ווען כ'האָב זיך אויפגעכאַפּט, האָבן זיך פון אַלע זײַטן געטראָגן צו מיר פרייליכע געזאַנגען. די לײַכטערע קראַנקע האָבן פאַרלאָזן דעם שפּיטאָל און פריידיקע אַנטקעגן געגאַנגען די ערשטע אָפּטיילן פון דער רויטער אַרמיי וואָס איז אָנגעקומען אין אונדזער אָטריאַד.

די רויטאַרמייער און די פּאַרטיזאַנער האָבן זיך אַרומגענומען און געקושט.

— דאָקטאָר — האָבן זיך קראַנקע צו מיר געווענדט פון אַלע זײַטן — מיר האָבן עס ענדלעך דערלעבט!...

— אונדזערע ברידער האָבן אונדז באַפרײַט...

— ערשט איצט פירט דער וועג קיין בערלין...

— דאַוואַי קיין בערלין!...

ווי אַן אויסברוך פון פרייד איז דער „דאַוואַי קיין בערלין" אונטערגעכאַפּט געוואָרן פון אַלע קראַנקע וואָס האָבן געליאַרעמט און געטומלט, געשריגן אויף די העכסטע קולות.

אויך מיר האָט עס געגעבן אַ הייב פון אָרט. כ'בין אַרויס פון דער זעמלאַנקע זיך צו באַגריסן מיט די רויטאַרמייער. ס'איז געווען אַ קליינער טאַנקען־אָפּטייל. דער קאָמאַנדיר איז אַראָפּגעשפּרינגען פון טאַנק און אויפן רוסישן שטייגער זיך צעקושט מיט די פּאַרטיזאַנער:

— דאָס איז אונדזער דאָקטאָר! — האָבן די פּאַרטיזאַנער אָנגעוויזן אויף מיר.

דער רויטאַרמייִשער קאָמאַנדיר האָט זיך אויך מיט מיר האַרציק צעקושט. ער איז גיך אַרײַנגעשפּרינגען אין טאַנק און האָט געגעבן אַ צייכן צו לאָזן זיך ווײַטער אין וועג אַרײַן.

אין אַ קורצער צײַט האָבן זיך באַוויזן שווערע טאַנקען. זיי האָבן

זיך נישט אָפּגעשטעלט. זיי זענען געפֿאָרן ווײַטער. פֿאַרבײַפֿאָרנדיק האָבן זיי אונדז פֿריידיק צוגעווונקען. זיי האָבן זיכער געהאַט אַ באַפֿעל נאָך אַ נאַנד צו פֿאַרפֿאָלגן דעם שונא און נישט געבן אים קיין רגע צײַט אויף צו אָרגאַניזירן אַ ווידערשטאַנד.

מיר האָבן ענדלעך דערלעבט דעם לאַנג-אויסגעבענקטן באַפֿרײַערישן טאָג. פֿונעם ווײַטליגנדיקן שאָסיי, וואָס מיר פֿלעגן אים שטענדיק דאַרפֿן דורכקרייצן קעמפֿנדיק, האָבן זיך דערטראָגן אויפֿטרייסלענדיקע גערוישן פֿון שווערע אַרטילעריע און טאַנקען. זיי וועלן איצט איבערלאָזן הינטער זיך צעשטערטע דײַטשע שטעט און דערפֿער, פֿאַרשרפֿהטע ערדן; ברענגען שרעק און פֿאַרצווייפֿלונג וואָס וועט דער דײַטשער באַפֿעלקערונג דערמאָנען אין די שרעקצײַטן פֿון די האָרדעס פֿון דזשינגיס-כאַן.

דער וועג פֿירט קיין בערלין. מיט אָט דער לאָזונג זענען געווען באַמאַלעוועט די סאָוועטישע טאַנקען מיטן אָפּצייכן פֿון אַ רויטן פֿינפֿעקיקן שטערן.

קאַפּיטל צוויי און פערציק

די פּאַרטיזאַנער באַקומען מעדאַלן פאַר העלדישקייט

אין גאַנצן צופעליק האָב איך באַקומען אין האַנט אַרײַן דעם לעצטן נומער פון דער מאָסקווער „פּראַוודאַ". אויף דער ערשטער זײַט פון דער צײַטונג איז געווען אַן אַרטיקל וואָס האָט געהייסן „אַטאַמסטים!" מיר וועלן נקמה נעמען! געשריבן פונעם באַרימטן שרײַבער איליאַ ערענבורג וואָס האָט, ווי אַ קריג־קאָרעספּאָנדענט, באַגלייט דער פאָרויס־מאַרשירנ־דיקער רויטער אַרמיי.

מיר האָבן מיט די דײַטשן אַ לאַנגן חשבון — האָט ערנבורג גע־שריבן — ער פירט פון טיפן רוסלאַנד ביז טיף אין דײַטשלאַנד. און מיר וועלן באַצאָלן דעם חוב... מיטן פײַער פון האַרמאַטן און טאַנקען, מיט באָמבאַרדירונגען פון אונדזערע אַוויאָנען. זיי וועלן איבערלאָזן חורבות און אַ פאַרברענטע ערד. מיר וועלן אויסגלײַכן אונדזערע חשבונות.

איך גלייב אַז אינעם בלוטיקן חשבון האָבן אויך נישט געפעלט די מאַסן־שחיטות איבער ייִדן אין די געטאָס; די קאַצעטן און קרעמאַטאָריעס. זײַנע ווערטער האָבן פאַרמאָגט אין זיך אַ פאַרניכטנדיקן האַס און גלײַכ־צײַטיק אויך ווייטיק און צער וואָס נאָר אַ ייִדישע נשמה איז געווען בכוח צו פילן.

יאָ, כ'האָב דערלעבט די נקמה איבערן רוצחישן דײַטשן פאָלק. מיטן דאָזיקן נקמה־געפיל האָב איך געקעמפט דאָ אין וואַלד די גאַנצע צײַט פון דער מילחמה. כ'בין איצט געווען פשוט צעטומלט. כ'האָב נישט געוווּסט וואָס צו טון.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען פאַרזאַמלט די גאַנצע בריגאַדע. בײַם לאַנגן טיש האָבן פאַרנומען זייערע פלעצער אַלע קאָמאַנדירן פון די אָטריאַדן בראָש מיטן בריגאַדע־קאָמאַנדיר. מיר האָט מען אויך צו־געטיילט אַ פּלאַץ צווישן זיי אויבן אָן.

יעדער פּאַרטיזאַן האָט באַקומען צוגעטיילט אַ מעדאַל פאַר זײַן אָנ־טייל אין קאַמף אויף לעבן און טויט קעגן בלוטיקן שונא. אויך איך האָב באַקומען אַזאַ מעדאַל וואָס איז באַשטאַנען פון אַ פּשוט רונדיק שטיקל מעטאַל מיט דער אײַנגעקריצטער אויפשריפט: „פאַר זײַן העלדישן קאַמף

אין דער פּאַרטיזאַנקע״. אָבער וויפל העלדנטאַטן און ליידן האָבן זיך באַהאַלטן הינטער אָט דעם קליינעם שטיקל מעטאַל?!

די גאַנצע בריגאַדע איז אויפגעלייזט געוואָרן. די קאָמפּאַניע האָט מען מאָביליזירט אין דער רויטער אַרמיי. פאַר זיי האָט זיך נאָך די מילחמה נישט געענדיקט.

מיר האָט מען צוגעטיילט אַ ציווילן פּאָסטן ווי קרייזדאָקטאָר פון דער שטאָט פּרוזשענע און עלקע איז באַשטימט געוואָרן פאַר מיין געהילף.

דעם אמת געזאָגט, איז מיר געווען גלייכגילטיק וואוהין מע וועט מיך שיקן. כ׳האָב געפילט אַז פיזיש וואָלט איך איצט אַ פראַנטלעבן נישט איבערגעהאַלטן. ס׳איז שוין נישט געווען פאַר מיינע כוחות.

לאָלעקן האָט מען מאָביליזירט אין דער רויטער אַרמיי. ער האָט זיך מיט אונדז הארציק געזעגנט און צוגעזאָגט אַז ער וועט אונדז גלייך שרייבן כדי מיר זאָלן נישט פאַרלירן צווישן זיך דעם קאָנטאַקט. זיין פּנים האָט אויסגעדריקט אַן אומעט און טרויער. זיכער האָט ער אונדז נישט פאַרלאָזט מיט קיין לייכט געמיט. מעגלעך, אַז ער וואָלט אפשר אַ דאַנק מיינס אַן אינטערווענץ געקאָנט באַקומען אַ ציווילן פּאָסטן אין דער זעלביקער שטאָט ווו מיר זענען געוואָרן באַשטימט. אָבער דער ריינער אמת איז אַז כ׳האָב זיך איצט געפינען אין אַזאַ גייסטיק־דעפּרעסיוון מצב אַז ס׳איז מיר געווען אַלץ איינס. כ׳בין געווען אַזוי גלייכגילטיק צו אַלץ אַרום, אַז דער גורל פון מיין נאָענטסטן פריינד האָט מיך לחלוטין נישט אינטערעסירט.

טרויעריק, ווי אַבלים וואָס שטייען אויף פון שבעה, האָבן מיר פאַרלאָזן די פּושטשעס, ווו מיר האָבן געלאָזט הינטער זיך קברים פון אַזוי פיל פּאַרטיזאַנער און צווישן זיי אויך מיין קוזין מיראָן. דער געדאַנק האָט אין מיר אַ לאַנגע צייט געבויערט מיין פאַרמאַטערטן מוח.

קאַפּיטל דרײַ און פערציק

אויפן פּאָסטן פון אַ קרײַזדאָקטאָר נאָך דער באַפרײַונג

ביז גאָר שווער איז מיר אָנגעקומען זיך צוגעוויינען צו אַ נאָרמאַל-פליסנדיק לעבן. מײַנע פליכטן ווי אַ קרײַזדאָקטאָר האָב איך אויסגעפירט מעכאַניש. כ׳האָב זיך אָבער בשום-אופן נישט געקענט באַפרײַען פון די איבערלעבענישן פונעם ביטערן נאָענטן עבר. כ׳בין שטענדיק אַרומגע-גאַנגען אַן אויפגערעגטער. אַלץ אַרום מיר, יעדע קלייניקייט האָט מיך דענערווירט. כ׳האָב געזוכט עפּעס אַ מיטל אויף צוריק צו געווינען דעם גלײַכוואָג אין מיר און זיך געלאָזט אויפן וועג פון לײַכטן ווידערשטאַנד. כ׳האָב אָנגעהויבן טרינקען.

פון פּרוזשענע האָט מען מיך איבערגעטראָגן אויף אַ העכערן פּאָסטן ווי אַ קרײַזדאָקטאָר פון אַ גרעסערן צענטער, פון דער שטאָט בריסק. ס׳איז שוין געווען אַ גרויסע שטאָט און במילא האָב איך געהאַט מער אויפגאַבעס.

אין מײַן פּילגעפּרוווטן לעבן האָט זיך גאָר נישט געענדערט. אין איינער פון די כסדרדיקע שלאָפלאָזע נעכט בין איך געקומען צום באַ-ווּסטזײַן, אַז איך געפין זיך אויפן וועג צו ווערן אַ נאָטאָרישער כראָני-שער אַלקאָהאָליקער. די איינציקע רעטונג מײַנע — בין איך געקומען צום אויספיר — איז פאַרלאָזן די פאַרשאָלטענע ערד, דער בית-הקברות פון הונדערטער טויזנטער ייִדן, די ערד וואָס האָט אין זיך אײַנגעזאַפּט טײַכן ייִדיש בלוט. און איך דאַרף דאָ אַרומגיין, אַן אָבל, אויף אָט דעם בית-עלמין. דער איינציקער אויסוועג מײַנער וועט זײַן — אַוועקפאָרן ערגעץ ווײַט, ווײַט, ערגעץ אין עק וועלט, ווּ כ׳וועל זיך אפשר קאָנען באַפרײַען פון מײַנע טרויעריקע איבערלעבענישן.

ווי אַ פּוילישער בירגער האָט מיר געדינט די רעכט זיך אומצוקערן קיין פּוילן. דאָרטן וועל איך שוין זיכער געפינען אַ וועג און אפשר אויך די מיטלען צו קאָנען אויסוואַנדערן אין דער גרויסער וועלט.

כ׳האָב אויך באַשלאָסן מיטצונעמען עלקען מיט זיך קיין פּוילן. אַליין אָבער — האָט מיך געמאַטערט דער געדאַנק — אָט אַזוי ווי כ׳בין הײַנט פיזיש און גײַסטיק צעבראָכן און דערצו דער גרויסער אונטערשיד

פון עלטער, וואָלט פשוט געווען אַ פאַרברעכן פון מײַן זײַט, כ׳זאָל זי האַלטן צוגעבונדן צו זיך און צעשטערן איר יונג לעבן. וואָרן וואָס קען זי שוין איצטער דערלעבן בײַ מײַנע עלטערע יאָרן?

אויפן אַנדערן טאָג האָב איך עלקען דערקלערט אַז כ׳האָב באַשלאָסן זיך צו רעפּאַטרירן קיין פּוילן און פון דאָרטן אויסוואַנדערן ערגעץ, זיך לאָזן אין דער וועלט אַרײַן. אויב זי איז מסכּים קען זי אויך מיטפאָרן.

עלקע האָט שוין לאַנג באַמערקט מײַן פאַרצווייפלטע לאַגע און געהאַלטן מײַן באַשלוס פאַרן בעסטן אויסוועג.

נישט אָפּלייגנדיק קיין סך האָב איך אָנגעגעבן אַ בקשה וועגן רעפּאַטריאַציע. די פאַרטרעטערס פון דער אָרטיקער מאַכט האָבן עס נישט געקענט פאַרשטיין און מיר געפּרוווט איבערצײַגן, כ׳זאָל בלײַבן דאָ אין בריסק, ווו איך געפין זיך אויף אַזאַ הויכן פּאָסטן. זיי זעען נישט אײַן קיין שום סיבה פאַר וואָס כ׳וויל אַלץ איבערלאָזן און אַוועקפאָרן. כ׳בין אָבער עקשנותדיק באַשטאַנען אויף ס׳מײַניקע, און די פאָרמאַליטעטן זענען גיך דערלייִדיקט געוואָרן. אַרײַנגעלייגט אַלץ אין מײַן בלעכענער וואַליזקע. מיר האָבן ביידע, איך מיט עלקען, גענומען די באַן און מיר זענען אַוועקגעפאָרן קיין לאָדזש.

קאַפּיטל פיר און פערציק

די געשיכטע פון דער בלעכענער וואַליזקע

מײַן בלעכענע וואַליזקע איז אַ געשיכטע פאַר זיך. כ'האָב זי גע־ירשנט פון אַן עלטערן ייִד פונעם קיראָװוסקער פאַמיליע־אַטריאַד. מ'האָט מיך עטלעכע מאָל צו אים אַרויסגערופן אויף אַ קאָנסיליום. דער קראַנ־קער האָט געליטן אויף אַ שווערער לונגען־אָנצינדונג און מיט זײַן אָפּגע־שוואַכט האַרץ האָט ער געהאַט מינימאַלע שאַנסן עס איבערצולעבן.

— דאָקטאָר — האָט ער מיט אַ קוים הערעוודיק קול זיך געווענדט צו מיר — כ'האָב צו אײַך אַ בקשה. איר זענט דאָך צווישן די ייִדן דאָ שטאַרק באַליבט. אויך פאַר מיר האָט איר זייער אַ סך געטון. איר זעט, דאָרט אין ווינקל שטייט מײַן בלעכענע וואַליזקע — האָט ער מיר אָנ־געוויזן מיט אַ ציטערדיקער האַנט — איך וויל זי אײַך שענקען. דאָס איז אַלץ וואָס איז מיר געבליבן.

כ'האָב אים געטרייסט אַז ער וועט נאָך געזונט ווערן און דעמאָלט וועט ער זי אַליין דאַרפן. כ'האָב אים אָבער געמוזט צוזאָגן, געבן מײַן וואָרט אַז כ'וועל נעמען פאַר זיך זײַן ירושה.

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען מיר טאַקע געבראַכט אין שפּי־טאָל אַרײַן די בלעכענע וואַליזקע מיט אַ צעטל וואָס ס'איז אויף אים געווען געשריבן מיט ציטערדיקע אותיות: „איך ווינטש אײַך, דאָקטאָר, איר זאָלט זי לאַנג נישט דאַרפן באַניצן און גיך געפינען אַ זיכערע היים".

איצט האָט מיך געמאַטערט דער געדאַנק: וואָס וועט זײַן מיט עלקען? דער ענין איז געווען אַ סך שווערער ווי כ'האָב זיך עס פאָר־געשטעלט. די אַלע יאָרן, וואָס מיר האָבן אין איינעם פאַרבראַכט אין וואַלד, האָבן אונדז שטאַרק צוגעבונדן איינער צום צווייטן. זי איז געווען דער איינציקער נאָענטער מענטש וואָס איז מיר פאַרבליבן. איצט וועט מיר אויסקומען צו לעבן אין איינזאַמקייט. זי וועט מיר זיכער פעלן אויף טריט און שריט. כ'האָב מורא געקריגן אַז כ'קען נאָך חרטה האָבן אויף מײַן אָנגענומענעם פּעסטן באַשלוס. און נאָך דעם זעלביקן אָוונט, ווען

מיר זענען אָנגעקומען קיין לאָדוש, האָב איך איר אָפּגעהאַרציק אַלצדינג דערקלערט:

— עלקע, דו ביסט נאָך יונג — האָב איך זי אָנגענומען פאַר דער האַנט — דײַן לעבן איז נאָך פאַר דיר. דו האָסט זיכער ערגעץ קרובים אין די פאַראייניקטע שטאַטן. זיי וועלן דיך אויפנעמען מיט אָפענע אָרעמס. דו וועסט זיך שאַפן אַן אייגן פאַמיליע-לעבן, וועסט האָבן קינדער וואָס וועלן דיך ליב האָבן, דו וועסט לעבן ווי אַ מענטש. דו זעסט דאָך אַליין: כ׳בין אַ צעבראָכענער שאַרבן, אַ פּשוטע מענטשלעכע שברי-כּלי און ס׳האָט נישט דעם מינדסטן זינען אַז דו זאָלסט טיילן מײַן גורל.

עלקע האָט אַ ווײַל געשוויגן, ווי זי וואָלט געווען נאָכגעטראַכט וועגן דעם וואָס כ׳האָב איר נאָר וואָס געזאָגט און מער צו זיך ווי צו מיר געציילט די ווערטער:

— כ׳האָב געוווּסט אַז אונדזערע וועגן וועלן זיך סוף-כּל-סוף צעשיידן — האָט זי נערוועזיש זיך געריבן די הענט און מיך אָנגעקוקט מיט אומ-ענדלעכן טרויער מיט אירע גראָע אויגן.

דאָס איז געווען אַלץ וואָס זי האָט מיר געהאַט צו זאָגן. כ׳האָב זיך נישט פאַרגעשטעלט אין דאָזיקן מאָמענט וואָסער טראַגישער גורל ס׳דער-וואַרט זי אויף יענער זײַט ים. אין אַ קורצער צײַט אַרום האָט עלקע אויסגעוואַנדערט אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

די אַמעריקאַנער קרובים אירע האָבן זי אויפגענומען ווײַט נישט מיט קיין אָפענע אָרעמס. מיסתּמא איז צו זייער באַוווּסטזײַן נישט דער-גאַנגען וואָס ס׳הייסט אַזוינס לעבן אין געטאָ, אַ פאַרפאָלגטע און פאַר-מישפּטע לויפן זיך ראַטעווען אין וואַלד, פירן אַ לעבן פון אַ פּאַרטיזאַ-נער, דעם גאַנצן גיהנום וואָס זי האָט איבערגעלעבט אין די מילחמה-יאָרן אָט אַזוי ווי אַלע פּליטים.

דער סוף איז געווען אַז זי האָט פאַרלאָזט צפון-אַמעריקע און זיך געפּרוּווט אײַנאָרדענען אין קאַנאַדע. אָבער אויך דאָרטן איז איר ס׳לעבן נישט געווען צו לײַכט. און זי האָט זיך צוריק געקערט אינעם ניו-יאָרקער קאָכקעסל. דאָ האָט זי, עלקע, חתונה געהאַט מיט אַ באַוווּסטן איטאַ-ליענישן מוזיקער. אָבער נאָך עטלעכע יאָר צוזאַמענלעבן איז זי זיך מיט אים פונאַנדער געגאַנגען.

זי איז אַוועק, עלקע, אַרבעטן אויף אַ פּאָסטן פון אַ סעקרעטאַרשע אין אַ רעדאַקציע פון אַ יידישער צײַטונג, ווו זי האָט פאַרדינט וואָסער אויף קאַשע. זי האָט קוים געהאַט אויסצוקומען אויף אַ באַשיידן שפּאָ-רעוודיק לעבן. ווי אַ פּועל-יוצא פון אירע טראַגישע איבערלעבענישן איז זי וואָרשײַנלעך אַרײַנגעפאַלן אין אַ שווערער דעפּרעסיע און אַליין גע-

מאַכט אַ סוף צו איר יונג לעבן. זי האָט זיך געוואָרפן אונטער די רעדער פון אַ לויפנדיקן צוג אין אַ ניו־יאָרקער אונטערגרונט־באַן.

אַ טראַגישער גורל און נאָך אַ קרבן פון דער גרויליקער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט. די אַלע פּרטים האָב איך זיך ערשט שפּעטער דער־וווּסט פון באַקאַנטע אין צפון־אַמעריקע.

שוין גלײַך אויפן אַנדערן טאָג אין לאָדזש האָב איך זיך גיך געזעגנט מיט עלקען און אונדזערע וועגן זענען זיך צעגאַנגען אין צוויי באַזונדערע ריכטונגען. כ׳האָב געוווּסט אַז וואָס לענגער ס׳וועט געדויערן אונדזער איצטיק זײַן צוזאַמען, אַלץ שווערער וועט עס זײַן דאָס צעשיידן זיך פאַר אונדז ביידע.

מיט מײַן בלעכענער וואַליזקע אין האַנט בין איך אַוועק אויפן לאָד־זשער וואָקזאַל און אײַנגעשטיגן אין צוג וואָס האָט מיך געפירט קיין שטשעטשין פון וואַנען כ׳האָב געהאַפּט זיך צו לאָזן שפּעטער אין די מרחקים, אין דער גרויסער פרײַער וועלט.

דריטער טייל

קאַפּיטל פֿינף און פֿערציק

אויף דער טמאדיקער דײַטשער ערד נאָכן חורבן

מיר שרײַבן דאָס יאָר 1946, גענוי אַ יאָר נאָך דער קאַפּיטולאַציע פֿון דײַטשלאַנד. איך האָב שוין לאַנג געהאַט בײַ זיך באַשלאָסן ווי צום גיכסטן צו פֿאַרלאָזן אייראָפּע און אויסוואַנדערן קיין צפֿון־אַמעריקע. באַשטימט נישט וועגן מײַן פֿאָרשטעלונג פֿון אַמעריקע ווי אַ גאָלדן לאַנד, אַ פֿאָרשטעלונג וואָס שטאַמט נאָך פֿון מײַנע קינדעריאָרן, נאָר פּשוט דערפֿאַר וואָס איך האָב געוואָלט ווי מעגלעך גיך אַוועק פֿון דער פֿאַרשאָלטענער ערד. כ׳בין געווען טיף איבערצײַגט אַז די פֿאָרמאַליטעטן פֿון מײַן עמיגרירן קיין אַמעריקע וועלן זײַן אָן איבעריקע שוועריקייטן און וועלן לאַנג נישט געדויערן.

פֿאַרלויפֿיק האָב איך אויסגעקליבן שטשעטשין פֿאַר מײַן וווינאָרט, רעכענענדיק זיך מיט דעם וואָס פֿון דאָרטן — אַ גרענעצשטאָט מיט דער רוסישער זאָנע אין דײַטשלאַנד — וועט זײַן צום לײַכטסטן אָנצוקומען קיין דײַטשלאַנד. היות ווי מ׳האָט דערווײַל געדאַרפֿט האָבן צו לעבן, האָב איך אָנגענומען אַ פּאָסטן אין אַ רעגירונג־שפּיטאָל אין מײַן ספּעציאַליטעט פֿון אינערלעכע קראַנקייטן און נישט ווילנדיק האָב איך אָנגעהויבן באַקומען אַ פּריוואַטע פּראַקטיק ווי אַ ווענעראָלאָג.

אין יענער צײַט זענען די ווענערישע קראַנקייטן געווען שטאַרק פֿאַרשפּרייט אין באַפֿרײַטן פּוילן. מײַן גאַלעריע פּאַציענטן איז געווען אַזוי פֿאַרשידנאַרטיק אַז אָפֿט מאָל פֿלעג איך אַליין אונטערשמייכלען. ממש אַלע שיכטן פֿון דער באַפֿעלקערונג זענען געווען אין איר פֿאַרטרעטן, אַזוי ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ קאָמוניסטישן רעזשים, אָנהייבנדיק פֿונעם שפּיטאָל־וועכטער און ענדיקנדיק מיט די העכסטע שפּיצן פֿון דער ציווילער און מיליטערישער אַדמיניסטראַציע מיטן אײנציקן אונטערשייד וואָס דעם וועכטער האָב איך באַהאַנדלט אומזיסט און די נאַטשאַלסטווע אָבער האָט טאַקע גוט באַצאָלט. בדרך־כּלל בין איך נישט געווען געלטגײַציק און איצט, נאָך אַלעמדינג וואָס כ׳בין דורכגעגאַנגען, אַוודאי און אַוודאי נישט. אָבער מײַן פֿרײַנד, וואָס כ׳האָב מיט אים צוזאַמען גע־

זווינט און מיר האָבן אין איינעם אויסגעוואַנדערט, דרך־אַגב, אַ געוועזענער אָפיציר, האָט געהאַלטן אין איין טענהן צו מיר:

— דו געפינסט זיך דאַ אין אַ גאָלדגרוב... דו האָסט איצט אַלע מעגלעכקייטן... ריר זיך נישט פון אָרט און ניץ אויס די צײַט...

איך האָב אָבער געוואָרט אויף דער ערשטער בעסטער געלעגנהייט, איך זאָל זיך קאָנען אַריבערכאַפּן אויף דער דײַטשער זײַט. מײַנער אַ פּאַציענט, אַ שאָפער, האָט מיר צוגעזאָגט, אַז ער וועט מיר העלפן און לאַנג איז מיר נישט אויסגעקומען צו וואַרטן. אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט ער זיך געיאָוועט מיט זײַן לאַסט־אויטאָ. צוזאַמען מיט אַ גרופּע יידן, אײַנגעקוועטשט ווי הערינג אין זײַן גרוזעוויק, זענען מיר אַריבערגעפאָרן די דײַטשע גרענעץ און מיטן צעשעדיקטן שאָסיי־וועג אָנגעקומען קיין בערלין. פון דאָרט האָבן מיר זיך מיט גרויסע שוועריקייטן דערשלאָגן קיין מינכען. דאַ האָב איך זיך אָנגעטראָפן אויף אַ גאַנץ אַנדערער וועלט. רעשטלעך יידן געראַטעוועטע פון די קאַצעטן, יידן וואָס האָבן דורכגעלעבט די מילחמה אויף אַרישע פּאַפּירן, יידן געוועזענע פּאַרטיזאַנער וואָס האָבן געקעמפט קעגן דײַטש אין די וועלדער און יידן וואָס האָבן אָנגעהויבן קומען פון ראַטנפאַרבאַנד מיט דער רעפּאַטריאַציע נאָכן אָפיציעל־געשלאָסענעם אָפּמאַך צווישן רוסלאַנד און פּוילן. אַלע האָבן זיי דאַ געלעבט אויפן סטאַטוס פון „די־פּי״ וואָס די אַמעריקאַנער באַזעצונג־מאַכט האָט זיי גרויסמוטיק באַוויליקט צו געבן. די זעלביקע גרויסמוטיקייט האָט זי אויך אַרויסגעוויזן צו די ליטווינער, אוקרײַנער און אַנדערע נאַצי־געהילפן — אונדזערע נעכטיקע פּײַניקערס און רוצחים.

ס'איז דאַ געווען אַן אָנגעלויף פון אַן ערב־רב פון גאַנץ אייראָפּע. לעבנגעבליבענע, צעטומלטע יידן, אַנגעלאָפענע פון פּוילן, רומעניע, אונגאַרן, טשעכאָסלאָוואַקיע און פון די באַלטישע לענדער. פאַרשטייט זיך, אַז ס'זענען דאַ אויך געווען דײַטשע יידן וואָס האָבן זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט, ווי זיי וואָלטן געווען די עליטע פון די נע־ונדע, היימלאָזע פּליטים. זיי האָבן געגרינדעט זייער אייגענע געמיינדע און געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויף די „אָסטיודן״.

די מערהייט פון די פאַרוואָגלטע יידן האָט זיך אַנטשלאָסן צו עמיגרירן. דער גרעסטער טייל האָט געהאָפט צו קומען קיין ארץ־ישראל. דעמאָלט איז נאָך נישט געווען אַזוי לײַכט און פּשוט. די פרישע וואַנדערונג איז געווען פאַרבונדן מיט דער אומלעגאַלער עליה. דערווײַל האָט מען אָנגענומען נאָר יונגע מענטשן. אַ סך האָבן אָנגעהויבן זוכן קרובים אין צפון־אַמעריקע, קאַנאַדע, אויסטראַליע און אַנדערע לענדער

אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט, וואָס ס׳וואָלט זיי פאַרלייכטערט צו באַ־קומען די אַריינפאַר־דערלויבענישן אין די געגעבענע ערטער.

אַ קלענער טייל אָבער פון די גרעסטעוועטע ייִדן האָט געהאַלטן אַז גראָד איצט איז די ריכטיקע צייט צו מאַכן געשעפטן. ס׳האָט טאָקע לאַנג נישט געדויערט און ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן עפענען פאַרשידענע קלייטן און געוועלבלעך אין פּראָוויזאָריש־צונויפגעקלאַפּטע בודעס. כּמעט ווי איבער נאַכט איז אויסגעוואַקסן אַ גאַנצער האַנדל־צענטער, די באַ־רימט־געוואָרענע מעלשטראַסע, וואָס איז אונטערן דאָזיקן נאָמען אַריין אין דער געשיכטע פונעם נאָך־מילחמהדיקן ייִדישן לעבן אין מינכען. אַגב זענען אין דער זעלביקער סביבה געווען טעטיק די ניי־אויפגעקו־מענע ייִדישע אינסטיטוציעס. מיט איין וואָרט, דאָס גאַנצע ייִדישע לעבן, וואָס האָט ערשט אָנגעהויבן קומען צו זיך, האָט זיך קאָנצענטרירט אויף דער מעלשטראַסע.

דאָ נישט לאַנג האָבן אונדז די דייטשן געפּייניקט און דערנידעריקט, געשלאָגן מכּות רצח, געמאָרדעט, פאַרברענט אין די קרעמאַטאָריעס, אויפגעשטעלט אַ פאַרניכטונג־מאַשין לויט אַ פּערפעקט־אויסגעאַרבעטן סיסטעם וואָס האָט געאַרבעט פיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת, איצט טראָגן זיי אויף זיך אַ מאַסקע פון פרידלעכע בירגער. מע האַנדלט שוין מיט זיי, מע רעדט מיט זיי, מע גריסט זיך מיט זיי אויף טריט און שריט און מ׳איז צוריק מיט זיי אין שטענדיקן קאָנטאַקט. כ׳האָב עס בשום־אופן נישט געקענט פאַרשטיין און וואַרשיינלעך וועל איך דעם דאָזיקן מוראדיקן פענאָמען שוין קיין מאָל נישט קענען באַנעמען מיטן פּשוטן שכל־הישר, ווי אַזוי די דייטשע חיה האָט זיך אויף ס׳ניי פאַר־וואַנדלט אין אַ מענטש מיט מענטשן גלייך. מע וואָלט געדאַרפט אַדורכ־פירן אַ גרינטלעכע פּסיכאָלאָגישע שטודיע בכדי צו דערגיין די סיבה פון דער אומוואַנדלונג פון מענטש־חיה און חיה־מענטש, וואָס ביי די דייטשן איז עס איינס נישט אָפּצוטיילן פונעם צווייטן ווי אַ סיאַמער צווילינג. פונקט אַזוי איז אומדערקלערלעך און שווער צו פאַרשטיין דעם קרבן, דעם לאַגער־ייִד און זיין צופּאַסונג־פעיִקייט צו קאָנען ביי זיך פועלן ווייטער צו באַטרעטן די דאָזיקע ערד וואָס איז דורכגעווייקט פון אומ־שולדיק ייִדיש בלוט וואָס ריזלט נאָך היינט אין די לאַגער־קאַנאַלן, וואָס איז נאָך רעכט נישט פאַרגליווערט געוואָרן און שוין פאַלט איין די מחיצה פון דער געטאָוואַנט און ס׳ווערט אָפּגעווישט יעדער שפּור פונעם פאַרגאָסענעם ייִדישן בלוט, כאָטש ס׳איז נאָך נישט אונטערגעצויגן גע־וואָרן דער לעצטער סך־הכּל. דער חשבון מיט די דייטשע רוצחים פון ייִדישן פאָלק איז נאָך אַלץ געבליבן אָפן...

מײַנע ווונדן זענען נאָך געווען פרישע און טיפע. איך בין דאָ אַרומ־געגאַנגען אויף דער סדומיקער דײַטשער ערד און איך האָב געפילט ווי זי וואָלט מיר געווען געבערענט די טריט, אָט די שטעכיקע דערנערדיקע ערד, וואָס מיר וואָלטן זי קיין מאָל מער נישט באַדאַרפט באַטרעטן אַזוי ווי מ׳האָט הונדערטער יאָרן נישט באַטראָטן די חרם־ערד פון אינקווי־זיטאָרישן שפּאַניע.

מײַן איינציקע באַשעפטיקונג איז איצט געווען צו לויפן איבער די אַמטן, פון איין אַמט צום אַנדערן. איך האָב זיך באַמיט, כ׳זאָל וואָס גיכער באַקומען די רײַזע־דערלויבעניש צו קאָנען תיכּף פאַרלאָזן די פאַר־שאָלטענע דײַטשע ערד.

ענדלעך האָב איך אין אַ טאָג באַקומען די ידיעה זיך צו מעלדן אין אַמעריקאַנער ביוראָ, ווו איך וועל באַקומען דעם עווידעוויד. איך האָב זיך געפילט איבערגליקלעך. שוין יאָרן ווי אָט דאָס געפיל איז מיר געווען פרעמד און כ׳האָב שוין אַפילו נישט געוואַגט צו חלומען דערפון, אַז כ׳וועל נאָך אַ מאָל אין לעבן קענען פילן דעם טעם פון גליק. פרומע ייִדן וואָלטן אַזאַ טאָג פאַרגליכן צו אַ טאָג פון גאולה. בײַ מיר איז עס טאַקע געווען אַן אמתער גאולה־טאָג, אַ דערלייזונג פון אַלע מײַנע פּײַנען און פּלאָגענישן און אַן אָנהייב פון אַ גלויבן אַז אפשר וועלן נאָך אין מײַן לעבן קומען ליכטיקערע מאָמענטן.

קאַפּיטל זעקס און פערציק

אויף דער שיף צום גאָלדענעם לאַנד

ס׳איז געווען אַ העלער ווינטער־פרימאָרגן ווי מ׳האָט אונדז אַוועקגעפירט אין אַ פּאָרט, וואָס איז געלעגן אין דער ענגלישער זאָנע, און מ׳האָט אונדז, אַ גרופּע פּליטים, פאַרלאָדעוועט אין אַן אַלטער פּאַסאַזשיר־שיף. איך זאָג פאַרלאָדעוועט, ווייַל אַנדערש קאָן מען עס נישט אָנרופן דאָס אָנפּאַקן די מענטשן ווי פּי אין אַ לאַסט־וואַגאָן. די שיף האָט געהאַט איין גרויסן זאַל, וווּ מ׳האָט זיך געדאַרפט געפינען אַן ערך אַ חודש צייַט, ווי לאַנג ס׳האָט געדויערט אונדזער רייַזע, און דאָ צוזאַמען פאַרברענגען, עסן און שלאָפן.

די פּאַסאַזשירן זענען אין גרעסטן טייל באַשטאַנען פון יידישע היימלאָזע עמיגראַנטן, אַ טייל געראַטעוועטע פון די לאַגערם. אויף זייערע פּנימער איז נאָך געווען קענטיק דער שפּור פון שרעק און לייַדן. זיי זענען געווען צוריקגעהאַלטן, פול מיט אומצוטרוי און שטיל גערעדט צווישן זיך. ס׳זענען אויך געווען צוריק געקומענע פון ראַטנפאַרבאַנד, וואָס האָבן שוין גאָר אַנדערש אויסגעזען, אַ סך געזונטער, פרישער מיט פרייַע באַוועגונגען, מער זיכערער אין זיך. זיי האָבן גערעדט צווישן זיך נאָרמאַל, זיך אַרומגעטראָגן מיט פּלענער פאַר דער צוקונפט און געגלייבט, אַז נאָך דער שולע וואָס זיי זענען דורכגעגאַנגען אין רוסלאַנד, וועלן זיי זיך נאָך גיך דערשלאָגן צו עפּעס אינעם לאַנד פון אַלע מעגלעכקייטן. פון זייער ווינקל זענען אָפט דערגאַנגען צו מיר קלאַנגען פון רוסישע פּאָפּולערע לידער און זעלנערמאַרשן באַגלייט פון אַ האַרמאָשקע וואָס האָט נאָך געשטאַמט פון רוסלאַנד.

איך האָב זיך געהאַלטן צוזאַמען מיט אַ קלענער גרופּע פּאַרטיזאַנער מיט האַרטע צעאַקערטע פּנימער פון וועלכע דאָס לעבן אין וואַלד האָט נאָך נישט געהאַט אָפּגעווישט זייַנע שפּורן.

די אַלטע אָפּגעדינטע שיף האָט מען שוין פון לאַנג געדאַרפט צוריקציִען פון פאַרקער. קוים וואָס זי האָט זיך געשלעפּט. צוליב פאַרשידענע דעפעקטן האָט זי זיך אָפט אָפּגעשטעלט אין מיטן פאָרן. ווייַזט אויס,

מ׳איז געווען זיכער, אַז פּאַסאַזשירן פון אונדזער קאַטעגאָריע וועלן אומ־געזען אַקצעפּטירן וואָסער שיף ס׳זאָל נישט זײַן אַבי צו דערגרייכן די אַמעריקאַנער ברעגן.

טאָג און נאַכט האָבן מיר געהאַט פאַר זיך הימל און ים. אַזוי זענען אַוועק וואָכן און די פּאַנאָראַמע האָט זיך נישט געביטן. אַ גאַנצן חודש צײַט האָבן מיר זיך געשלעפּט איבער די רויִקע און טייל מאָל צעשטורעמטע כוואַליעס פונעם ים. ביז מיר האָבן אין אַ פרימאָרגן דערזען פון דער ווײַטן די קאָנטורן פון דער פרײַהייט־סטאַטוע, דעם באַקאַנטן סימבאָל פון דער אומאָפּהענגיקייט פון אַמעריקע. ס׳איז נאָך געווען אַ ווײַטער מהלך וועג צום ניו־יאָרקער פּאָרט. ערשט מאָרגן וועלן מיר צוקומען צו דער יבשה. יעדער איינער האָט שוין געפילט אַז ער האָט דערגרייכט זײַן ציל. באַלד וועט ער באַטרעטן די אַמעריקאַנער ערד.

די לעצטע נאַכט האָב איך בשום־אופן נישט געקענט אײַנשלאָפן. פאַרשידענע געדאַנקען האָבן מיך געטראָגן ווי אויף צעברויזטע כוואַליעס. מײַנע איבערלעבענישן אין געטאָ, די אַרומוואָגלענישן איבער די שליאַכן, אין די וועלדער אַרומגערינגלט פון טויטגעפאַרן, דײַטשע פאַרפאָלגונגען און איבערפאַלן — דאָס אַלץ האָט זיך פאַרמישט אין איין קנויל פון קאָשמאַרן. צום בולטסטן אָבער האָב איך זיך דערמאָנט אין מײַן קוזינע און אירע צוויי קליינע קינדערלעך, אַ מיידעלע פון אַ יאָר פיר און אַ יינגעלע פון דרײַ יאָר. דער מאַן אירער, אַ דאָקטאָר, איז געווארן מאָביליזירט אין דער אַרמיי און געפאַלן בעתן פויליש־דײַטשן קריג. איך האָב זיך געפילט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר איר און אירע קינדערלעך. כ׳האָב זיך דערמאָנט מיט וואָסער פרייד און געשריי זיי פלעגן מיך באַגעגענען ווען כ׳פלעג קומען צו זיי אַהיים. מיט זייערע קליינע הענטעלעך האָבן זיי זיך געפלעגט אָנהענגען אָן מיר, זיך טוליען צו מיר און מיך קושן. אָפט אָבער פלעגן זיי מיך שווײַגנדיק אָנקוקן מיט זייערע העלע בלאָע אייגעלעך, און נישט איין מאָל האָט זיך מיר געדאַכט אַז זיי ווייסן פון דער געפאַר וואָס דראָט זיי און זיי זוכן בײַ מיר שוץ אין זייער אומבאַהאָלפנקייט. אין אַזעלכע מאָמענטן פלעגט זיך מײַן הארץ אין מיר צונויפקרעמפּן פון ווייטיק און צער. צום מערסטן אָבער בין איך געווען דערשלאָגן פונעם באַוווסטזײַן אַז כ׳בין אָנמאַכטיק און קאָן פאַר זיי גאָר נישט טון. אָפט פלעג איך אין מײַנע שלאָפלאָזע נעכט אויסטראַכטן די פאַרשידנסטע פּלענער ווי אַזוי זיי אָפּצוראַטעווען פון דער סכנה. ס׳איז געווען פאַר מיר קלאָר אַז דערצו איז געבליבן ווייניק צײַט, אַ פראַגע פון עטלעכע וואָכן אָדער טעג.

אין איינער אַזאַ שלאָפלאָזער נאַכט האָב איך זיך דערמאָנט אַז נישט לאַנג צוריק האָב איך געראַטעוועט דאָס לעבן פון אַ פויערטע בעת אַ קאָמפּליצירטן געבורט. זי איז געגאַנגען שווער צו קינד און געווען אײַנגעשטעלט מיטן לעבן. כ׳האָב אָנגעווענדט אַלע מיטלען, אָפּגענומען דאָס קינד און זי געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט. די פויערטע וווינט נישט ווײַט, אין אַ דאָרף, אין אַ כוטאָר. כ׳האָב זיך מיט איר אַ סך פאַרנומען. כ׳האָב זי געמוזט עטלעכע מאָל באַזוכן אין דאָרף. אין איר צושטאַנד איז נישט געווען מעגלעך זי אַריבערצופירן אין אַ שפּיטאָל אַרײַן. מ׳האָט זי נישט געטאָרט רירן פון אָרט. די פויערטע און איר מאַן האָבן מיר יעדער מאָל, ווען כ׳בין געקומען צו זיי, פאַרזיכערט, אַז זיי וועלן עס קיין מאָל נישט פאַרגעסן, אַז אַ דאַנק מיר איז זי געבליבן בײַם לעבן און זי איז גרייט מיר צו העלפן מיט אַלעם מעגלעכן.

אין יענער נאַכט האָב איך באַשלאָסן צו באַזוכן די פויערטע און זיך פאַרטרויען פאַר איר. ס׳איז פאַר מיר געווען ווי אַ שימער פון אַ האָפענונג. גלײַך צו מאָרגנס אין דער פרי בין איך אַוועקגעפאָרן צו איר אין דאָרף אַרײַן. די פויערטע האָט זיך מיט מיר דערפרייט און אַרײַנגעבעטן אין שטוב, געשטעלט כיבוד. כ׳האָב זיך נישט צוגעריכט צו קיין שום זאַך און פאָרגעשטעלט פאַר איר מײַן פאַרצווייפלטע לאַגע, אַז ס׳האַנדלט זיך דאָ נישט וועגן מיר גופא; ס׳גייט אין לעבן פון מײַנע נאָענטסטע, מײַן קוזינע מיט אירע צוויי קינדערלעך.

די פויערטע מיט איר מאַן זענען אַ לענגערע צײַט געזעסן שטיל. זיי האָבן זיך אָנגעקוקט איינער דעם צווייטן פאַרצווייפלטע, אין דער שטיל אויסגעטוישט צווישן זיך עטלעכע ווערטער, געניי האָב איך נישט געהערט וואָס זיי האָבן צווישן זיך גערעדט. צום סוף האָט מיר די פויערטע דערקלערט מיט אַ געבראָכענער שטים, אַז ס׳איז זיי אוממעגלעך אויסצובאַהאַלטן די מוטער מיט די קליינע קינדער ווײַל זיי וועלן זײַן אײַנגעשטעלט מיט זייער אייגן לעבן. די קינדער אַליין איז זי גרייט אויפצונעמען בײַ זיך אין הויז, כאָטש אויך דאָס איז פאַרבונדן מיט גרויסע געפאַרן. די מוטער אָבער איז אוממעגלעך אַרײַנצונעמען ווײַל מע וועט זי פריִער צי שפּעטער אַנטדעקן... און זי וויל אַפילו נישט ברענגען פאַרן מויל וואָס עס קאָן געשען מיט זיי אַלע.

איך האָב פאַרשטאַנען, קענענדיק די דעמאָלטיקע פאַרהעלטענישן, אַז זי איז טאַקע גערעכט. מיר איז אָבער דערפון נישט לײַכטער געוואָרן. אַ טרויעריקער האָב איך פאַרלאָזן דעם כוטאָר, מורמלענדיק זיי אַ קורצן דאַנק און זיך צוריק געקערט, צעבראָכן און אַנטוישט, אין שטאָט אַרײַן.

כ׳האָב געוווסט אַז מײַן קוזינע וועט בשום-אופן זיך נישט וועלן צע־שיידן מיט אירע צוויי קינדערלעך. איך אַליין בין גאָר נישט אין שטאַנד געווען עם איר פאַרצושלאָגן. איך בין זיכער, אַז אין יענער צײַט זענען אַזעלכע, צי ענלעכע פאַלן געווען אין די הונדערטער און טויזנטער. פאַר מיר אָבער איז עס געווען אַן אויסנעמלעכער, מײַן אייגן בלוט און פלייש. איך שטעל זיך אָפּ וועגן דעם אַזוי אויספירלעך, ווײַל די איבערלעבענישן האָבן זיך טיף אײַנגעקריצט אין מײַן זכרון און זיי וועלן מיך באַגלייטן אין לויף פון מײַן גאַנץ לעבן אַפילו דעמאָלט ווען כ׳וועל שוין האָבן געשאַפן מײַן אייגענע פאַמיליע.

אָט אַזוי האָב איך דורכגעמאַכט די לעצטע נאַכט אויף דער שיף — אויף דער שוועל פונעם גאָלדענעם לאַנד — אַ נאַכט פול מיט קאָ־שמאַרן און אַ מיש-מאַש פון געדאַנקען פון מײַן איבערגעלעבטער טרוי־עריקער פאַרגאַנגענהייט.

קאַפּיטל זיבן און פערציק

אַ פּאָסטן פון אַ רעזידענץ־דאָקטאָר

ווײַגן מײַן צוקונפטיקן לעבן אין אַמעריקע האָב איך מיר קיין גרויסע דאגות נישט געמאַכט. פּאַקטיש בין איך שוין געווען גלײַכגילטיק צו מײַן גורל. וואָס קען מיך שוין דער מאָרגן אינטערעסירן און וואָס קאָנען שוין זײַן מײַנע זאָרגן; וואָס קאָן שוין מיט מיר געשען נאָך דעם אַלעם וואָס איך האָב ביז איצט דורכגעמאַכט אין מײַן לעבן?

די אימיגראַציע־פאָרמאַליטעטן אין ניו־יאָרקער פּאָרט זענען גיך דער־לײדיקט געוואָרן. ענדלעך האָבן מיר באַטראָטן די אַמעריקאַנער ערד — דאָס לאַנד פון וועלכן יעדער אימיגראַנט האָט אַזאַ לאַנגע צײַט געחלומט צו זען עס מיט די אייגענע אויגן, אַן אויסגעבענקטס און אויסגעוואָ־רעמט אין די סאַמע שווערסטע און טראַגישסטע יאָרן פון ייִדישן וואַנ־דער און אומקום. און אָט געפינען מיר זיך שוין, באַפרײַטע פון אַלע צרות און פּײַנען, אויף דער גליקלעכער ערד.

די אימיגראַציע־באַאַמטע האָבן אונדז העפלעך באַהאַנדלט. וואָר־שײַנלעך איז זיי אויך נישט געווען פרעמד דער גורל פון די פרישע אָרײַנגעקומענע אין לאַנד.

איך דערמאָן זיך איין כאַראַקטעריסטישע פראַגע וואָס האָט מיך ביז גאָר פאַרוווּנדערט; מ׳האָט זיי יעדן פון אונדז געשטעלט:

— צי ביסטו בײַ די קלאָרע געדאַנקען? יאָ אָדער ניין?

אַ מאָדנע קאָמישע און לעכערלעכע פראַגע. צום ערשט האָב איך געגלייבט אַז זי איז צוגעגרייט געוואָרן פאַר אונדזער קאַטעגאָריע אי־מיגראַנטן און ס׳וואָלט אויך קיין וווּנדער נישט געווען נאָך די אַלע גיהנומס וואָס מיר זענען דורכגעגאַנגען בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע, ווו נישט איינער האָט טאַקע געקענט אַראָפּ פון זינען. אַרויסגעוויזן האָט זיך אָבער אַז די באַאַמטע זענען פאַרפליכטעט צו שטעלן די פראַגע יעדן אימיגראַנט.

אין פּאָרט האָבן מיך אָפּגעוואַרט עטלעכע באַקאַנטע, וואָס האָבן זיך דערפרייט מיט מיר און מיך גענומען צו זיך אַהיים. דאָרט זענען שוין געווען פאַרזאַמלט אַ ריי לאַנדסלײַט מײַנע און יעדער האָט געוואָלט

וויסן וואָס מער איינצלהייטן פונעם גרויסן חורבן אין פוילן און פון מײַן אייגן לעבן. פון אַלע זײַטן האָט מען מיך באַוואָרפן מיט פראַגן. הערנ־דיק מײַנע אָפּגעהאַקטע קורצע ענטפערס האָבן זיי באַשלאָסן צו לאָזן עס אויף אַ צווייטן מאָל, ווען כ׳וועל זײַן אויסגערוט פון וועג, פונעם אומענדלעך לאַנגן וועג וואָס כ׳בין דורכגעגאַנגען. זיי האָבן זיך הארציק געזעגנט מיט מיר און פאַרזיכערט אַז מאָרגן וועלן מיר זיך ווידער טרעפן, נאָר דערווײַל זאָל איך זיך טאַקע גוט אויסרוען.

איך מוז זיך מודה זײַן אַז נאָך די אַלע פאַרטיזאַנער־יאָרן בין איך געוואָרן אין זיך אַ פאַרשלאָסענער מענטש. כ׳האָב אויסגעמיטן צו קומען אין אַ נענטערן קאָנטאַקט מיט מענטשן און אַלע מאָל זיך באַצויגן מיט אַ געוויסן אומצוטרוי צו דער אַרומיקער סביבה. איצט ערשט האָב איך זיך אָפּגעגעבן דין־וחשבון ווי אַזוי די מילחמה־צײַט האָט מיך געענדערט. פון דער נאַטור בין איך געווען אַ לעבן־לוסטיקער, אַ פרײַנדלעכער, גוט אויפגעלייגט צו אַלעמען. כ׳פלעג שטענדיק געפינען אַ קאָנטאַקט מיט מײַנע פאַציענטן און סתם באַקאַנטע. אמת, ס׳פלעגט טרעפן, אַז כ׳זאָל אויך האָבן דעפּרעסיווע מאָמענטן. אָבער זיי האָבן לאַנג נישט געדויערט. איך וואָלט אפשר איבערגעטריבן ווען כ׳וואָלט זיך באַצייכנט פאַר אַן אויסגעשפּראָכענעם אָפּטימיסט. כ׳בין אָבער גאַנץ ווײַט געווען פון צו זײַן אַ פּעסימיסט. איצט, אַנאַליזירנדיק זיך אָביעקטיוו וואָלט איך דער־גאַנגען צו דער מסקנה אַז איך האָב זיך, אפשר אומבאַוווּסט פאַר מיר אַליין, פאַרוואַנדלט אין אַ כמורנעם שווײַגנדיקן מענטש, וואָס האָט זיך צום בעסטן געפילט, ווען ער איז געווען אַליין, נישט־דערוואַרטנדיק קיין סך פון לעבן געשטופּט פאַר זיך דעם לעבנס־וואָגן מער פון כוח, פון אינערציע, ווי פון פאַרגענומענע צילן. דאָס לעבן אַליין האָט מיך פשוט געשטופּט פאָרויס און איך האָב זיך מעכאַניש געלאָזט פון אים שטופּן אַלץ ווײַטער. מיט אַנדערע ווערטער, כ׳בין געוואָרן אַזאַ מאָדנער מענטש וואָס מע באַצייכנט מיטן וואָרט: אַ טשודאַק, ווי מע זאָגט עס אין רוסיש.

צו מאָרגנס באַלד אין דער פרי, נישט וועקנדיק קיינעם, האָב איך זיך אַרויסגעלאָזט אין גאַס אַרײַן און זיך דערפרעגט צום געזונטהייט־צענטער פאַר פריש־געקומענע אימיגראַנטן. דעם אַדרעס האָב איך נאָך באַקומען אין דײַטשלאַנד. כ׳בין אַוועקגעפאָרן אַהין. דאָס איז געווען מײַן ערשטער קאָנטאַקט מיט אַן אָפיציעלן אַמט. איך מוז מודה זײַן אַז מ׳האָט מיך אויפגענומען גענוג העפלעך און אַפילו מײַן צעקאַליעטשעטער ענג־ליש האָט נישט צעשטערט די פרידלעכע אַטמאָספערע.

דאָרט האָט מען מיר דערקלערט אַז בכדי צו באַקומען רעכט צו פּראַקטיצירן דאָ ווי אַ דאָקטאָר מוז איך מײַן דיפּלאָם נאָסטריפיקירן,

דאָס הייסט, נאָך אַ מאָל באַלייגן אַלע עקזאַמענס פֿון מעדיצין־שטודיום. דאָס דאַרף געדויערן אַן ערך פֿון צוויי ביז דרײַ יאָר. דערווײַל אָבער קען איך אַרבעטן ווי אַ דאָקטאָר אין אַ שפּיטאָל אין ראַנג פֿון אַ פּראַקטיקאַנט, אָט ווי אַ דאָקטאָר, וואָס האָט ערשט געענדיקט זײַן שטודיום און וויל קריגן מעדיצינישע פּראַקטיק, גייט ער אַרײַן אַרבעטן אין שפּיטאָל. דאָס האָט מיך נישט איבערגעראַשט, ווײַל מ׳האָט מיר וועגן דעם אַלעם אינפֿאָרמירט אין דײַטשלאַנד. בײַ דער געלעגנהייט האָט מען מיר דערקלערט, אַז צופֿעליק איז איצט פֿרײַ אַזאַ שטעל אין אַ גרויסן שפּיטאָל, וואָס ליגט נאָענט פֿון ניו־יאָרק. אויב איך בין מסכּים קאָן איך גלײַך צופֿאָרן אַהין און כ׳וועל קריגן די אַרבעט. נישט טראַכטנדיק קיין סך האָב איך געזאָגט „אָקעי!” — דאָס וואָרט וואָס יעדער נײַ־אָנגעקומענער כאַפּט עס גלײַך אונטער און העלפֿט זיך מיט דעם אַרויס אין זײַן אָרעמען ביסל ענגליש. אין אַמעריקע ווערט אַלץ דערליידיקט זייער שנעל. וועגן דעם האָב איך זיך שפּעטער נישט בײַ איין געלעגנהייט געקענט איבערצײַגן. גלײַך אין מײַן אָנוועזנהייט האָט מען זיך טעלעפֿאָניש פֿאַרשטענדיקט מיטן שפּיטאָל, אָנגעבנדיק מײַנע פּערסאָנאַליען. מ׳האָט מיר גלײַכצײַטיק דערלאַנגט אַ בריוו צום שפּיטאָל־דירעקטאָר און מיט דעם איז אַלץ געוואָרן „אָקעי!”.

שוין אַ מער זיכערער אין זיך בין איך אַוועק צו מײַנע באַקאַנטע זיך געזעגענען מיט זיי. כ׳האָב זיי באַדאַנקט פֿאַר דער אַרויסגעוויזענער גאַסטפֿרײַנדשאַפֿט, גענומען מײַן בינטל זאַכן, מישטיינס געזאָגט, די אַלטע בלעכענע וואַליזקע, וואָס כ׳האָב זיך נאָך מיט איר אַרומגעשלעפּט אין די וועלדער און בין אַוועקגעפֿאָרן אין שפּיטאָל אַרײַן, ווו איך האָב באַדאַרפֿט איבערנעמען די שטעלע פֿון אַ רעזידענץ־דאָקטאָר. און דאָ הייבט זיך אָן דאָס ערשטע קאַפּיטל פֿון מײַן לעבן אין אַמעריקע.

קאַפּיטל אַכט און פֿערציק

צווישן קאָלעגן דאָקטוירים אין שפּיטאָל

דער שפּיטאָל איז געלעגן אין אַ שטילער געגנט נישט ווײַט פֿון ניו-יאָרק. דער אַלטער פֿינפֿשטאָקיקער בנין איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ פּאַרק. זומערצײַט פֿלעגט מען קענען באַמערקן לײַכטערע אַרומגייענדיקע קראַנקע וואָס פֿלעגן דאָ שפּאַצירן אָדער זיצן אויף די בענק און געניסן פֿון דער פֿרישער לופֿט אין דער שיינער סביבה. נאָך דער שווערער שפּיטאָל-אַטמאָספֿערע איז עס דאָ אונטערן פֿרײַען הימל זיכער געווען פֿאַר זיי אַ גרויסער תּענוג.

דער שפּיטאָל האָט געהערט צו דער שטאָט ניו-יאָרק, אָבער ער פֿלעגט אויך אויפֿנעמען פּריוואַטע קראַנקע פֿון פֿאַרשידענע פֿאַרזיכערונג-געזעלשאַפֿטן. אַ גענוג קאָמפּליצירטער סיסטעם וואָס איך האָב אים ערשט פֿאַרשטאַנען נאָכן אַרבעטן פּריוואַט ווי אַ דאָקטאָר. ער האָט פֿאַרמאָגט אַן אינערלעכן און כירורגישן אָפּטייל. פֿאַר די נאָענטסטע צוויי יאָר איז דער שפּיטאָל פּראַקטיש געוואָרן מײַן היים.

מ׳האָט מיר צוגעטיילט אַ קליינעם צימער, ד׳ על ד׳, ווו מײַן בעט האָט מיר אויך געדינט ווי אַ זיצפּלאַץ. פֿון דאַנען פֿלעג איך קאָנען זען אַ קליין שטיקל הימל. אין מײַנע פּאַרטיזאַנער-יאָרן בין איך געוווינט געווען צו זען דעם הימל אין זײַן גאַנצער רחבֿותדיקייט, פֿעלדער און וועלדער, וואָס מ׳האָט געקענט מיינען אַז זיי ענדיקן זיך גאָר נישט — האָב איך זיך דאָ אין אָנהייב געפֿילט ווי צוגעדריקט, אײַנגעפּרעסט אין דער שטענדיקער ענגשאַפֿט פֿון די פֿיר ווענט פֿון מײַן קליינעם צימער. אָפֿט מאָל בײַ נאַכט פֿלעג איך זיך פּלוצעם אויפֿכאַפּן אַ באַגאָסענער פֿון שווייס מיט אַ געפֿיל ווי די ווענט וואָלטן זיך דערנענטערט איינע צו דער אַנדערער נאָר מיך צו צעקוועטשן. מיט דער צײַט איז דאָס אומדערטרעגלעכע געפֿיל פֿאַרשוווּנדן. וואָרשײַנלעך האָט מײַן געפּלאָגטער מוח שלום געמאַכט מיטן געדאַנק אַז די סביבה האָט זיך ערשט געענדערט ראַדיקאַל און זי ענדלעך אַקצעפּטירט.

צום בעסטן האָב איך זיך געפֿילט צווישן פּאַציענטן. דאָ האָב איך זיך אָפּגעפֿינען, דאָ בין איך געווען נייטיק. אין ווײַסן כאַלאַט איז געווען

אַ קלײנער אָפּצײכן מיט מײַן נאָמען, און איך האָב עפּעס פֿאַרגעשטעלט מיט זיך. כ׳האָב געהאַט די מעגלעכקײט צו העלפֿן קראַנקע, שטילן זײערע לײדן, לינדערן זײערע װײטיקן, אַרבעטן אין מײַן פּראָפֿעסיע, אײַנאָטעמען און אַרײַנזאַפּן אין זיך די ספּעציפֿישע שפּיטאָל־ריחות. נאָך אין די יונגע יאָרן איז עס מיר געװען נאָענט און כ׳האָב זיך דאָ געפֿילט היימיש.

איך בין זיך מודה אַז די באַציִונג פֿון מײַנע עלטערע קאָלעגן צו מיר איז געװען געװען גענוג אַ קאָרעקטע און פֿרײַנדלעכע. אין שװערע פֿאַלן פֿלעגן זײ זיך אַפֿילו באַראָטן מיט מיר און מיך אָנגעהױבן אײַנלאַדן פּרי־װאַט. ס׳איז מיר שװער צו זאָגן אַז איך האָב זיך גוט געפֿילט װי אַ פּריװאַטער גאַסט. ערשטנס, מײַן װײַט נישט פּערפֿעקטער ענגליש און צװײטנס, מײַן פֿאַרשלאָסנקײט האָבן נישט װײניק געהאָלפֿן אַז אַזאַ אָװנט אין מײַן געזעלשאַפֿט זאָל פֿאַר אַלעמען װערן אַן איבעריקע לאַסט, אַן אָפּקומעניש. מיט דער צײַט האָט מען מיך טאָקע אױפֿגעהערט צו פֿאַרבעטן. זאָגנדיק דעם אמת, האָט עס מיר אױך גאָר נישט געשטערט. פֿאַרקערט, ס׳איז מיר אַראָפּגעפֿאַלן אַ געװיסער עול. אין די צװײ יאָרן װאָס איך האָב געאַרבעט אין שפּיטאָל האָב איך רעכט נישט געזען אַמע־ריקע פֿאַר מײַנע אױגן. מײַן לעבן איז געװאָרן פֿאַרטײלט צװישן באַזוכן אין קראַנקנצימערן און מײַן שטודיום. אָפֿט זענען נאָך צוגעקומען נאַכט־דיזשורן. איך האָב קוים געהאַט אַ ביסל צײַט פֿאַר זיך אַלײן, אַ פֿרײַע שעה אױף אָנטשפּאַנונג פֿון די אָנגעשטרענגטע נערװן.

אין לױף פֿון דער אַרבעט האָב איך זיך נענטער באַקענט מיט דער מענטאַליטעט פֿונעם דורכשניטלעכן אַמעריקאַנער און זײַן לעבנסטיל. ער איז געװען פֿאַר מיר פֿרעמד װי די גאַנצע סביבה אַרום מיר. אַן אײראָפּעיִשער אימיגראַנט, װאָס האָט דורכגעמאַכט די גרױלן פֿון דער צװײטער װעלט־מילחמה, געהאַט הינטער זיך געטאָ, שחיטות, מאַסן־צעשיסונגען, פּאַרטיזאַנער — אַזאַ אײנער האָט בשום־אופֿן נישט גע־קענט פֿאַרשטײן די אַמעריקאַנער זאָרגלאָזיקײט און פֿלאַכקײט און אפֿשר אױך באַגרענעצטקײט. די ערשטע צײַט זענען זײ מיר געװען פּשוט פֿרעמד און אומפֿאַרשטענדלעך.

פֿון צײַט צו צײַט פֿלעג איך אַריבערפֿאָרן קײן ניו־יאָרק. כ׳האָב שטױנענדיק באַטראַכט די װאָלקנקראַצערס, דעם משוגענעם באַװעג און גערױש פֿון די אױטאָס, פֿון דער אײַלעניש און שפּאַרעניש פֿון די מענטשן אין די פֿאַרשײדנסטע שרײַיִקע מלבושים פֿון כּלערלײ משונהדיקסטע קאָלירן; דער פֿאַרשידנהױטיקער געמיש פֿון די פּנימער, װײַסע, שװאַר־צע, מולאַטן — ברױנע און געלע. ס׳האָט זיך געקענט דאַכטן אַז דאָס איז

אַ שטאָט וואָס האָט מער אויסלענדער ווי היימישע, אָרטיק־געבוירענע. כ׳האָב געזען פאַר זיך ברוטאַלע, נאַיווע, בלייכע, אויסגעהונגערטע, רויט־פאַרפלאַמטע פון שיכּרות. אַ מוראַדיקער דזשונגל, נאָר אַנשטאָט חיות האָבן זיך באַוועגט מענטשן. דאָס אַלץ פלעגט מיך פּסיכיש דערדריקן. כ׳האָב זיך דאָ געפילט הילפלאָז, פאַרלאָזן, איינזאַם, דער עלנט אַליין אין זײַן גאַנצן אומגעהייער. כ׳האָב זיך געפילט גליקלעך, ווען כ׳בין שוין צוריק געקומען אין מײַן שפּיטאָל, אינעם קליינעם צימערל מײַנעם מיטן בלאָען שטיקל הימל. איצט אָבער האָט עס מיר אין גאַנצן נישט גע־שטערט. פאַרקערט, דאָס אָפּגעבראָכענע שטיקל הימל אין פענצטערל האָט מיך באַרויִקט. און דאָס שפּיטאָל־צימערל, ווי געזאָגט, האָב איך פאַקטיש באַטראַכט פאַר מײַן היים.

ביז הײַנט קען איך נאָך אַלץ נישט פאַרגעסן דעם אײַנדרוק, וואָס ס׳האָבן געמאַכט אויף מיר די מאָדערנע שפּיטאָל־אײַנריכטונגען נאָך מײַן מעדיצינישער אַרבעט אין וואַלד, ווו אַלקאָהאָל און אַספּירין זענען געווען די הויפּט־מעדיקאַמענטן און צו די אָפּעריר־אינסטרומענטן האָבן געהערט קיכמעסערם און מעסערלעך, שערן און שערעלעך. מיט גרויס יראת־הכּבוד האָב איך דאָ באַטראַכט די שראַנקען מיט דער מאָדערנסטער אינסטרומענטאַציע און אָפּעראַציע־זאַלן, די אַלגעמיינע אָרדענונג אין דער מאָדערנער מעדיצינישער אײַנריכטונג, די בלענדיק־ווײַסע כאַלאַטן פון די דאָקטוירים מיטן אָפּצייכן און נאָמען פונעם דאָקטאָר, די קראַנקן־שוועסטערס אין די ווײַסע גלאַנציקע הויזן. פאַר מיר איז דאָס געווען אַ פולשטענדיק פרעמדע וועלט און דער סיסטעם פון באַהאַנדלען דאָ דעם קראַנקן איז אויך געווען אַ גאַנץ אַנדערער ווי איך האָב אים געקענט נאָך פאַרן קריג אין אייראָפּע.

דאָ איז די באַזע פון דער מעדיצין געווען פאַרטיילט אויף ספּעציאַ־ליטעטן. יעדער קראַנקער גייט דורך דורך פאַרשידענע ספּעציאַליסטן און דעמאָלט ערשט באַהאַנדלט אים דער דאָקטאָר אין וועלכן ער נייטיקט זיך. צום בײַשפּיל, אַ קראַנקער, וואָס האָט אַבסאָלוט נישט געהאַט צו טון מיט די לונגען, ווערן אים געמאַכט גענויע דורכלײַכטונגען פון די לונגען און ער שלעפּט זיך אַרום מיט זײַן קראַנקן־געשיכטע די גאַנצע צײַט פון זײַן אויפהאַלט אין שפּיטאָל. ס׳איז מיר געווען אויפ־פאַלנדיק די נישט־קאָנווענציאָנעלע און ווײַט נישט פאָרמעלע באַציִונג פון די דאָקטוירים צו די קראַנקנשוועסטערס און אויך צו די פאַציענטן. אויך פלעג איך אָפט הערן ווי דער דאָקטאָר פלעגט אָנרופן דעם פאַ־ציענט בײַם נאָמען און דער פאַציענט אַליין פלעגט זיך אויך ווענדן צום דאָקטאָר אָן גרויסע פאָרמאַליטעטן. נישט איין מאָל פלעג איך הערן

פון ווײַטן ווי אַ הויפּטדאָקטאָר פלעגט זאָגן אַ ברייטן גוטמאָרגן אַ קראַנקנ־שוועסטער אָדער אַ קראַנקנפלעגער, אַ זאַך וואָס אין אַ שפּיטאָל אין אייראָפּע איז זיך עם שווער פאָרצושטעלן. ס'האָט נישט עקסיסטירט קיין באַגריף פון היעראַרכיע. מע דאַרף עס נישט פאַרמישן מיט פעלן פון דיסציפּלין, נאָר דאָס איז אַ פועל־יוצא פונעם סטיל פון דעמאָקראַ־טישן אָרט דענקען און האַנדלען פונעם אַמעריקאַנער, וואָס אָנערקענט די אויטאָריטעט, נאָר די פאָרמען זענען נישט אַזוי וויכטיק.

דער הויפּטדאָקטאָר פון שפּיטאָל איז געווען אַ כירורג פון נידעריקן וווקס שוין איבער די פופציק מיט אַ גרויסן ליסי־קאָפּ און אַ רונדלעכן גוטמוטיקן פּנים, פון וועלכן ס'האָט אַרויסגעשטאַרטשעט אַ לענגלעך־רויטע נאָז, אַ סימן אַז ער האָט נישט פײַנט געהאַט דעם ביטערן טראָפּן. ער איז געווען אַן אויסגעצייכנטער כירורג. איך פלעג נישט איין מאָל באַוווּנדערן זײַן טעכניק. אָפּט מאָל נאָך עטלעכע שווערע אָפּעראַציעס פלעגט ער זאָגן:

— און איצט „בייאס" וואָלט נישט שלעכט געווען צו נעמען אַ שלוק וויסקי.

נישט קלערנדיק קיין סך פלעגט ער צוגיין צו אַזאַ אָרט אין דער שראַנק, אָנגעפילט מיט פאַרשידענע משקאות און יעדן אָנגיסן אַ וויסקי. פאַר זיך האָט ער שוין געהאַט רעזערווירט אַ טונקל גלאָז. מ'האָט קיין מאָל נישט געקענט דערקענען וויפל ער האָט זיך אָנגעגאָסן.

ער איז געווען אַ גוטמוטיקער און געדולדיקער מענטש, אַ זאַך וואָס טרעפט זיך זעלטן בײַ כירורגן. אינטערעסאַנט, ווען איך פלעג אים טרעפן אין דער פרי אין אַ גוטער שטימונג, האָב איך שוין געוווּסט, אַז ס'דער־וואַרטן אים שוין געווים עטלעכע קאָמפּליצירטע אָפּעראַציעס, אויף וועל־כע זײַנע פּאַציענטן האָבן זיך באַשטימט נישט געפרייט. איך דערמאָן זיך אין באַקאַנטע כירורגן. ס'איז געווען די זעלביקע געשיכטע. וואָר־שײַנלעך איז עס אַ טיפּישע דערשײַנונג בײַ כירורגן.

יעדן טאָג פלעגט אים די אָפּעראַציע־שוועסטער צוגרייטן די קראַנקנ־געשיכטע פון די פּאַציענטן וואָס האָבן דעם טאָג געדאַרפט אָפּערירט ווערן. ער פלעגט זיי גיך דורכבלעטערן און ווי אַ געניטער געשעפט־לייטער, וואָס גיט אַרויס זײַנע אָנגעשטעלטע דיספּאָזיציעס וועגן פאַר־שידענע אַרטיקלען וואָס מע דאַרף באַשטעלן, אַזוי פלעגט ער אויך גע־בן אויטאָמאַטיש אָנווײַזונגען דער שוועסטער מיטן אונטערשיד וואָס דאָ האָט זיך געהאַנדלט וועגן מענטשן און מענטשלעכע לעבנס, און דער קלענסטער טעות האָט געקענט ברענגען פאַטאַלע פאָלגן. אָבער ווי גע־זאָגט איז די אָרגאַניזאַציע אין שפּיטאָל געווען אַן אויסגעצייכנטע און

אין דער גאַנצער צײַט פון מײַן פּראַקטיק דאָרט דערמאָן איך זיך אין איין אָדער צוויי פאַלן פון פּשוטע טעותים.

ער איז געווען, דער כירורג, אַ שטאָלצער פאַמיליע־פאָטער. איך האָב געגוי געקענט די נעמען פון זײַנע פינף קינדער. זיי האָבן זיך גוט גע־לערנט. איינער פון זײַנע זין געהערט צו דער אוניווערסיטעט־מאַנשאַפט — האָט ער מיר שטאָלץ דערקלערט — פון פאַרבעים־בעל, דער נאַציאָ־נאַלער ספּאָרט אין אַמעריקע. זײַן פרוי איז פון פראַנצייזישן אָפּשטאַם. זי איז אַן אויסגעצייכנטע קעכין. איך מוז אומבאַדינגט אַ מאָל פאַרזוכן אירע דעליקאַטעסן. אַ מענטש וואָס איז צופרידן מיט זיך און מיט דער וועלט אַרום איז פאַר מיר געווען אַן אויסטערלישע דערשײַנונג. ווי גע־זאָגט איז זײַן איינציקע שוואַכקייט געווען וויסקי. אָבער יעדער מענטש האָט זײַן שוואַכקייט.

קאָלעגן דאָקטוירים פלעגן מיר דערציילן, אַז אייגנטלעך איז עס נישט זײַן איינציקע שוואַכקייט. די צווייטע איז — געלט. ער האָט געהאַט אַ גרויסע פּריוואַטע פּראַקטיק און אַ סך פּאַציענטן. טאָקע נאָכן פאַרלאָזן דעם שפּיטאָל פלעגט ער אויפנעמען פּאַציענטן בײַ זיך אין דער היים. אַ זאַך נישט אַזאַ איינפאַכע, ווען מע באַטראַכט עס פון ריין עטישן מעדיצינישן שטאַנדפּונקט. שפּעטער פלעג איך זיך אָפּט באַגעגענען מיט אַזעלכע פאַלן. ווי מ'האָט מיר דערקלערט געהערט עס צו די נאָרמאַלע דערשײַנונגען דאָ אין אַמעריקע. מיר אָבער פּערזענלעך איז ער פון דעם מאָמענט אָן פאַרגעקומען ווייניקער סימפּאַטיש. ער האָט מיך אין אַ געוויסער הינזיכט אַנטוישט.

דער הויפּטדאָקטאָר פונעם אינערלעכן אָפּטייל, אַ הויכער דאַרער אויפגעשאָסענער פאַרשוין, שוין בײַ די זעכציק מיט קורצע געשניטענע גראָע האָר און צעאַקערטן פּנים פול מיט טיפע קנייטשן וואָס זעלטן פלעגט מען זען אַ שמייכל אויף אים און ווען עס פלעגט זיך שוין יאָ באַווײַזן איז עס גיכער געווען ענלעך צו אַ ביטערער גרימאַסע, ווי צו אַ שמייכל. ער איז געווען אַ גוטער און געוויסנהאַפטער דאָקטאָר. נאָר צוליב זײַן טרוקענעם באַהאַנדלען די פּאַציענטן איז ער נישט באַזונדערס געווען בײַ זיי באַליבט. פון דער נאַטור אַ שווײַגעוודיקער פלעגט ער, בײַם אונטערזוכן די פּאַציענטן, זיך באַגרענעצן צו די נייטיקסטע פראַגן. און ווען דער פּאַציענט פלעגט זײַן אַ ביסל מער באַריידעוודיק, האָט ער אים געלאָזט מיט אַן אָפן מויל און האָט זיך שוין געפינען בײַם נאָענטסטן בעט. אַ דערשטוינטער פלעגט דער פּאַציענט אים הילפלאָז אָנקוקן און מיט אַ טיפן זיפץ אויסדריקן זײַן אומצופרידנקייט, ווי איינער זאָגט, וואָס קאָן מען שוין דערוואַרטן פון אַזאַ דאָקטאָר.

איך פערזענלעך האָב זײַנע מעדיצינישע מעלות זייער געשעצט און בין געווען איבערצײַיגט אַז דאָס וויכטיקסטע, וואָס אים איז געווען נייטיק צו וויסן, האָט ער פון פּאַציענט געהערט. ער איז געווען אַן אויסגעצייכנטער דיאַגנאָסטיקער. ער האָט זיך מער גערעכנט מיט די קלינישע אונטערזוכונגען ווי מיט די פאַרשידענע מאָדערנע טעסטן וואָס מע פלעגט מאַכן: ער האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ טיפּ דאָקטאָר פון דער אַלטער מעדיצינישער שולע.

אַן אינטערעסאַנטע זאַך, נישט איין מאָל, זײַענדיק בײַ נאַכט אויף דיזשור פלעג איך אים טרעפן באַהאַנדלען אַ שווער קראַנקן, אָדער אַ חולה נאָך אַ שווערער אָפּעראַציע. ס'איז נישט לײַכט געווען פאַר אַ מענטש אין די יאָרן, נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט מאַכן נאַכטוויזיטן. ווי לײַכט קאָן מען זיך טועה זײַן אין מענטשן! אונטערן שטרענגן געזיכט האָט זיך באַהאַלטן אַ הילפגרייטער און גוטער מענטש.

קאַפּיטל נײַן און פערציק

מעדיצין, ספּאָרט און ליבע

איך האָב זיך באַפרײַנדט מיט אַ יינגערן דאָקטאָר, וואָס האָט געאַרבעט אינעם אוראָלאָגישן אָפּטייל, אַ ברייטפּלייציקער הויכער יונגערמאַן, מער ענלעך צו אַן אַטלעט, ווי צו אַ דאָקטאָר. ווײַזט זיך אַרויס, אַז אויסער מעדיצין איז ער אויך פון באַרוף אַ באָלשפּילער. אַ דאַנק דעם האָט ער טאַקע געקענט מאַכן זײַן שטודיום, ווײַל אַ גוטער ספּאָרטלער באַקומט אויף אַן אַמעריקאַנער אוניווערסיטעט גיכער אַ סטיפּענדיע, ווי אַ גוטער סטודענט. דאָס געהערט אויך צו די קוריאָזן פון אַמעריקאַנער לעבן. אַליין האָט ער געשטאַמט פון אָרעמע עלטערן און האָט קיין מאָל נישט געחלומט וועגן מעדיצין. בעת זײַן באָלשפּיל האָט ער זיך געטראָפן מיט סטודענטן וואָס האָבן שטודירט מעדיצין. ער פלעגט בײַ זיי באָרגן מעדיצינישע לערנביכער. מיט דער צײַט האָט עס אים אַזוי פאַראינטערעסירט, אַז ער האָט באַשלאָסן צו שטודירן מעדיצין.

נישט איין מאָל האָב איך אים פאַרטרעטן, ווען ער פלעגט דאַרפן גיין אויף אַ וויכטיקן בייסבאָלמעטש. די שפּיטאָל־דירעקציע האָט עס שטיל געדולדיקט. איך בין געניייגט צו גלייבן אַז זיי זענען אַפילו געווען שטאָלץ אויף זייער דאָקטאָר דעם ספּאָרטלער, וואָס איז געווען אַזאַ באַקאַנטער סטאַר אין דער ספּאָרטוועלט. ס'איז גלײַכצײַטיק געווען אַ גוטע רעקלאַמע פאַרן שפּיטאָל. און וואָס ס'איז ווערט רעקלאַמע אין אַמעריקע דאַרף מען דאָך קיינעם נישט דערקלערן.

איך פערזענלעך האָב נאָך ביז איצט קיין אַנונג נישט פונעם שפּיל. ס'האָט מיך קיין מאָל נישט אינטערעסירט. כ'האָב אויך נישט פאַרשטאַנען ווי קענען מענטשן זײַן אַזוי אַרײַנגעטון אינעם שפּיל. אַ פאַקט אָבער איז אַז דער בײַסבאָל־דאָקטאָר, אַזוי פלעג איך אים רופן, איז געווען די פּאָפּולערסטע פיגור אין שפּיטאָל. שטענדיק אַ פריילעכער, אַ געזעטיקטער אַמעריקאַנער, וואָס פלעגט זײַנע קראַנקע שטענדיק דערציילן גענוי דעם פאַרלויף פון יעדן שפּיל. און אַן אינטערעסאַנטע זאַך, דער קראַנקער פלעגט זיך מערסטנטייל פילן בעסער נאָך זײַן באַזוך. וואָרשײַנלעך האָט

דער געזונטער אָפּטימיזם, וואָס האָט פון אים אויסגעשטראַלט, אויך געווירקט אויף די קראַנקע. ס'איז געווען ווי אַ גוט היילמיטל. און דאָס וואָס אונדזער טרוקענער הויפּטדאָקטאָר, אַ ספּעציאַליסט אויפן דאָזיקן געביט, האָט נישט געקענט דערגרייכן, פלעגט דער יונגער דאָקטאָר מיט זײַן פריילעכקייט און בארעדעוודיקייט יאָ באַוויזן. איבער הויפּט איז אָפּטימיזם אַ וויכטיקע טעראַפּיע אין מעדיצין. איך קאָן עס מיט זיכערקייט באַהויפּטן פון מײַן פּראַקטיק. וויפל מאָל האָט דער אָפּטי־מיסטישער צוגאַנג געהאָלפן דעם שווערקראַנקן, און פאַרקערט, די קראַנ־קע וואָס ס'האָט זיי געפעלט אַ ביסל הייטערקייט, וואָס זאָל הייבן זייער גײַסטיקן צושטאַנד און זייער געמיט, האָט זיך עס טאַקע שווער אויס־געווירקט אויף זייער קראַנקייט.

דער בייסבאָל־דאָקטאָר איז געווען באַליבט, אַ חוץ בײַ די קראַנקע, אויך בײַם שיינעם מין, בײַ די יונגע קראַנקנשוועסטערס. זיי פלעגן אים באַוווּנדערן. ער פלעגט פאַר זיי זײַן אַזוי אַנדערש פונעם אַרומיקן לעבן אין זייער קליין שפּיטאָל־וועלטל, אין די אָפּגעשלאָסענע פיר ווענט פונעם שפּיטאָל, ווו מ'האָט כּסדר צו טון מיט אַנאַליזן, בלוט־טראַנספוזיעס, רענטגען, מעדיקאַמענטן און חולאים. יעדע נײַעס פון דער דרויסנדיקער וועלט האָט זיי פאַסצינירט און דער בײַסבאָל־דאָקטאָר האָט טאַקע שטענ־דיק געבראַכט מיט זיך אַ פרישן פונק פונעם דרויסנדיקן געזונטן לעבע־דיקן לעבן.

פלעגט דעריבער מאָנטיק זײַן דער שפּאַנענדיקסטער טאָג אין דער וואָך, ווײַל שבת און זונטיק פלעגן פאָרקומען די בײַסבאָלשפּילן צווישן די מאַנשאַפטן, און שוין אין דער פרי בײַ זײַן באַווײַזן זיך אין זײַן פּערצטן אָפּטייל פלעגט מען הערן פון אַלע זײַטן פראַגן וועגן די רעזול־טאַטן פון די שפּילן. די נייגעריקייט איז שוין אויך אַרויסגערופן געוואָרן אַפילו בײַ קראַנקע, וואָס מ'האָט דעם זעלביקן טאָג אַדורכגעפירט איבער זיי וויטיקלעכע אונטערזוכונגען און אויך זיי האָבן זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו די אָנגעגעבענע דורך אים רעזולטאַטן באַגלייט מיט אַ ברייטן קאָמענטירן פון די פּאַציענטן, וואָס ס'האָט זיי קיין מאָל דער ספּאָרט נישט אינטערעסירט. זיי האָבן שוין געקענט אַלע מאַנשאַפטן, געוווּסט דעם נאָמען פון יעדן שפּילער און די סטאַרן. דאָס אַלץ איז געווען איינס פון די וויכטיקסטע אַטראַקציעס פאַר זיי.

איך האָב אים אַ מאָל אין שפּאַס געזאָגט, אַז די אויפשריפט פון זײַן אָפּטייל דאַרף מען ענדערן, אַנשטאָט אוראָלאָגישע, דאַרף זײַן אַנ־געגעבן: בייסבאָל־אָפּטייל. ער האָט מיר פרײַנדלעך געקלאַפּט אין פּלײ־

צע, אַ פּאָפּולערער מנהג צווישן פרײַנד אין אַמעריקע, און ער האָט זיך הארציק צעלאַכט.

און ס׳איז מערקווערדיק, דער הויפּטדאָקטאָר נאָך זײַן מאָנטיקדיקן פרימאָרגן-באַזוך אינעם אָפּטייל פלעגט פאַרצייכענען פאַרבעסערונגען אויפן קראַנקנטאָוול וואָס איז געהאָנגען בײַם בעט פון יעדן קראַנקן. אָפט מאָל פלעגט ער אומגלייבלעך שאָקלען מיטן קאָפּ. ס׳האָט זיך גאָר נישט אַרײַנגעפּאַסט צו די באַגריפן פון דער אָרטאָדאָקסישער מעדיצין. איך גלייב אַז ס׳זענען נאָך דאָ אַ סך זאַכן וואָס פּאַסן זיך טאַקע אַהין נישט אַרײַן.

זינט אַ געוויסער צײַט האָב איך באַמערקט אַז דער בייסבאָל-דאָקטאָר האָט פאַרלוירן זײַן געוויינטלעכע פריילעכקייט און דעם ענטוזיאַזם פאַר זײַן ליבלינג-ספּאָרט. זײַענדיק איין מאָל אַליין מיט אים האָט ער זיך פאַר מיר פאַרטרויט, אַז ער האָט באַקענט אַ מיידל, מערי הייסט זי. ער איז שוין מיט איר אַ פּאָר יאָר באַפרײַנדט, נאָר ווי צו להכעיס האָט איר קיין מאָל נישט אינטערעסירט קיין ספּאָרט. איצט האָט זי אים גע־שטעלט אַן אולטימאַטום: אָדער ער גיט אויף זײַן בייסבאָל-שפּיל אָדער זי גייט פון אים אַוועק, זי פאַרלאָזט אים. און איצט מוז ער זיך אָנט־שיידן און מאַכן דעם אויסקלײַב צווישן מערי און זײַן ספּאָרט:

— וואָס ראָט איר מיך, קאָלעגע? — האָט ער מיך שטיל געפרעגט

— מערי איז טאַקע אַ וואונדערשיין מיידל, איך האָב זי ליב און מיר פאַר־שטייען זיך זייער גוט איינער דעם אַנדערן. דער איינציקער חסרון אירער איז וואָס זי האָט נישט דעם מינדסטן אינטערעס פאַר ספּאָרט. זי געהערט מער צום אינטעלעקטועלן טיפּ פון אַ מיידל — האָט ער ווײַטער בקול־רם געשפּונען זײַנע געדאַנקען — צי זאָל איך זיך פאַרבינדן מיט איר ווען איך ווייס פאָרויס אַז כ׳וועל שוין קיין בייסבאָל מער נישט קאָנען שפּילן? וועל איך קאָנען זײַן מיט איר גליקלעך?

זײַן פּנים, וואָס האָט אַלע מאָל אַזוי געשטראַלט, איז איצט געווען טרויעריק פאַרכמורעט, פאַרזאָרגט. ער איז געזעסן אַן אָנגעשפּאַרטער אויף זײַנע בײדע מוסקולירטע הענט און געזוכט בײַ מיר אַן עצה אין זײַן שווערער סיטואַציע. עפּעס אַן אויסוועג פון דער לאַגע, ער זאָל גאָר נישט פאַרלירן דערבײַ, נישט דאָס מיידל און נישט דעם בייסבאָל.

איך געדענק אַז כ׳האָב עפּעס נישט קלאָר אַ מורמל געטון און אים שטיל פאַרלאָזט. כ׳האָב אים נישט געקענט געבן קיין שום עצה. דעם נאָענטסטן זונטיק האָבן געדאַרפט פאָרקומען די סוף-שפּילן פונעם סעזאָן. כ׳בין געווען געשפּאַנט צו וויסן ווי ס׳וועט זיך ענדיקן. באַשליסט ער צו פאַרבלײַבן מיט מערי, פאָרט ער נישט דעמאָלט צו די ענדשפּילן. און

אויב ער פאַרט יאָ קומט דאַן דער סוף פון דער ליבע זײַנער מיט דער מערי.

מאַנטיק אין דער פרי האָט זיך אין דער געוויינטלעכער צײַט באַוויזן דער דאָקטאָר אין שפּיטאָל פרייליך און זאָרגלאָז ווי אַלע מאָל. גלײַך בײַ זײַן אַרײַנקומען אין אָפּטייל האָט ער דערקלערט אַז זײַן מאַנשאַפט האָט געוווּנען. ער און אַ צווייטער סטאַר פון זייער מאַנשאַפט האָבן אַ סך בײַגעטראָגן דערצו. און ווידער האָט ער אָנגעהויבן צו דערציילן אויספירלעך אַלע פּרטים פונעם מעטש.

בײַ דער ערשטער געלעגנהייט האָט ער מיר קורץ דערקלערט אַז נאָך אַ לאַנגן ישוב-הדעת איז ער געקומען צום באַשלוס, אַז ער וואָלט סײַ ווי נישט געקאָנט זיך פילן גליקלעך מיט מערי ווען ער וואָלט באַדאַרפט פאַרלאָזן זײַן בייס-באָל. די יאָרן שטייען נישט אויף קיין אָרט. איצט איז ער נאָך אין גוטע קאָנדיציעס, ער איז פיזיש שטאַרק, ער קאָן נאָך ברענגען אַ סך נוצן זײַן מאַנשאַפט. און שאַפן זיך אַן אייגן פאַמיליע-לעבן האָט ער נאָך צײַט. ער האָפט אַז ער וועט נאָך באַגעגענען אַ צווייטע מערי אין זײַן לעבן. אַזוי אַרום האָבן די קראַנקע צוריק באַקומען זייער וועכנטלעכע אַטראַקציע נישט ווייסנדיק צו מאָל אין וואָסער סכּנה זייער אַטראַקציע איז געווען, און אויך דער בייסבאָל האָט צוריק געקריגן אַן אויסגעצייכנטן שפּילער.

איך האָב פּערזענלעך מערי נישט געקענט. איך גלייב אָבער אַז אויך זי האָט געדאַרפט זײַן צופרידן. איידער אַ נישט-צוגעקליבן פאַמיליע-לעבן איז בעסער באַלד זיך נישט צו פאַרבינדן. מע פאַרשפּאָרט דעמאָלט אַ סך איבעריקן קאָפּווייטיק און צרות.

***

נאָך אַן אינטערעסאַנטע פיגור איז געווען אין שפּיטאָל — אונדזער פּאַטאַלאָג. דאָס איז אַ באַזונדערער טיפּ פון אַ דאָקטאָר וואָס פאַרנעמט זיך צום מערסטן מיט מתים. זײַן אָפּטייל איז געלעגן, ווי אין די מערסטע שפּיטעלער, אין קעלער פון שפּיטאָל. איך געדענק, אַז וויפל מאָל איך פלעג אים טרעפן, פלעגט ער אויף מײַן גרוס ענטפערן מיט אַ שטילן ברום. דאָס איז געווען זײַן אַרט באַגריסן זיך נישט בלויז מיט מיר. ער איז אַלע מאָל געווען פאַרכמורעט, אײַנגעהילט אין אַן אַלטן קיטל וואָס האָט ווײַט נישט געגלאַנצט מיט קיין ריינקייט.

בײַ די געלעגנהייטן וואָס כ'האָב געהאַט מיט אים זיך צו טרעפן, פלעג איך זיך באַמיִען צו האַלטן פון אים אויף אַ געוויסער דיסטאַנץ, וואָרן ס'האָט זיך שטענדיק געפילט פון אים דער בראָנפן. מעגלעך אַז

דאָס איז געקומען דערפון וואָס זײַנע בגדים זענען שטענדיק געווען דורכ־געזאַפּט מיט אַלקאָהאָל. מיט וואָס ס׳איז אים כּסדר אויסגעקומען צו אַרבעטן. איך גלייב אַז זײַן טרינקען האָט נישט ווייניק געהאָלפן דערצו, אַז ס׳זאָל זיך פון אים פילן דער ביטערער טראָפּן.

ווי אַ פּאַטאָלאָג האָט ער געהאַט אַן אויסגעצייכנטן רום. אָפט מאָל פלעגט זיך אַרויסווײַזן אַז אין קאָמפּליצירטע פאַלן איז זײַן דיאַגנאָז געווען דער ריכטיקסטער. אינטערעסאַנט אַז רעדנדיק מיט אים איז שווער געווען פעסטצושטעלן צי ער איז אַ טרינקער. ער האָט פאַרמאָגט אַ קלאָרע און פעסטע שטימע און שטענדיק אויסגעדריקט קלאָר און דײַטלעך זײַן מיינונג, וואָס דאָס איז אַ זעלטענע דערשײַנונג בײַ אַלקאָ־האָליקערס.

מיר האָט זיך אויסגעוויזן אַז ער האָט זיך באַצויגן צו זײַנע קאָלעגן דאָקטוירים מיט אַ געוויסער גרינגשעצונג. קען זײַן אַז די סיבה איז געלעגן אין דעם וואָס נישט איין מאָל האָט ער פעסטגעשטעלט נאָך דער אַבדיקאַציע טעותים פון דיאַגנאָזן און במילא נישט דעם ריכטיקן דערפאָלג, דיאַגנאָזן וואָס האָבן אָפט געקאָסט דאָס לעבן פון פּאַציענט. ער איז געווען אַ טיפּישער פּאַטאָלאָג, וואָס האָט מיר דערמאָנט מײַן פּראָפעסאָר פון פּאַטאָלאָגיע פון מײַן אוניווערסיטעט. די סביבה און די אומשטאַנדן אין וועלכע מען אַרבעט לייגן זייער חותם.

קאַפּיטל פופציק

פריינדשאַפט צווישן דאָקטאָר און זיינע קראַנקע

איך פלעג זעלטן האָבן פרייע צייט בעת די נאָכטדיזשורן אויף צו קאָנען כאַפּן אַ דרעמל. מייסטנס בין איך געווען באַשעפטיקט ביי שווערע קראַנקע און אַזוי האָט זיך אַנטוויקלט ביי אַזעלכע געלעגנהייטן אַ שטי־לע פריינדשאַפט צווישן מיר און די חולאים וואָס האָבן געשטאַמט פון די פאַרשידנסטע געגנטן פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

איך דערמאָן זיך אין אַן עלטערער פרוי וואָס האָט געשטאַמט פון אַ קליין שטעטל פון אַלבאַמאַ. זי איז געלעגן ביי אונדז שוין אַ לענגערע צייט. זי האָט געליטן אויף אַן אומהיילבאַרע קראַנקייט. זי פלעגט מיך אויספרעגן פון מיין לעבן, געוואָלט וויסן וועגן מיין פאַמיליע, און דער עיקר: — ווי געפעלט אייך אַמעריקע? דאָס איז איבעריקנס אַ פראַגע צו וועלכער איך האָב זיך מיט דער צייט צוגעוווינט, ווייל מ׳האָט זי מיר אַזוי אָפט געשטעלט און איך פלעג זיך שטאַרק וווּנדערן ווען כ׳האָב זי נישט געהערט. נישט וועלנדיק דער פרעמדער פרוי דערציילן די טרויע־ריקע עפּיזאָדן פון מיין לעבן, פלעג איך איר דערקלערן אַז כ׳בין געקומען דאָ אַהער ווי אַן עמיגראַנט, מיר געפעלט דאָס לאַנד, דער דעמאָקראַטי־שער סיסטעם און כ׳בין דאָ צופרידן מיט מיין אַרבעט.

זי פלעגט מיר אָפט דערציילן וועגן איר לעבן, פון איר מוטערס געבוירנשטעטל, וואָס ליגט אַרומגערינגלט פון וועלדער, סאַראַ רויִק לעבן ס׳פירט זיך דאָרט. ס׳איז נישט ניו־יאָרק, דער ברויזנדיקער קאָכקעסל. ס׳איז אַ גאַנץ אַנדערע וועלט. אירע עלטערן זענען געקומען פון אירלאַנד. זי איז שוין אַ געבוירענע אַמעריקאַנערין.

אליין איז זי שוין זיבן יאָרן אַן אַלמנה. איר מאַן איז פּלוצעם גע־שטאָרבן פון אַ האַרצשלאַג. זיי האָבן שווער געאַרבעט, אָפט צו צוועלף־פערצן שעה אַ טאָג און שבת־זונטיק אויך אַבי זיך צו דערשלאָגן צו עפּעס. איצט לעבט זי פון איר עלטער־פענסיע. זי האָט דריי זין און אַ האַלבן טוץ אייניקלעך. צוויי זענען הויכע מלוכה־באַאַמטע און איינער איז אַן עלעקטראָניק־אינזשיניער. לייכט איז עס אים נישט אָנגעקומען צו קריגן אַ העכערע בילדונג. די שנורן אירע פלעגן זי בלויז אַזוי, דרך־

אַגב, נאָר דערמאָנען. וואָרשיינלעך איז זי פון זיי נישט געווען איבעריק אַנטציקט. אַ גוטמוטיקע פרוי. איר גרעסטער ווונטש איז געווען וואָס גיכער צוריק צו קערן זיך אַהיים אין איר קליינעם שטעטל אַריין, וואָס איז באַשטימט איצט אָפּגעלאָזן, פאַרוויסט. ביי יעדער געלעגנהייט פלעגט זי מיך פרעגן, ווען וועט זי שוין קאָנען פאַרלאָזן דעם שפּיטאָל, זי פילט זיך שוין אין גאַנצן געזונט. זי וויל וויסן וואָס ס׳איז מיין מיינונג?

אונדזער הויפּטדאָקטאָר, דעם דאָרן און שווייגנדיקן, האָט זי נאָר איין מאָל געפרעגט און יענער האָט איר קורץ דערקלערט, אַז ס׳איז אַ פראַגע פון אַ לענגערער צייט. איצט האָט זי אים פּשוט מורא מער צו פרעגן.

— איך האַלט אייך שוין פאַר מיינעם אַ פריינד — האָט זי מיר נישט איין מאָל געזאָגט — און איר וועט מיר זאָגן דעם אמת.

זיכער איז מיר נישט לייכט אָנגעקומען איר צו דערקלערן אַז עס שטימט, איר צושטאַנד איז שוין בעסער. זי מוז נאָך אָבער האָבן אַ ביסעלע געדולד, ווייסנדיק אַז דאָס קליינע שטעטעלע אירס, איר פאַמיליע און ס׳קליינע הייזל מיטן גאָרטן וועט זי שוין מער נישט האָבן קיין געלעגנהייט צו זען. יאָ, דאָס איז די ביטערע זייט פון אונדזער באַרוף.

איך געדענק נאָך אויך דעם בוכהאַלטער פון מיסיסיפּי. אויב כ׳בין זיך נישט טועה האָט ער געהייסן דזשאָזעף. ער האָט דורכגעמאַכט אַ שווערע אָפּעראַציע און די אויסזיכטן זיינע צו ווערן געזונט זענען געווען מינימאַלע. מיך האָט געוווּנדערט, וואָס דער פּשוטער אַמעריקאַנער האָט אַזוי פיל פאַרשטאַנען מוזיק און דערצו נאָך האָט ער פאַרמאָגט אַן אָנגענעמע שטימע. אָפט ביי נאַכט, זיצנדיק ביי זיין בעט, פלעגט ער מיר שטיל פאַרזינגען מעלאָדיעס פון פאַרשידענע אָפּערעס און נישט איין מאָל פלעג איך אים בעטן, ער זאָל מיר עפּעס זינגען פון מיין ליבלינג־אָפּערע „יעווגעני אָניעגין״. זיי פלעגן מיר דערמאָנען אין מיינע יונגע זאָרגלאָזע סטודענטישע יאָרן. ווי אַלץ האָט זיך געענדערט! כ׳האָב גע־האַט דעם איינדרוק, אַז ס׳טיילן מיך אָפּ פון יענער פאַרפלאָסענער צייט אַ סך, אַ סך צענדליגער יאָרן.

מיט דער צייט האָט זיך צווישן אונדז אַנטוויקלט אַ שטילע פריינד־שאַפט. אַליין איז ער געווען אַן אַלטער בחור און האָט געלעבט פון עלטער־פּענסיע. זיין איינציק פאַרגעניגן אין לעבן איז געווען די מוזיק.

אַן איידעלער שטילער מענטש, וואָס האָט קיין מאָל נישט געהאַט קיין טענות צו זיין גורל. ער האָט געהאַט איין ברודער וואָס האָט גע־לעבט אין קאַליפאָרניע און געפירט גרויסע געשעפטן. ער איז געווען פאַרנומען מיט זיינע ביזנעס ביי באָדן־שפּעקולאַציעס. ער האָט אָבער

מיט אים קיין שום קאָנטאַקט זינט יאָרן נישט אָנגעהאַלטן. זיי זענען צוויי פאַרשידענע וועלטן. אַ סך מאָל אַזוי שמועסנדיק פלעגט ער מיר דערקלערן, אַז אייגנטלעך מוז דאָך אַ מאָל קומען דער טויט. ס'איז דאָך אַ נאַטירלעכער ביאָלאָגישער פּראָצעס. ער אַליין האָט ניט קיין מורא פאַר אים. ער איז אַן איינזאַמער מענטש נאָך וועלכן קיינער וועט באַ־שטימט נישט טרויערן. אַ פּשוטע פילאָזאָפיע פון אַ פּשוטן מענטש וואָס האָט געמאַכט אויף מיר אַ שטאַרקן אײַנדרוק.

אין אַ פרימאָרגן האָט מען מיר אָנגעזאָגט אַז דזשאָזעף, דער מוזי־קער, וויל זיך מיט מיר דרינגענדיק זען. כ'האָב געאַנט אַז עפּעס איז געשען און גיך פאַרלאָזן מײַן צימער. כ'בין אַריבערגעגאַנגען אינעם אָפּטייל, וווּ ער איז געלעגן און האָב שוין פון ווײַטן באַמערקט ווי לעבן זײַן בעט זיצט אַ שוועסטער, אַ סימן אַז ס'האָט מיט אים געטראָפן עפּעס אַן ערנסטע זאַך. כ'האָב דערזען זײַן בלאַס פּנים מיט שוואַכע סמנים פון לעבן. מײַן אײַליקע אונטערזוכונג האָט עס נאָר באַשטעטיקט. ס'ווײַזט זיך אַרויס אַז ער האָט געהאַט אַ שווערן אינערלעכן בולט־שטורץ.

— דאָקטאָר — האָב איך געהערט זײַן לויזע שטימע — איך ווייס אַז מײַן סוף דערנענטערט זיך שוין. איך האָב אײַך נאָר גערופן כּדי זיך מיט אײַך צו געזעגענען. קיין סך פרײַנד האָב איך אין מײַן לעבן נישט געהאַט. איר זײַט איינער פון די געציילטע.

איך האָב געפילט דעם ציטערדיקן דרוק פון זײַן האַנט ווי אַ לעצטער אָפּשייד פון דער וועלט.

נאָך זײַן טויט האָט זיך די שפּיטאָל־לייטונג פאַרבונדן מיט זײַן ברודער אין קאַליפאָרניע. פון דאָרט איז אָנגעקומען אַן ענטפער אַז זײַן ברודער געפינט זיך איצט לײַדער נישט אין אַמעריקע. און אַזוי איז אין אַ רעגנדיקן פרימאָרגן פאָרגעקומען די לוויה פונעם מוזיקער. ס'זע־נען געווען בלויז צוויי באַגלייטערס אויפן בית־עולם — איך און אַן עוואַנגעלישער גײַסטלעכער. נישט ווילנדיק איז מיר געקומען דער גע־דאַנק: ווי גליקלעך וואָלט ער זיך געפילט, ווען די טרויעריקע קלאַנגען פונעם שאָפּען־מאַרש וואָלטן אים באַגלייט אויף זײַן לעצטן וועג פון זײַן איינזאַמען לעבן ביזן קבר.

אַט אַזוי איז געפלאָסן דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן צווישן די שפּיטאָל־ווענט, אַ באַזונדערע און אָפּגעזונדערטע וועלט פאַר זיך, אין וועלכער איך האָב מעכאַניש דערפילט מײַנע פליכטן ווי אַ דאָקטאָר און נאָכהער אין מײַן שטודיום־צימער (אַזוי האָב איך אים אַ נאָמען געגעבן) שטודירט און זיך געגרייט צו מײַן שטאַט־עקזאַמען.

צום שענסטן איז דאָרט געווען פרילינגצײַט, ווען אַלץ אַרום האָט אָנגעהויבן בליִען און די ביימער דאָ האָבן מיר דערמאָנט אין די בעריאָז־קעס פון אונדזער גאָרטן פון מײַן געבוירנשטאָט סוואַלק. די דערינערונגען, וואָס זענען געלעגן צווישן, וואָס איך פלעג זיך באַמיִען אָפּטרייסלען פון זיך, האָבן זיך מיר אויסגעוויזן ווי אַ בײַזער חלום.

איך דערמאָן זיך נאָך אָן אינטערעסאַנטן פאַל פון מײַן פּראַקטיק אין שפּיטאָל. ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ יונגן מענטש פון אונטער פּערציק. ווען כ'האָב אים ס'ערשטע מאָל אונטערגעזוכט, האָט ער דער־קלערט אַז ער איז אַ שטאַרק באַשעפטיקטער מענטש. ער האָט אַ בראַ־קיר־אָפּיס, דאָס הייסט, אַ קויף־ און פאַרקויף־ביוראָ פון אַקציעס און אַזוי ווי איצט גראָד זענען אַ פּאָר טעג, ווי ער האָט לעצטנס געליטן אויף מאָגן־שוועריקייטן, האָט ער באַשלאָסן עס אויסצונוצן און זיך מאַכן אַן אַזוי גערופענעם טשעקעאַפּ, אַן אַלגעמיינע גרינטלעכע אונטערזוכונג. נאָר ס'מוז געמאַכט ווערן ווי מעגלעך גיך. מיר האָבן אַלזאָ געהאַט פאַר זיך אַ טיפּישן מענעדזשער וואָס האָט קיין מאָל קיין צײַט נישט און איז געווינט אָנצונעמען אײַליקע באַשלוסן.

כ'האָב אים דערקלערט אַז די אונטערזוכונגען קאָנען געדויערן אַ מאָל לענגער ווי אַ פּאָר טעג. דאָס קען מען נישט פאַרויסזען. — אַלזאָ, אָקעי! — האָט ער מיר קורץ געענטפערט און שוין האָט ער זיך פאַר־טיפט אין זײַנע בערזע־זשורנאַלן וואָס ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך. דערווײַל האָבן זיך די דאָקטוירים דערוווּסט אַז דאָ בײַ אונדז געפינט זיך אַ באַקאַנטער בערזע־מעקלער האָבן זיי תּיכּף אויסגענוצט די געלעגנהייט צו טאַפּן בײַ אים דעם דופּק אין וואָסערע אַקציעס ס'איז בעסער און זי־כערער צו אינוועסטירן געלט און גיבן מער ריווח. אַפילו די קראַנקנ־שוועסטערס און פלעגערס קומען אויך זיך אינטערעסירן און אויספרעגן וועגן אַקציעס וואָס גיבן בעסערע פאַרדינסטן. און איר מוזט וויסן אַז אַקציעס געהערן ווי אַ באַשטאַנדטייל פון אַמעריקאַנער לעבן־שטייגער.

אַ סך צײַט האָט פאַרבראַכט מיט אים אונדזער כירורג. מסתּם האָט ער אויך געהאַט מיט אים צו רעדן וועגן אַקציעס און פּראָצענטער. מיר האָט עס איבער הויפּט נישט אינטערעסירט. מענטשן מיט מײַן קאַפּיטאַל וואָלט אַפילו די גרעסטע האָסע זיי אויך נישט געווען געהאָלפן. די אונטערזוכונגען בײַ בראָקער האָבן זיך פאַרצויגן. ער איז געוואָרן אַלץ מער אומגעדולדיק און איין מאָל האָט ער אונדז אַנטשלאָסן דערקלערט אַז מער ווי די וואָך בלײַבט ער נישט!

קורץ, די אונטערזוכן האָבן באַוויזן אַז די וויטיקן פון מאָגן שטאַ־מען פון אַ בייזוויליקן געשווילעכץ פון דאַרם. ס'איז אומבאַדינגט נייטיק

ווי צום גיכסטן דורכצופירן אַן אָפּעראַציע. דער פּאַציענט איז געווען אין גאַנצן דערשיטערט. ווי קען איצט אַן אים אויסזען זײַן ביוראָ? אויפן מאַרק איז אַ גרויסע האַסע און ס׳דרייען זיך אום הונדערטער טויזנטער דאָלערס... און ער דרייט זיך דאָ אַרום ווי אויף אַ דאַטשע.

ווײַזט אוים אַז ס׳איז גאָר נישט דערגאַנגען צו זײַן באַוווּסטזײַן די ערנסטקייט פון זײַן קראַנקייט. די דאָקטוירים פונעם באַהאַנדלטן פּאַציענט האָבן אויפגעקלערט זײַן פאַמיליע די ערנסטקייט פון זײַן צושטאַנד. נאָך לאַנגע קווענקלענישן האָט ער מסכּים געווען זיך צו לאָזן אָפּערירן. אין פאַרלויף פון דער אָפּעראַציע האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דאָס געשווילעכץ איז אַ סך מער אַוואַנסירט ווי מ׳האָט פריִער גערעכנט. דערצו איז נאָך צוגעקומען אַן אַנדערע קאָמפּליקאַציע און דער פּאַציענט איז קורץ נאָך דער אָפּעראַציע געשטאָרבן. אַזוי שנעל ווי ער איז געקומען אין שפּיטאָל, אַזוי שנעל האָט ער זיך אָפּגעשיידט פון לעבן.

קאַפּיטל איין און פופציק

די פּרוּוו פון לאַנג-איילאַנד און אירע צוויי פּעקינעזער הינטלעך

די גרעסטע פּלאָג אין דער צײַט פון מײַנע נאַכטדיזשורן זענען געווען די קראַנקע, אַזוי גערופענע היפּאָכאָנדריקערס. כאַפּנדיק אַ מאָל אַ דרעמל נאָך אַ שווערן טאָג, וואָס הגם ס'האָט זעלטן געטראָפן כ'זאָל זיך צולייגן, פלעגט מען מיך דרינגענדיק רופן צו אַ חולה וואָס האָט דורכויס פאַרלאַנגט אַ דאָקטאָר. ווען כ'בין געקומען צו אים, פלעגט ער אַ קרעכצנ-דיקער זיך אָנהייבן קלאָגן אויף ווייטיקן. כ'האָב באַטראַכט זײַן קראַנ-קייט-קאַרטע און באַמערקט אַז ס'האַנדלט זיך וועגן אַ לײַכטן קראַנקן. אונטערזוכנדיק אים גרינטלעך האָב איך גאָר נישט געפינען אַזוינס וואָס קען באַרעכטיקן זײַנע ווייטיקן. אפשר האָט ער יאָ עפּעס געפילט אַ לײַכטן רעפלעקס פון אַ ווייטיק, אָבער די שרעק וואָס האָט אים אַרומ-געכאַפּט, די מורא אַז ס'קאָנען טאָקע קומען נאָך שטאַרקערע ווייטיקן וואָס ער האָט אין זײַן פאַנטאַזיע בולט געזען, האָבן אים געבראַכט צו אַזאַ צושטאַנד אַז זיי פלעגן אים שוין אַזוי שנעל נישט אָפּלאָזן. מײַנע באַרויִקנדיקע ווערטער, אַז ס'איז זיכער נישט קיין שום ערנסטע זאַך, האָבן נישט געווירקט. צו דער קאַטעגאָריע קראַנקע האָבן צום מיינסטן געהערט פרומע.

מיט דער צײַט האָב איך זיך שוין צוגעוווינט זיי אויפמערקזאַם אויסצוהערן כאָטש כ'האָב געוווּסט אַז ס'איז זיך נישטאָ מיט וואָס אי-בערצונעמען און אַז מע דאַרף נישט פאַרלירן קיין איבעריקע רייד מיט זיי, אַז ס'איז ווי מע זאָגט עס אַ ברכה לבטלה. מיר איז נאָר אַ שאָד געווען מײַן פאַרלוירענע אָפּרוצײַט ווען מע קאָן כאַפּן אַ דרעמל וואָס כ'האָב זיך דערין שטאַרק גענייטיקט.

איך וויל זיך דערבײַ פאַררופן אויף אַן אינטערעסאַנטער געשיכטע: אין איינער פון יענע נאַכטדיזשורן האָט מען מיך גערופן צו אַזאַ מין פּאַציענטקע. איך האָב גלײַך געטראַכט, נאָכן דורכלייענען איר קראַנ-קייט-געשיכטע, אַז זי האָט רויִק געקענט בלײַבן אין דער היים, אַנשטאָט צו פאַרנעמען אַ שפּיטאָלבעט, ווײַל דעם אמת געזאָגט, מיט אַזעלכע

ליידן גייען טויזנטער מענטשן טאָג-טעגלעך צו זייער אַרבעט. און זי האָט אויך געקאָנט גיין צו איר נאָרמאַלער באַשעפטיקונג. אויך זי האָט מיך אַזוי גיך נישט אָפּגעלאָזט. און זיצנדיק לעבן איר בעט האָט זי מיר אָנגעהויבן דערציילן אַ ריי פּרטים פון איר לעבן. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן פון אירע רייד, אַז נישט לאַנג צוריק האָט זי זיך געגט מיטן צווייטן מאַן צוליב „זעלישער גרוויזאַמקייט". דאָס איז אַן אַלגעמיין-אָנגענומענער אויסדרוק בײַ „צעשיידונגען", ווען די ריכטערס ווייסן נישט וואָס פאַר אַ מאָטיוו מ׳ע זאָל פאַר דעם אָננעמען. ס'איז אַ גוטער אַרגומענט, ווען אַ פרוי וויל פּטור ווערן פון איר מאַן. דער ערשטער מאַן איז געווען אַ רײַכער ביזנעסמאַן. פון אים האָט זי געירשנט אַ גרויס פאַרמעגן. אַליין וווינט זי אין לאָנג-איילאַנד, אין איינער פון די רײַכסטע געגנטן, אין אַן אייגן הויז. קיין קינדער האָט זי נישט. דערפאַר אָבער צוויי פּעקינעזער הינטלעך. איצט האָט זי זיי געלאָזן בײַ אירס אַ שכנטע. זי רעדט מיט איר טעלעפאָניש יעדן טאָג. פרעגט זיך נאָך ווי ס׳גייט זיי. זי האָט שוין באַזוכט פאַרשידענע ספּעציאַליסטן. זי איז שוין עטלעכע מאָל געלעגן אין פאַרשידענע קליניקן. דערווײַל אָבער האָט איר נאָך קיינער נישט געהאָלפן. צופעליק האָט זי געטראָפן אַ באַקאַנטן, וואָס האָט געגוי גע-האָט די זעלבע סימפּטאָמען וואָס זי. ער איז דאָ געווען אינטערנירט אין שפּיטאָל און טאַקע אויסגעהיילט געוואָרן. דעריבער האָט זי אויסגע-קליבן אונדזער שפּיטאָל. דאָס אַלץ האָט זי מיר דערציילט רויִק, נישט געאײַלט, גלײַך ווי מיר וואָלטן געווען ערגעץ צוזאַמען פּריוואַט פאַר-בעטן. זיצנדיק אַזוי לעבן איר האָב איך עס אַלץ געמוזט געדולדיק אויסהערן.

מיט דער צײַט האָט נאָך נישט געטראָפן דער פאַל אַז בעת מײַן נאַכטדיזשור זאָל מען מיך נישט אַרויסרופן צו איר, צו דער פרוי זשע-ניפער. אַזוי האָט זי געהייסן, די פּאַציענטין פון לאָנג-איילאַנד. צום ערשטן פלעגט זיך אָנהייבן די אַלטע געשיכטע מיט אירע פּלוצעמדיקע ווייטיקן און דערנאָך פלעגט זי זיך אַרײַנלאָזן אין לאַנגע שמועסן פון פּריוואַטן כאַראַקטער. וויפל צײַט בלײַב איך נאָך דאָ? — האָט זי געוואָלט וויסן — ווי אַזוי שטעל איך מיר פאָר מײַנע פּלענער אין דער צוקונפט?

אין איינעם פון מיינע נאַכטדיזשורן האָט מען מיך ווידער גערופן צו איר. כ׳האָב זיך געקווענקלט: גיין אָדער נישט גיין. כ׳בין געווען פאַר-מאַטערט און האָב געוווסט, אַז ס׳וועט זיך ווידער איבערחזרן די זעלביקע געשיכטע ווי אַלע מאָל. דאָך האָב איך באַשלאָסן צו גיין. כ׳האָב זיך דערמאָנט, אַז זי איז אַ פּאַציענטין פון דער ערשטער קאַטעגאָריע, און אויב כ׳וועל נישט גיין קען עס מיר ברענגען אומאָנגענעמלעכקייטן. אַל-

זאָ, מילא. געקומען צו איר האָט זי גאָר נישט דערמאָנט וועגן אירע שמערצן. מיט אַ ווייכער שטימע האָט זי געבעטן כ׳זאָל זיך צוזעצן. זי האָט מיר דערקלערט אַז דאָס מאָל האָט זי מיך גערופן, אַזוי צו זאָגן, פּריוואַט, נישט ווי אַ דאָקטאָר, נאָר ווי אַ פֿרײַנד צו אַ גאַנץ אינטימען שמועס.

איך בין איר געפעלן געוואָרן שוין גלײַך נאָך מײַן ערשטן באַזוך — האָט זי מיר דערקלערט — און מײַנע אַלע האַנדלונגען לגבי איר באַווײַזן אַז איך בין אַן אײדעלער און פֿרײַנטלעכער מענטש. קורץ, נאָך אַ לאַנגגן נאָכדענקען האַלט זי אַז מיר ביידע וואָלטן געקענט זײַן אַן אי־דעאַל פּאָרפּאָלק. זי איז נאָך אין די בעסטע יאָרן, זי איז, לויט אירע רייד, קוים פֿינף און דרײַסיק יאָר אַלט. מײַן אַרבעט אין שפּיטאָל ענדיקט זיך. זי איז זיכער אַז מײַן נאָסטריפֿיקאַציע וועל איך מאַכן. איז זי גרייט מיר אײַנאָרדענען אַ מאָדערנעם מעדיצינישן קאַבינעט און טאַקע נישט ווײַט פֿון איר, אין אַ געגנט, וווּ ס׳וווינען לויטער רײַכע מענטשן. זי האָט צווישן זיי אַ סך באַקאַנטע. היות ווי כ׳בין אַ גוטער דאָקטאָר איז זי זיכער אַז איך וועל האָבן דערפֿאָלג, און דאָס געלט איז גוט אינוועס־טירט. ס׳איז אָבער דאָ איין פֿראַגע, זייער אַ וויכטיקע און דאָס מוז זי מיר אויפֿקלערן. ווי איז מײַן באַציִונג צו הינט? און אויב די פּעקינעזער, די קליינע הינטלעך מיט די קאָמישע מאָרדקעס, האָב איך ליב, ווײַל פֿון זיי וועט זי זיך בשום־אופֿן נישט שיידן. דאָס אַלץ האָט פֿון איר אַרויס־געשפּאָרט אָן אָן אָפּשטעל, נישט וואַרטנדיק גאָר אויף מײַנס אַ באַמער־קונג. די הויפּטפֿראַגע זענען בײַ איר געווען די צוויי הינט. אַל דאָס איבעריקע איז גאָר נישט אַזוי וויכטיק.

דעם אמת זאָגנדיק האָב איך ליב הינט, נאָר גרויסע. פּעקינעזער זענען מיר קיין מאָל נישט געווען סימפּאַטיש. איך האָב איר אָבער נאָר צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, קלערנדיק אַז ס׳וואָלט געווען אַ משוגעת פֿון מײַן זײַט ווען איך וואָלט זיך גענומען צײַט נאָכצוטראַכטן וועגן איר פֿאָרשלאָג.

איך האָב אַלזאָ דערקלערט, אַז איר פֿאָרשלאָג קומט פֿאַר מיר אין גאַנצן אומדערוואַרט. אַזאַ וויכטיקן באַשלוס מוז איך אָננעמען נאָך אַ לענגערן ישוב־הדעת. דעריבער מוז זי מיר לאָזן צײַט. זי איז געווען אַ ביסל אַנטוישט פֿון מײַן ענטפֿער. זי האָט מיר דאָ געמאַכט אַזאַ גרוים־אַרטיקן אָנבאָט, אַ גראָער רעזידענץ־דאָקטאָר קריגט אויסזיכטן אויף אַזאַ גלענצנדיקע קאַריערע און קווענקלט זיך נאָך צי ער זאָל זי אָננעמען. זי האָט מיר אָבער דערקלערט אַז זי פֿאַרשטייט מיך און אַז דאָס איז נאָך אַ באַווײַז פֿאַר מײַן הויכן מאָראַלישן ווערט.

פון דער נאַטור בין איך נישט קיין גלויביקער מענטש און אין ניסים גלייב איך אוודאי נישט. צו מײַן גרויסער איבעררעשונג האָט מיר צו מאָרגנס דערציילט די קראַנקנשוועסטער, אַז מיסיס זשעניפער האָט מען טעלעפאָניש גערופן פון ניו־יאָרק און זי האָט אין גרוים אײַלעניש פאַר־לאָזן דעם שפּיטאָל. פון מײַן קאָלעגע, וואָס האָט זי באַהאַנדלט, האָב איך זיך שפּעטער דערוווּסט די סיבה פון איר אַנטלויפן פון שפּיטאָל: איינער פון די פּעקינעזער איז שווער קראַנק געוואָרן. איר שכנטע האָט איר מודיע געווען וועגן דעם און זי האָט אַלץ געלאָזן און זיך אויסגע־שריבן פון שפּיטאָל. דאָס איז געווען די סיבה פון איר פּלוצעמדיקער אָפּרײַזע און פון... מײַן רעטונג.

קאַפּיטל צוויי און פופציק

אַ דאָקטאָר אַ — שדכן
צווישן אַ חולה און אַ קראַנקנשוועסטער

מײַן אַרבעט-קאָנטראַקט מיטן שפּיטאָל האָט זיך געדאַרפט ענדיקן אין עטלעכע טעג אַרום. די גאַנצע וואָך צײַט איז טאַקע אַדורך בשלום. מער האָב איך פון דער געגנטער פּרוי נישט געהערט.

פאַר דער צײַט האָב איך אַפּליקירט אַן אייגענעם מעטאָד פון באַהאַנדלונג פון די חולאים וואָס האָבן געהערט צו דער קאַטעגאָריע היפּאָכאָנדריקערס. קומענדיק צו אַזאַ פּאַציענט, פלעג איך אים גרינטלעך אונטערזוכן און מיט אַן ערנסטער שטימע אים דערקלערט, אַז די ווייטיקן זײַנען זענען פאַרבונדן מיט אָרגאַנישע קאָמפּליצירטע ענדערונגען, וואָס זענען אין אים אַרײַנגעטרעטן און וואָרשײַנלעך וועט מען זיי קענען באַזײַטיקן דורך אַן אָפּעראַציע. דער פּאַציענט פלעגט מיך אָנקוקן מיט צעשראָקענע אויגן און נאָך געציילטע מינוטן מיר דערקלערן, אַז די ווייטיקן זײַנען זענען שוין גאָר נישט אַזעלכע שטאַרקע און פאַרשווינדן צו ביסלעך. נאָך אַ קורצער צײַט האָט ער מיר שוין געזאָגט אַז זיי זענען אין גאַנצן פאַרשווינדן.

מײַן באַהאַנדלונג האָט געהאַט אַ פּעולה. כ'בין זייער זעלטן אַרײַנגערופן געוואָרן צו די נאַכטקראַנקע. כ'האָב שוין געקענט פון צײַט צו צײַט כאַפּן אַ דרעמל.

נאָך אַן אינטערעסאַנטע געשיכטע איז מיר געבליבן פון דער צײַט פון מײַן שפּיטאָל-פּראַקטיק. קורץ פאַר מײַן פאַרלאָזן דעם שפּיטאָל איז מיר אויסגעקומען צו ווערן אַ שדכן. איין מאָל איז געווען אַן אויטאָ-אַקצידענט נישט ווײַט פון אונדזער שפּיטאָל. די פאַרוווּנדיקטע האָט מען אַריבערגעפירט אין דיזשורנעם אָפּטייל פון שפּיטאָל. צווישן די פאַרוווּנדיקטע איז געווען אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן. מ'האָט אים געמוזט אַמפּוטירן ביידע פיס. די אָפּעראַציע איז דורכגעגאַנגען בשלום. דער פּאַציענט אָבער איז אַרײַנגעפאַלן אין אַ שווערער דעפּרעסיע. ער האָט נישט געקענט שלום מאַכן מיטן געדאַנק אַז ער איז געוואָרן אַן

אינוואַליד אויפֿן גאַנצן לעבן. אַזאַ דערשײַנונג קומט אָפּט פֿאָר נאָך אַזעל־כע פֿאַלן. מע ווענדט זיך אָן פּסיכישע טעראַפּיע.

שעהען לאַנג פֿלעגט ער ליגן אַ שווײַגנדיקער מיט אַ שטאַרן גלע־זערנעם בליק, געריכט אויף דער וואַנט, נישט אַרויסווײַזנדיק קיין שום אינטערעס פֿאַרן אַרום. היות ווי ס'איז דורכגעגאַנגען אַ לענגערע צײַט און דער צושטאַנד פֿונעם פּאַציענט האָט זיך נישט געענדערט, האָבן די דאָקטוירים באַשלאָסן, אַז מע דאַרף אים אַריבערפֿירן אין אַ שפּיטאָל פֿאַר פּסיכיש־קראַנקע. פֿון מײַן אייגענער מעדיצינישער דערפֿאַרונג האָב איך געגלייבט אַז ס'איז מעגלעך אַז איך וועל אים קענען העלפֿן. כ'האָב דעריבער געבעטן דעם הויפּטדאָקטאָר אַז מע זאָל אים נאָך דאָ לאָזן אַ שטיקל צײַט אין שפּיטאָל.

מײַנע ערשטע פּרוּוון אָנצובינדן מיט אים אַ קורצן געשפּרעך זענען נישט געלינגען. צו ביסלעך אָבער זענען מײַנע רייד צו אים דערגאַנגען. מעגלעך דערפֿאַר, ווײַל ער האָט אויך דערפֿילט אַז ער האָט פֿאַר זיך נישט קיין דאָקטאָר, נאָר אַ מענטש וואָס דאָס לעבן האָט אים צעבראָכן. ביסלעכווײַז האָט ער אויך אָנגעהויבן צו רעדן. ער האָט מיר געגומען דערציילן פֿאַרשידענע פּרטים פֿון זײַן לעבן. פֿון פֿאַך איז ער אַ מעכאַ־ניקער. ביז איצט האָט ער גוט פֿאַרדינט. זײַן פֿרוי איז מיט עטלעכע יאָר צוריק געשטאָרבן. די צוויי געבליבענע טעכטערלעך געפֿינען זיך איצט בײַ זײַן מוטער. אַצינד אָבער ווי וועט ער זיך און זיי קאָנען מפֿרנס זײַן. ווי וועט ער, אַן אינוואַליד, קאָנען אויסהאַלטן די פֿאַמיליע?

נאָכן אויסהערן אים האָב איך אים האָב איך דערקלערט, אַז איך האָב אויך הינטער זיך זייער שווערע איבערלעבענישן. כ'האָב נישט געגלייבט אַז כ'וועל קאָנען נאָרמאַל אַרבעטן. די צײַט אָבער היילט. ס'זענען פֿאַראַן זייער מאָדערנע פּראָטעזן וואָס וועלן אים געבן די מעגלעכקייט, ער זאָל זיך אַליין קאָנען באַוועגן און אַרבעטן בײַ זײַן פֿאַך, אפֿשר נישט אַזוי פֿיל ווי פֿריִער. ער וועט זיך אָבער באַשטימט אַן עצה געבן. בײַ דער געלעגנהייט האָב איך זיך דערמאָנט אין אונדזער קראַנקנשוועסטער, גלאַדיס, אַן אַלמנה אָן קינדער, אין די מיטעלע יאָרן, אַ פֿרוי, וואָס האָט אַלע מאָל געהאַט אַ שמייכל און אַ גוט וואָרט פֿאַרן קראַנקן. זי איז גע־ווען זייער באַליבט בײַ די קראַנקע. איז מיר אײַנגעפֿאַלן אַ געדאַנק, אַז זי קען אין דעם פֿאַל אַ סך העלפֿן.

בײַ אַ פּאַסיקער געלעגנהייט האָב איך גלאַדיסן דערציילט די גאַנצע געשיכטע מיטן פּאַציענט און כ'האָב זי געבעטן, אויב מעגלעך, זיך אַ ביסל פֿאַראינטערעסירן מיטן דאָזיקן קראַנקן.

נאָך אַ געוויסער צײַט האָב איך באַמערקט אַז גלאַדיס פֿלעגט איר

פרײַע צײַט אָפּזיצן בײַ זײַן בעט פּאַרטיפּט אין לעבהאַפטע שמועסן. נישט זעלטן פלעג איך הערן אַ לײַכטן געלעכטער פונעם פּאַציענט. דער חולה איז נאָך אַ געוויסער צײַט געוואָרן אַן אַנדערער מענטש. ער האָט שוין זיכער נישט באַדאַרפט קיין פּסיכיאַטער.

ווען ער האָט פאַרלאָזט דעם שפּיטאָל, באַוועגנדיק זיך אויף די פּראָטעזן, אָן קיינעמס הילף, האָט ער זיך פאַר מיר פאַרטרויט, אַז ער און גלאַדיס האָבן באַשטימט חתונה צו האָבן. זי וועט זיכער זײַן אַ גוטע פרוי און מוטער פאַר זײַנע טעכטערלעך. גלאַדיס האָט שטייענדיק לעבן אים שטראַלנדיק נאָר צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. אין גיכן האָב איך באַקומען אַן אײַנלאַדונג אויף דער חתונה.

דער שפּיטאָל אונדזערער האָט פאַרלוירן אַ גוטע קראַנקנשוועסטער, אָבער אַ מענטש, אַ געשלאָגענער פון גורל, האָט באַקומען אַ גוטע פרוי בײַ זײַן זײַט.

ווען מײַן אַרבעט־קאָנטראַקט האָט זיך געענדיקט, האָב איך זיך געזעגנט מיטן שפּיטאָל, מיט די דאָקטוירים און געהילף־פּערסאָנאַל. ווידער האָב איך גענומען מײַן אַלטע בלעכענע וואַליזקע, וואָס האָט געדולדיק געוואַרט אויף מיר אין אַ ווינקל פונעם שפּיטאָל־צימערל מיטן אָפּגעבראָכענעם שטיקל הימל, און מיט אַ פּעקל דערפאַרונגען פונעם אַמעריקאַנער שפּיטאָל האָב איך זיך צוריק געקערט קיין ניו־יאָרק.

קאַפּיטל דריַי און פופציק

אַן אידעאַל שטעטל נישט וויַט פון ניו־יאָרק

איך האָב באַליַיגט מיַינע עקזאַמענס און נאָסטריפיקירט מיַין דיפּלאָם. נאָך אַ פופצניאָריקער פּראַקטיק ווי אַ דאָקטאָר איז עס מיר אויך נישט שווער אַנגעקומען. כ׳האָב באַקומען דאָס רעכט צו פּראַקטיצירן ווי אַ פּריוואַטער דאָקטאָר. איצט האָב איך, בלית־ברירה, זיך געמוזט ענדגיל־טיק באַשליסן וועגן זיך איַינאָרדענען.

מיַינע פריַינד האָבן מיר געראָטן, איך זאָל בליַיבן אין ניו־יאָרק. דאָ האָב איך געהאַט אַ סך באַקאַנטע און לאַנדסליַיט און ס׳וואָלט מיר גע־ווים געווען אַ סך ליַיכטער זיך אַן עצה צו געבן. פּערזענלעך האָב איך קיין גרויסן חשק נישט געהאַט צו אַרבעטן אין ניו־יאָרק. די וועלטשטאָט איז מיר קיין מאָל נישט געפעלן געוואָרן. נאָך מער, זי פלעגט פּשוט אַרויפוואַרפן אויף מיר אַ מורא. איך האָב נישט געהאַט קיין גרויסן חשק צו לעבן אין דעם אייביק־ברויזנדיקן קאָכקעסל, ווי ס׳איז ניו־יאָרק. כ׳האָב געחלומט פון אַ קלענער רויִקער שטאָט אין דער אומגעבונג פון וועל־דער און בערג, ווו קיינער טריַיבט דיך נישט און יאָגט דיך נישט, און ווו מע קען אפשר געפינען אַ ביסל רו.

אין דער ציַיט האָב איך געוווינט ביַי מיַינע פריַינד אין ניו־יאָרק. אָפט פלעגן אונדז באַזוכן גוטע פריַינד און לאַנדסליַיט און ביַי אַ גע־לעגנהייט האָט מען מיר פאָרגעשטעלט אַ דאַמע וואָס איז מיר גליַיך ביַים ערשטן אויגנבליק געווען סימפּאַטיש. ערשטנס האָט זי גערעדט מיט מיר אַ ריינעם ליטווישן ייִדיש, מיַין ייִדיש. נישט צונויפגעמישט פון פאַרשיידענע ענגלישע אויסדריקן, אַ זאַך וואָס איז זייער זעלטן צו טרעפן אין אַמעריקע. די מערסטע פון מיַינע פריַינד, וואָס האָבן גוט באַהערשט דאָס ייִדישע לשון האָבן נאָך אַזוי פיל יאָרן אין אַמעריקע באַנוצט אין זייער ייִדיש אַ סך ענגלישע ווערטער וואָס ס׳האָט מיר אַ היפּש ביסל שאָקירט די ערשטע ציַיט. דער פאַקט אַליין, וואָס די פרוי האָט גערעדט אַזאַ גוטן ייִדיש, האָט מיר דערלויבט צו פירן מיט איר מער אַ פאַר־טרוילעכן שמועס. איך גלייב, אַז צום ערשטן מאָל זיַיט יאָרן האָב איך פריַיער זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן. כ׳האָב דערציילט עטלעכע עפּי־

זאַדן פון מײַנע איבערלעבענישן אין צײַט פון קריג און אויך פון מײַנע ערשטע אײַנדרוקן פון אַמעריקע.

מיר האָבן זיך נאָך שפּעטער געטראָפן צוזאַמען בײַ פאַרשידענע געלעגנהייטן. די דאַמע האָט איבערגעלאָזט אויף מיר אַן אײַנדרוק מיט איר אינטעליגענץ און וויסן. זי איז געווען זייער אַ גוטע צוהערערין און זעלטן ווען האָט זי מיר איבערגעריסן און אַזוי איז צווישן אונדז צו ביסלעך אַנטשטאַנען אַ געוויסע פאַרטרוילעכקייט און אפשר עפּעס מער. נאָך לאַנגע יאָרן האָב איך געפינען אַ מענטשן, וואָס כ׳האָב געגלייבט אַז איך קען זיך אים פאַרטרויען, זיך טיילן מיט אים מיט מײַנע אײַנדריקן און די הויפּטזאַך, אַז ער פאַרשטייט מיך. רופט עס אַן ווי איר ווילט, אַ פאַקט איז, אַז כ׳האָב אָפט געפלעגט פילן אַז די פרוי פעלט מיר.

בײַ אַ געוויסער געלעגנהייט האָט מיר די דאַמע דערציילט, אַז צו־פעליק האָט זי זיך דערוווּסט, אַז אין דער געגנט פון מאָנטעסעלאָ — אַ דאַטשע־אָרט, וואָס ליגט צווישן בערג, אַן ערך הונדערט מײַל פון ניו־יאָרק, איז פרײַ געוואָרן אַ פּאָסטן פון אַ שפּיטאָל־דאָקטאָר. אויב ס׳אינ־טערעסירט מיך, קען זי מיך אויך דאָרט באַגלייטן. כ׳האָב גלײַך אויפן אָרט מסכּים געווען. צו מאָרגנס זענען מיר אין איינעם אַרויסגעפאָרן אַהין. דאָס שטעטל, אויב מע קען עס אַזוי אָנרופן, איז באַשטאַנען פון ווײַט צעוואָרפענע הײַזער און אַ באַפעלקערונג פון צוועלף־פופצן אײַנ־וווינערס. דער שפּיטאָל איז געווען אַ קליינער, נאָר מאָדערן אײַנגע־אָרדנט. דער געהאַלט, וואָס מ׳האָט מיר פאָרגעשלאָגן, איז נישט געווען קיין הויכער, אָבער גענוג צום לעבן. די געגנט גופא האָט גענוי אַנט־שפּראָכן מײַן פאַנטאַזיע. זי איז געווען אַרומגערינגלט פון בערג און וועלדער. דאָס אָרט איז געווען ווי אָפּגעזונדערט פון דער אַרומיקער וועלט. אַן אידעאַלער פּלאַץ פאַר אַ מענטשן וואָס זוכט אַ ביסל רו. איך האָב בײַ מיר געטראַכט אַז אַזוי שנעל ווי איך אַזעלכע אַרבעט־באַדינ־גונגען נישט געפינען, און טאַקע נאָך דעם זעלביקן טאָג האָב איך גע־געבן מײַן צושטימונג. מײַן „אָקעי!״.

דריישי, די דאַמע, וואָס האָט מיך דעמאָלט באַגלייט, איז געוואָרן מײַן פרוי. קורץ נאָך דעם האָבן מיר זיך אײַנגעאָרדנט אין וואַדלום. אַזוי האָט געהייסן דאָס קליינע שטעטל דאָרט צווישן די בערג.

דאָ הייבט זיך אָן דאָס פרישע און לעצטע קאַפּיטל אין מײַן לעבן. די נאָענטקייט צו דער נאַטור, דאָס רויִקע קליינשטעטלדיקע לעבן און מײַן נאָרמאַלע מעדיציניש אַרבעט האָבן דערוועקט אין מיר אַ געוויסן מעטאַפיזישן געפיל. כ׳האָב געשפּירט אַז איך געפין זיך אויף דער גרע־

נעץ צווישן מײַן טרויעריקן עבר און אַ צוקונפט, וואָס קען מיר ברענגען אַ ביסל פרייד און גליק. דאָס איז געווען גאָר אַ גאַנץ אַנדער אַמעריקע.

איינער האָט געקענט דעם צווייטן און נישט איין מאָל האָב איך אַנגענעם פעסטגעשטעלט ווי אומבאַקאַנטע פלעגן מיך באַגריסן אויפן הויכן קול:

— ווי גייט עס אײַך, דאָק?

די פרײַנדלעכקייט פון מײַנע שכנים און די פשוטע אוממיטלבאַרע און אָפֿענע באַציִונג פון די פּאַציענטן צו מיר האָט אָנגעהויבן דערוועקן אין מיר אַ נײַ געפיל. איך האָב זיך דאָ אָנגעהויבן פילן ווי אַן אַלטער תושב.

באַלד איז געבוירן געוואָרן מײַן טעכטערל, אַ קוועקזילבערדיק געזונט מיידל, וואָס פלעגט מיר פאַרשאַפֿן מיט איר קינדערשן קוידערוועלש אַ סך פרייד. מײַנע לעצטע רעזערוון פון האָפענונג און קראַפט האָבן זיך אָנגעהויבן צו קריסטאַליזירן, וועקן. אימפּולסן, וואָס זענען שוין לאַנג געהאַט געווען בײַ מיר אײַנגעשלאָפֿן, אויסגעלאָשן, האָבן פלוצעם אָנגעהויבן לעבעדיק ווערן. איך האָב באַטראַכטן אַ נײַעם וועג צו שאַפֿן אַן אייגענע היים.

ס׳וואָלט נישט ריכטיק געווען, ווען איך וואָלט באַהויפּט, אַז מײַן ביטערע פאַרגאַנגענהייט איז פאַרשוונדן פון מײַן באַוווּסטזײַן. איך פלעג אָפט פאַרברענגען שלאָפלאָזע נעכט זיך גריבלענדיק אין מײַן טרויעריקער פאַרגאַנגענהייט, און אין זכרון פלעגן פריש ווערן גרויזאַמע עפּיזאָדן פון אַקציעס, שחיטות אין געטאָ. און דאַן פלעג איך אַרײַנפאַלן אין אַן אומרויִקן שלאָף. אין שלאָף פלעגן מיך פּלאָגן בילדער פון מײַנע נאָענטסטע וואָס זענען אומגעקומען פאַרפּײַניקטע. צום בולטסטן פלעג איך זען די פּנימלעך פון מײַנע צוויי קליינע פּלימעניקלעך מיט זייערע אומשולדיקע אייגעלעך, וואָס קוקן צו מיר ווי מיט אַ שטילן פאַרוווּרף: פאַר וואָס האָב איך זיי נישט געראַטעוועט? ווי אַ שווערער שטיין האָט עס געדריקט אויף מײַן האַרץ.

כ׳האָב געפּרוּווט דערקלערן די דערשײַנונג מיט דעם, וואָס מײַן דערשעפּטער מוח איז ביז איצט געווען קאָנצענטרירט מער אויף די טאָג־טעגלעכע דאגות פון אַרום און די זכרונות פון מײַן פאַרגאַנגענהייט זענען נישט פאַרשוווּנדן, נאָר זיי זענען געלעגן טיף אין מײַן אונטערבאַוווּסט־זײַן ווי פאַרגליווערט. און איצט, ווען אַלע איבעריקע דאגות זענען פאַר־שוווּנדן און כ׳האָב אָנגעהויבן פילן דעם טעם פון אַ געוויסער צופרידנ־קייט אין מײַן לעבן, האָבן זיי זיך אויפגעוועקט און צוריק געקומען.

דאָס איז געווען דער פּרײַז וואָס איך האָב געצאָלט פאַר מײַנע

איצטיקע גליקלעכע טעג. פון מײַן פעסטשטעלן דעם דיאַגנאָז איז מיר לײַדער לײַכטער נישט געוואָרן. צו יענער צײַט אָבער געהערן אויך מײַנע ליכטיקסטע מאָמענטן.

די אַרבעט פון אַ דאָקטאָר אין אַ קליין שטעטל איז זייער אַן אָנגעשטרענגטע. מע דאַרף באַהערשן אַלע געביטן פון דער מעדיצין. אַ חוץ מײַן ספּעציאַליטעט פון אַן אינערלעכן דאָקטאָר האָב איך אויך געמוזט אַסיסטירן בײַ געבורטן, אָפּעראַציעס און דערצו נאָך געמאַכט נאַכטוויזיטן בײַ קראַנקע. זעלטן ווען האָב איך געהאַט די נאַכט פאַר זיך אַז מע זאָל מיך נישט אַרויסרופן צו אַ קראַנקן. נישט געקוקט אָבער אויף דעם אַלעם בין איך געווען צופרידן.

מײַן מאַטעריעלע לאַגע האָט זיך אָנגעהויבן גיך פאַרבעסערן. כ׳האָב געקויפט אַן אויטאָ און בײַ אַ צופעליקער געלעגנהייט, וואָס האָט זיך געמאַכט, האָבנדיק אייגענע פּריוואַטע פּראַקטיק און אַרבעטנדיק גלײַכצײַטיק אין שפּיטאָל האָב איך פון אַזאַ שווערער אַרבעט מיר געקענט קויפן אַן אייגן שיין הויז מיט אַ גרויסן גאָרטן. מײַן באַנקקאָנטע איז געוואָרן אַ גאַנץ אָנגעזעענע און פון צײַט צו צײַט האָב איך געקענט קויפן אַ ביסל אַקציעס, אַזוי אַז איך בין געוואָרן, ווי מע זאָגט דאָ — „אָלרײַט״.

מײַן פרוי האָט מיר געהאָלפן אין דער פּריוואַטער פּראַקטיק. זי האָט בעסער געקענט די אַמעריקאַנער מענטאַליטעט און איז געווען אַ סך פּראַקטישער ווי איך אין מאַטעריעלע ענינים.

איך האָב אַלע מאָל געהערט פון באַקאַנטע, אַז דאָ אין צפון־אַמעריקע איז נישט אַזוי וויכטיק צו זײַן אַ גוטער דאָקטאָר ווי אַ גוטער ביזנעסמאַן. דאָס ערשטע איז מיר שווער געווען פעסטצושטעלן צי ס׳איז ריכטיק אַזוי. דאָס צווייטע דאַקעגן קען איך אָבער מיט מײַן פרוי באַשטעטיקן אַז איך האָב זיך צו ביסלעך אָנגעהויבן אַקלימאַטיזירן אין דער סביבה און במילא זיך גענומען אַמעריקאַניזירן.

דער פּשוטער אַרט דענקען פונעם אַמעריקאַנער, זײַן באַציִונג צו מענטשן, פרײַנד, זײַן נאַטירלעכער דראַנג צו העלפן און זײַן טראַדיציאָנעלער גלויבן אין גאָט האָבן אָנגעהויבן ווירקן אויף מיר. ביז נישט לאַנג האָב איך דאָך געהאַט פאַרלוירן דעם צוטרוי און גלויבן אין מענטשן. און די פּשוטע מענטשן פון מײַן קליינעם שטעטל האָבן מיר עס צוריקגעגעבן. נישט איין מאָל האָט מיר אַ פּאַציענט נאָך דער אונטערזוכונג אָנגעהויבן אויספירלעך דערציילן וועגן זײַנע פאַמיליע־פּראָבלעמען, פרעגנדיק מײַן מיינונג. איך פלעג אים אויפמערקזאַם אויסהערן און זיך באַמיט

אים ווי צום בעסטן ראַטן. ס׳איז פאַר מיר געווען אַ טאָפּלטע סאַטיס־פאַקציע: איך האָב אים געהאָלפן ווי אַ דאָקטאָר און אויך ווי אַ פרײַנד.

איך דערמאָן זיך ווי אָפט איך פלעג טרעפן אין ניו־יאָרק צופעליק אַ באַקאַנטן פלעגט ער מיך באַגריסן מיט אַ הויכן „העלאָ!” ווי גייט עס דיר? און נישט וואַרטנדיק אַפילו אויף קיין ענטפער איז ער שוין פאַר־שוווּנדן. די צײַט האָט אים געיאָגט און ער האָט נאָכגעיאָגט דעם דאָלער, און אין זײַן אייביקן געיעג האָט ער פאַרגעסן אינעם לעבן גופא.

דאָ אָבער האָט דער אַמעריקאַנער פון מײַן שטעטל געהאַט צײַט זיך רויִק מיט מיר אַדורכצושמועסן נישט געקוקט אויף דעם וואָס ער האָט מיך נישט לאַנג געקענט, אַ קורצע צײַט, כ׳בין נאָך רעכט געווען אַ פרעמדער פאַר אים, קוים אַן ערשט געקומענער אַהער, די גוטפרײַנד־שאַפט האָט זיך אָבער גלײַך און אוממיטלבאַר פאַרבונדן ווי מענטש מיט מענטש.

אַ לאַנד פון קאָלאָסאַלע קאָנטראַסטן, ווו איין טייל איז פאַרכאַפּט פונעם געדאַנק צו ווערן כאָטש אַ שטיקל ראָקפעלער, און פאַרגעסט אין לעבן אַליין, אין די פאַרגעניגנס וואָס ס׳לעבן שטעלט צו דעם מענטש. און אַ צווייטער טייל, וואָס לעבט זײַן אָרעמען לעבן אָן אײַלעניש, ער געניסט פונעם לעבן לויט זײַנע מעגלעכקייטן, וויסנדיק אַז ס׳לעבן גע־דויערט נישט אייביק. ס׳איז דעריבער נישט קיין וווּנדער ווען איך פלעג הערן פון אויסלענדער די קעגנגעזעצטע און קעגנזײַטיקע מײַנונגען וועגן אַמעריקע.

מיר ווייסן אַז אַמעריקע איז אַ לאַנד פון קאָנטראַסטן. פון איין זײַט הערט איר פון קאָרומפירנדיקע פּאָליטיקערס פון אַ מאַפיע, וואָס איז אַ מלוכה אין אַ מלוכה; אַ לאַנד וואָס גיט אַרויס פון זיך דעם העכסטן פּראָ־צענט יוגנטלעכע קרימינאַליסטן, און אויב איך בין זיך נישט טועה, ווײַזט די סטאַטיסטיק אַז יעדע פאַר שעה ווערט באַגאַנגען אַ מאָרד; פון דער צווייטער זײַט, קען איך פון מײַן פּערזענלעכער דערפאַרונג באַ־הויפּטן אַז דער דורכשניט אַמעריקאַנער איז הילפגרייט פּוריטאַניש און האָט טיף־אײַנגעוואָרצלטן גלויבן אין גאָט און אין מענטש. ס׳איז אָפט שווער געווען צו פאַרשטיין, ווי קען מען אין אונדזער דינאַמישער צײַט, אין וועלכער מיר לעבן, ווען די צײַטונגען ברענגען אַלאַרמירנדיקע ידיעות פון די פאַרשידנסטע עקן פון דער וועלט, זײַן אויף אַזאַ ווײַטע דיסטאַנץ פון דעם אַלעם? טרעפנדיק מײַן אַמעריקאַנער שכן בײַם לייע־נען די טאָגצײַטונג — אַ זאַך וואָס פלעגט גאָר נישט אָפט פאָרקומען — האָב איך באַמערקט אַז קודם־כּל האָט ער אָנגעהויבן פון די ספּאָרט־נײַעס, דאַן אַ מיש געטון די בערזע־זײַט און מיט דעם האָט זיך געענ־

דיקט זײַן לעקטור. איך פלעג שוין וואַרטן אין דער פרי מיט אומגעדולד אויפן צײַטונג־טרעגער. די ערשטע שפּאַלטן, וואָס ברענגען די נײַעס פון דער גאַנצער וועלט, זענען געווען פאַר מיר די וויכטיקסטע און דאַן פלעג איך זיך נעמען צו די פּאָליטישע קאָמענטאַרן נישט דערגייענדיק אַפילו צו די ספּאָרטזײַטן, וואָס גיבן איבער די ספּאָרט־געשעענישן, ווײַל זיי האָבן מיך אויך נישט אינטערעסירט און אויך נישט די נאָטירונגען פון די אַקציעס וואָס איך האָב יאָ געהאַט אָבער כ׳בין נישט געווען פּשוט באַהאַווונט, ווײַל דאָס איז געווען דער רעסאָרט פון מײַן פרוי. און דעם אמת געזאָגט האָבן זיי מיך אַזוי שטאַרק נישט אינטערעסירט.

אינטערעסאַנט זענען דאָ די געזעצן פון אייגנטום. אין אַמעריקע זענען זיי גאַנץ אַנדערע און מער קאָמפּליצירטע ווי אין אייראָפּע. זיי זענען אַן אמתער פעטער ביסן פאַר די אַדוואָקאַטן. מיר וואָלט קיין מאָל נישט אײַנגעפאַלן דער געדאַנק אַז אויב אַ דורכגייער צעברעכט, חס־ושלום, אַ פוס אויפן טראָטואַר וואָס גרענעצט זיך מיט מײַן הויז בין איך פאַראַנטוואָרטלעך און דאַרף אים באַצאָלן אַנטשעדיקונג. אַזעלכע צרות!

קאַפּיטל פיר און פופציק

אַ ייִדישער לוקסוס־האָטעל צווישן די בערג

נישט ווײַט פון אונדזער שטעטל געפינט זיך אַ באַקאַנטער לוקסוס־האָטעל וואָס מע קומט צו אים פון אַלע טיילן פון אַמעריקע. די גרעסטע ביזנעסלײַט פאַרברענגען זייערע וואַקאַציעס אין דאָזיקן האָטעל וואָס געפינט זיך צווישן בערג, טאָלן און וועלדער. אויך ניו־יאָרקער ביזנעס־לײַט קומען דאָ פאַרברענגען זייער וויק־ענד, סוף וואָך. דער האָטעל פאַרמאָגט איינעם פון די שענסטע גאָלף־פלעצער (דער נאַציאָנאַלער ספּאָרט פון די רײַכע אַמעריקאַנער), די פאַרשידנסטע מאָדערנע ספּאָרט־אײַנריכטונגען, די בעסטע שווימבאַסײַנען. מיט איין וואָרט, אַלץ וואָס אַמעריקע קאָן אָנבאָטן, אַפילו טאַנץ־לערערס פאַר די רײַכע אַלמנות. אָפט פלעגט מען מיך דאָרט רופן צו פּאַציענטן. מערסטנטייל האָט זיך עס געהאַנדלט וועגן גאַסטריטישע פאַלן. ס'איז אויך נישט געווען קיין ווונדער. ווען אַ פּאַציענט האָט מיר אויסגערעכנט דאָס אַלץ וואָס ער האָט דעם טאָג געהאַט געגעסן וואָלט מען זיך געדאַרפט וווּנדערן ווען ער וואָלט טאַקע נישט קראַנק געוואָרן. אַ גוי האָט מען דאָרט אויף קיין רפואה נישט געזען, לויטער ייִדן. געפילטע קישקע מיט טשאָלנט און בעבלעך האָט פיגורירט מיט גרויסע אותיות אין טעגלעכן מענו. פאַר מיר איז עס געווען אומפאַרשטענדלעך ווי אַזוי האָבן מענטשן גע־האַט צײַט נאָך צו טון עפּעס אַ חוצן עסן. פרישטיק האָט מען געגעבן פון ניַין ביז עלף; מיטאָג פון צוועלף ביז צוויי; אַ נאָכמיטאָג־קאָקטאַיל פון פיר ביז זעקס. מיינט נישט אַז דאָס איז געווען אַ פּשוטער קאָק־טאַיל. ווען איך עס נאָר דאָס וואָס מ'האָט סערווירט, וואָלט איך שוין אַ גאַנצן טאָג מער נישט באַדאַרפט עסן. אָוונטברויט איז געווען פון אַכט אַזייגער וואָס האָט געדויערט עטלעכע שעה.

פאַרהעלטענישמעסיק איז דער פּענסיאָן־פּרײַז געווען אַ נידעריקער. איך האָב נישט פאַרשטאַנען ווי קאָן מען טאַקע פאַר אַזאַ פּרײַז געבן אַזוי פיל צו עסן? בײַ אַ געלעגנהייט האָב איך עס איבערגעפרעגט דעם מענעדזשער, אַ קליינער, אַ דאַר פאַרשווינדל, וואָס האָט מיך אַלע מאָל

באַגעגנט מיט אַ שמייכל אַפילו דאַן ווען ער האָט מיך אַרויסגערופן צו אַ שווערן פאַל.

— ווי אַזוי קענט איר זיך דערלויבן צו געבן אַזוי פיל צו עסן? — האָב איך אים אַ פרעג געטון.

ער האָט צו מיר שעלמיש אַ צוויק געגעבן מיטן אויג און מיר איַינגערוימט אַ סוד:

— לויט דער האָטעל־סטאַטיסטיק — פאַרשטייט איר מיך — נאָך אַ פּאָר טעג זיך אָנעסן צו דער זעט בלײַבט איבער נישט מער ווי צען פּראָצענט פון די געסט וואָס קאָנען נאָך עפּעס פאַרדייען. די איבעריקע נײַנציק פּראָצענט עסן שוין דעמאָלט קיין העלפט אויך נישט. וואָרשײַנ־לעך האָט דער האָטעל־אייגנטימער זײַן געשעפט זייער גוט פאַרשטאַנען ווי אַזוי עס צו פירן.

באַזוכנדיק אַ פּאַציענט בין איך איין מאָל פאַרבעטן געוואָרן צו מי־טאָג. מ׳האָט מיך געזעצט בײַם טיש מיט נאָך אַ פּאָר אַמעריקאַנער פאַ־מיליעס. און וואָס איז געווען די הויפּטטעמע פון געשפּרעך? — עסן. מ׳האָט געלויבט די פאַרשידנסטע ספּעציאַליטעטן פון האָטעל. איינער פון די אָנוועזנדיקע האָט באַהויפּט אַז ער קומט אַהער נאָר וועגן די דעסערטס. אַדרבא, פּרוווט באַקומען אַזעלכע דעסערטס אין אַן אַנדער אָרט אין אַמע־ריקע? — האָט ער בקול־רם געטענהט, און דווקא נישט קיין גרויסער נאַשער.

איך בין געזעסן אַ ביסל אומבאַהאָלפן און געפּרוּווט זיי פאַרוויקלען אין אַנדערע טעמעס. ס׳האָט אָבער גאָר נישט געהאָלפן. מ׳איז אַלע מאָל צוריק געקומען צו דער זעלביקער קולינאַרער קונסט. איז עס טאַקע אַזוי וויכטיק דאָס עסן פאַרן אַמעריקאַנער? — האָב איך מיר געטראַכט. איך גלייב אַז דער אַמעריקאַנער לעבט מערסטנס אין אַ שפּאַנונג און ער וויל געניסן אומבאַגרענעצט פון זײַן פרײַע צײַט. אויסער דעם איז ער נישט געוווינט בײַ זײַן טאָג־טעגלעכער אַרבעט צו עסן נאָרמאַל מיטאָג, שלינגט ער איַין אַ פּאָר סאַנדוויטשן (איך רעד דאָ שוין וועגן דעם פאַרמעגלעכערן געשעפט־מאַן) און איצט זײַענדיק דאָ אויף וואַקאַ־ציעס וויל ער געניסן ווי צום מערסטן טאַקע פונעם עסן, ס׳הייסט, עסן און אויך האָבן אַ הנאה פון דעם וואָס ער עסט.

מיט דער צײַט האָב איך זיך צוגעוווינט צום אַמעריקאַנער אָרט לעבן. מאַטעריעל איז מיר געגאַנגען גוט. און די הויפּטזאַך, איך האָב אָנגע־הויבן ווערן אַן אַנדערער מענטש, אַן אָפּטימיסטישער מיט מער גלויבן אין דער צוקונפט.

קאַפּיטל פינף און פופציק

דער לעצטער נצחון אויפן לעצטן וועג

אָפט מאָל, פאַרברענגענדיק די הערלעכע זומער־אָוונטן אין קרייז פון מיין קליינער פאַמיליע, געזעסן אויף דער טעראַסע, באַטראַכט דעם פרייען אויסגעשטערנטן הימל איבער די גראָע בערג, געהערט דעם גע־רויש פון די ביימער אין נאָענטן וואַלד — האָט דאָס אַלץ מיר געגעבן אַן אינערלעכע רו, אַ וווּנדערלעך געשאַנק פון גאָט. איך האָב זיך נאָך קיין מאָל נישט געפילט אַזוי נאָענט צו דער נאַטור און פשוט געשפּירט איר אורקראַפט מיט אַלע מיינע חושים. ביי מיר איז עס געקומען מער פון אַ מעטאַפיזישן קוואַל קעגן וועלכן אַלע ערדישע זאַכן האָבן פאַר־לוירן זייער באַטייט. איך וואָלט ריזיקירט צו באַהויפּטן אַז אין אַזעלכע מאָמענטן האָב איך זיך געפילט גליקלעך.

איך ווייס נאָר נישט צי מע קען אויף מיר אָנווענדן אַזאַ אויסדרוק, ווייל ווי מיר דאַכט פעלט זיך עס עפּעס נישט מיט מיר. דאָך איז עס געווען אַ הערלעך געפיל וואָס מאַכט דערהויבן דעם מענטש. אַט האָב איך דערהערט די שטימע פון מיין טעכטערל, וואָס פלעגט דערציילן פון איר לעבן אין דער שולע, פון אירע חברטעס. זי איז געווען צו מיר זייער צוטריינגלעך. איך האָב איר קיין מאָל נישט דערציילט פון מיינע איבערלעבענישן. זי האָט נאָר געוווּסט אַז איר דידי האָט זייער אַ סך געליטן אין דער צייט פון דער מילחמה. אָפט פלעגט זי מיך צערטלעך אַרומנעמען און זיך צוטוליען צו מיר. איך גלייב אַז זי האָט געמיינט, אַז איר וואַרעמקייט וועט מיר העלפן כ׳זאָל אפשר פאַרגעסן דאָס אַלץ וואָס כ׳האָב דורכגעמאַכט אין לעבן.

מיר איז עס אַלצדינג פאַרגעקומען ווי אַ חלום. אַליין אַ נשמהדיקער אינוואַליד, וואָס האָט פאַרלוירן יעדע האָפענונג צו געפינען נאָך אַ ביסל גליק אין זיין לעבן, האָב איך דאָ אין דעם קליינעם אַמעריקאַנער שטעטל, ווייט פון מיין אַלטער היים, זיך אָנגעהויבן צו פילן גליקלעך. איך האָב זיך אַלע מאָל באַמיט צו האַלטן פון אַ געוויסער דיסטאַנץ פון מיין גליק

מורא האָבנדיק אַז ווען איך וועל זיך מער צו אים דערנענטערן קען איך נאָך אַלץ צעשטערן.

מעגלעך אַז די וואָרצלען ליגן אין מײַן נאַטור. כ'האָב זיך קיין מאָל נישט אויסגעצייכנט מיט קיין באַזונדערער גיריקייט. כ'בין געווען גליקלעך ווען מײַן פאַמיליע איז געווען גליקלעך. מײַנע גליקלעכסטע מאָמענטן זענען געווען פּאַרמישט מיט אַ סאָרט מעלאַנכאָליע. דאָס געפיל פון פּערזענלעכן גרענעצלאָזן גליק איז מיר געווען פרעמד.

אין איינעם אַ געוויינטלעכן טאָג איז געקומען די דערוואַכונג. איך האָב זיך שוין שלעכט געפילט. כ'בין אָפט געווען מיד און געפילט שמערצן אין דער געגנט פון הארץ. אַ סך דאָקטוירים מיינען אַז דער פּאַציענט קאָן יאָ קראַנק ווערן, נאָר זיי אַליין זעלטן. אויף זיי האָט עס נישט קיין שליטה. איך האָב אויף דעם אַלעם קיין באַזונדער אַכט נישט געלייגט. דאָס מאָל האָב איך באַקומען זייער שטאַרקע הארצווייטיקן און געבעטן מײַן פרוי, זי זאָל מיך אינטערנירן אין אַ שפּיטאָל. נאָך געניטע אונטערזוכונגען האָט מען פעסטגעשטעלט אַז איך האָב אַ האַרצפעלער. דער דיאַגנאָז פון די ספּעציאַליסטן איז געווען מײַן ענדגילטיקער אורטייל. אין אַזעלכע פאַלן איז נייטיק אַ כירורגישע אינטערווענץ. ס'איז אַ קאָמפּליצירטע אָפּעראַציע. דער פּאַציענט בלײַבט שוין אַן אינוואַליד. אין בעסטן פאַל בלײַבן אים איבער בלויז אַ פּאָר יאָר צום לעבן און אין איין מאָמענט איז מײַן גאַנצע וועלט צעפאַלן. מע שטעלט אײַך פאָר אַ געשעענעם פאַקט קעגן וועלכן איר זײַט אין גאַנצן אוממאַכטיק.

אין מײַן לאַנגער פּראַקטיק ווי אַ דאָקטאָר האָב איך זיך באַגעגנט מיט ענלעכע פאַלן. דעם פּאַציענט האָב איך דעם ביטערן אמת נישט געזאָגט. געפּרוּווט אים מיט פאַרשידענע מעדיצינישע אויסדריקן פאַרשלײַערן דעם פאַקטישן צושטאַנד און די צוקונפט וואָס דערוואַרט אים. איצט בין איך געווען דער פאַראורטיילטער. כ'האָב גענוי געוווּסט וואָס אַזוינס ס'דערוואַרט מיך. דער ביטערער גורל האָט מיך ביז צום סוף נישט געשוינט. ווי דורך אַ נס האָב איך זיך געראַטעוועט פון די היטלעריסטישע חיות, און שפּעטער דורכגעמאַכט דעם שווערן וועג פון אַ פּאַרטיזאַנער. נישט איין מאָל האָב איך געזען דעם טויט פאַר די אויגן און זיך שטענדיק פון אים אַרויסגעדרייט. נאָך יאָרן שווערער אָנגעשטרענגטער אַרבעט האָב איך ענדלעך געפינען מנוחה, אַ ביסל גליק און נחת פון מײַן קליינער פאַמיליע. און מיט איין מאָל איז דאָס אַלץ צערינען, צעשטערט געוואָרן. דאָס איז געווען פאַר מיר אַ שווערער קלאַפּ. מײַן גײַסטיקער גלײַכוואָג איז געוואָרן צערודערט, צעבראָכן.

כ׳האָב בשום־אופן נישט געקענט שלום מאַכן מיטן געדאַנק אַז מײַן האַרטער און האַרבער אורטייל איז אויך אַן אומפאַרמײַדלעכער. פאַר וואָס האָט עס דווקא איצט געדאַרפט טרעפן אַ מענטשן וואָס האָט נאָך לאַנגע ביטערע יאָרן אָנגעהויבן פילן דעם טעם פון גליק. פראַגעס און ווידער פראַגעס.

אָפט פלעג איך פּרוּוון זיך אַליין איבערצײַגן אַז מײַן גורל איז גאָר נישט אַזוי וויכטיק. אַזוי פיל מאָל בין איך שוין אַנטלאָפן פון טויט, אַזוי פיל מאָל. איצטיקס מאָל האָט ער מיך געפּאַקט, מיך דערווישט. ער וועט מיך שוין נישט אָפּלאָזן. פאַרפאַלן. כ׳האָב געטראַכט פון מײַן פאַמיליע, פון מײַן יונג טעכטערל, וואָס וועט זיך מוזן דורכשטופּן דורכן לעבן אָן מײַן הילף. אָבער גלײַכצײַטיק מוז איך זיך מודה זײַן, אַז דאָך איז מײַן פּערזאָן געווען דער מיטלפּונקט פון מײַן קליין וועלטעלע. כ׳האָב פּשוט געוואָלט נאָך אַ ביסל געניסן פון מײַן פּערזענלעכן גליק, וואָס איז מיר אַזוי קורץ באַשטימט געווען.

ס׳האָט נישט געהאָט קיין זין אָפּצולייגן די אָפּעראַציע. פאַרקערט, מ׳האָט זי געדאַרפט דורכפירן ווי צום גיכסטן און תיכּף האָב איך זיך דערצו אַנטשלאָסן. איך געדענק נאָך גענוי ווי מ׳האָט מיך געפירט אין אָפּעראַציע־זאַל. די באַקאַנטע שאַרפע ריחות האָבן מיך באַגעגנט. אַלע מאָל האָב איך באַגלייט די קראַנקע. דאָס מאָל בין איך אַליין געלעגן אויפן אָפּעראַציע־טיש. ס׳איז געווען אַ שווערע און שמערצלעכע אָפּעראַציע. כ׳האָב נאָכהער געדאַרפט חדשים לאַנג אָנהאַלטן רו. די שווערסטע צײַט איז עס געווען פאַר מיר. כ׳האָב זיך צו מײַן אַרבעט באַצויגן אַ גאַנץ לעבן מער ווי צו אַ מיסיע אין לעבן. איצט אָבער בין איך געווען פאַראורטיילט צו אומטעטיקייט. כ׳וועל שוין קיין מאָל נישט קאָנען אַרבעטן ווי אַ דאָקטאָר.

כ׳האָב זיך איצט געפינען אונטער אַ שטענדיקן דרוק פון מײַנע מחשבות, וואָס האָבן זיך כּסדר געדרייט אינעם זעלביקן טרויעריקן קרײַז, פון וועלכן קיין שום אַרויסגאַנג און רעטונג איז מער נישט געווען. כ׳האָב געמוזט מאַכן די געוואַלדיקסטע אָנשטרענגונגען בכדי נישט אַרײַנצופאַלן אין אַ פולשטענדיקער אַפּאַטיע און רעזיגנאַציע. ס׳איז פאַר מיר געווען די שווערסטע צײַט אין מײַן לעבן. ס׳איז פּשוט שווער אין ווערטער איבערצוגעבן דעם גײַסטיקן צושטאַנד פון אַ מענטשן וואָס וואַרט אויף זײַן אומפאַרמײַדלעכן גזר. אפשר לעבן עס איבער די פאַרמישפּטע צום טויט אין די תּפיסות פון סינג־סינג. ס׳איז אפשר בעסער די וואָס ווייסן נישט ווען ס׳וועט פאַר זיי אויסשלאָגן די לעצטע שעה. זיי מוזן אָבער

זײַן צוגעגרייט, ווײַל ער קאָן יעדע מינוט צו זיי קומען אַן אומגעריכ־טער. און זיצנדיק אין דער צעלע פילן זיי אַז אַלע וועגן זענען פון דאַנען פאַרמאַכט און דער איינציקער וועג, וואָס איז פאַר זיי אָפן, איז נאָר דער וועג וואָס פירט צום טויט.

פילאָסאָפן, שריפטשטעלערס און דענקערס האָבן שוין געצוג וועגן דעם געשריבן. איך האָב זיך דערמאָנט אינעם פשוטן זאַץ, וואָס כ'האָב, נאָך אַ קינד אין חדר, געלערנט, אַז צדיקים זענען זוכה צו אַ שנעלן און לײַכטן טויט. און פרומע ייִדן האָבן עס געבעטן בײַ גאָט. דער זין פון דעם איז מיר איצט געוועזן אַזוי קלאָר.

דער אומהיימלעכער געדאַנק וועגן טויט איז איצט געוואָרן מײַן שטענדיקער באַגלייטער. ער האָט מיך אומעטום באַגלייט ווי אַ שאָטן. כ'פלעג זיך אויפהייבן מיט אים און גיין שלאָפן מיט אים. מיט דער צײַט איז מיר געקומען דער באַוווסטזײַן, אַז ער קען מיך שוין אַפילו נישט איבערראַשן. כ'בין שוין געוועזן צוגעוווינט אים צו באַגעגענען אין גע־דאַנק אויף טריט און שריט. מיט דעם אַליין האָב איך זיך אָנגעהויבן פילן מער ווי אַ צושויער, אַ זײַטיקער, נישט ווי אַ דירעקט באַטייליק־טער, אַן אוממיטלבאַרער אָנטיילנעמער. כ'האָב שוין באַטראַכט די טראַ־געדיע מער פון פילאָסאָפישן שטאַנדפּונקט.

מײַן מורא איז פון מיר פאַרשוווּנדן. כ'האָב זיך אָנגעהויבן צו אינ־טערעסירן מיט טאָג־טעגלעכע פּראָבלעמען. מיט אינטערעס האָב איך נאָכגעפאָלגט די געשעענישן אין דער וועלט. אָנגעהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיט מײַנע פרײַנד אין שטעטל און נישט איין מאָל פלעגן זיי זיך באַראָטן מיט מיר און זוכן בײַ מיר אַן עצה. מיט גרויס אינטערעס האָב איך זיך צוגעהערט צו די דערציילונגען פון מײַן טאָכטער. כ'האָב איר אָפט געהאָלפן אין אירע שול־אויפגאַבעס, באַמיִענדיק איר אויפקלערן מער פון לעבן, צוגרייטן זי צו דער שווערער צוקונפט אירער. ס'איז מיר גע־לינגען זיך אַרויסצורײַסן פונעם אײַזערנעם רינג וואָס מײַן קראַנקייט און איר אויסגאַנג האָבן אַרום מיר פאַרצויגן. איך גלייב אַז ס'איז געווען דער שווערסטער קאַמף אין מײַן לעבן — אַזוי רײַך אין געראַנגלענישן. ס'איז געווען מײַן לעצטער נצחון.

**
*

אַזוי זענען געפלאָסן טעג, וואָכן, חדשים. איך האָב געפילט ווי מײַנע כּוחות שרומפּן אין מיר אײַן, ווערן שוואַכער, אָט וועלן זיי אין גאַנצן פאַרשווינדן.

ליגנדיק אַזוי אויף מײַן טעראַסע אין אַ זומערטאָג און וואַרעמענדיק מײַן אויסגעצערטן קערפּער אין דער זון האָב איך די מאָמענטן געפּילט ווי אַ וווּנדערלעכער געשאַנק פון גאָט, און דער נאָענטער וואַלד און די אַרומיקע גרינלעך־גאָלדיקע בערג האָבן אין מײַנע אויגן גאָר אַנדערש אויסגעזען.

יעדער אָוונט אין העלן לבנה־שײַן איז פאַר מיר געווען אַן אומ־טערלישער אומבאַשרײַבלעכער תענוג. איך האָב דעמאָלט בײַ זיך גע־טראַכט און צו זיך אַליין געזאָגט:

— ווי לאַנג וועט עס נאָך אַזוי געדויערן... אַ טאָג, צוויי... און אפשר לענגער...

נ אָ כ װ אָ ר ט

דאָקטאָר לעאָן בלומס קבר געפינט זיך אינעם צפון־אַמעריקאַנער שטעטעלע מאָנטעסעלאָ, אויפן דאָרטיקן בית־עולם, אַרומגערינגלט מיט בערג און וועלדער וואָס ער האָט זיי אַזוי ליב געהאַט — אַ ווײַטער, ווײַטער מהלך פון זײַן געבוירנשטאָט אין פּוילן.

דער קרעדאָ פון זײַן לעבן, וואָס ס׳איז געווען די שטענדיקע זאָרג פאַרן קראַנקן, האָט אויך דער טויט נישט געקענט צעשטערן.

אין זײַן צוואָה שענקט ער אַוועק זײַן האַרץ אַ פאָרשונג־צענטער פאַר האַרצקראַנקע, און נאָך זײַן טויט איז אָט דער לעצטער ווונטש זײַנער געוואָרן דערפילט.

ער איז דורכגעגאַנגען אין זײַן לעבן אַ לאַנגן וועג, וואָס איז געווען אויסגעפילט מיט צער, ווייטיק, פּײַן און מאַטערנישן, און דאַן מיט קורצן גליק, וואָס ער האָט געפינען אין די לעצטע יאָרן פון זײַן לעבן, אַ לעבן, אין וועלכן ער האָט אַלץ פון זיך געגעבן און אַזוי ווייניק פון אים באַקומען.

פאַרלאַג „ייִדישלאַנד“

ביבליאָטעק פון שיינער ליטעראַטור

משה קנאַפּהיים
באַלאַדעס פון מײַן הרובער היים

משה קנאַפּהיים
עשׂרה הרוגי־מלכות אין וואַרשעווער געטאָ

משה קנאַפּהיים
אליה בחורס בבֿא־בוך

גאָסיע כּאַראַש
צווישן צוויי אמתן

ח. ש. קאַזדאַן
משה קנאַפּהיים

מאַקס קלאָס
בײַם שײַן פון ראַמפּע־ליכט

צבי שובער
די פּאַרפּישופּטע וועלט פון אַמאָל

ד״ר לעאָן בלום / מיראָן לעשעם
אַ געשאָנקען לעבן

דאָס בוך
האָט זיך געענדיקט דרוקן
דעם צוואַנציקסטן יאַנואַר
טויזנט ניַין הונדערט זעקס און זיבעציק
אין דער דרוקעריַי
זלאָטאָפּיאָראָ
סאַרמיענטאָ 3149
אין
בוענאָס־איַירעס

●

Este libro se terminó de imprimir en enero de 1976 en los Talleres Gráficos ZLOTOPIORO S.A.C.I.F., Sarmiento 3149, Buenos Aires